STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03094

YIDISHE GESHIKHTE

Ignacy Schiper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג
„אחי
ספר"
וואַרשע

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

(ווירטשאַפטסגעשיכטע)

פֿאַרלאַג „אחיספר“ ביי געז. „צענטראַל“ וואַרשע, נאַלעווקי 7.

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

דריטער באַנד

פאַרלאַג „אחיספר“ ביי געז. „צענטראַל“ וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7.

1 9 3 0

Zakład graficzny „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki 7.

Printed in Poland

קאפיטל זעקס און צוואנציק

די עקספלאָאטאַציע פונם יידן-רעגאַל אין דייטשלאַנד פאַר די יאָרן 1350 — 1500

75§ די צעשפּליטערונג פון דעם יידן-רעגאַל.

נאָך פאַר דער בלוטיקע געשעענישן בעת דער „שוואַרצער מגיפה" האָט אַ ריי שררות און שטעט פאַרשטאַנען אַרויסצובאַקומען פון דעם דייטשן קיסר פאַרשיידענע רעכט לגבי די יידן, ווי אַ שטייגער, דאָס רעכט אויפצונעמען ביי זיך און צו נעמען דערפאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל, אָדער דאָס רעכט צו באַשיצן די יידן, צו האַלטן איבער זיי משפטים וכדומה.

נישט תמיד פלעגן די נייע „יידן-פאַטראָנען" אויספועלן ביים העכסטן „יידן-פאַטראָן"—דעם קיסר פולע מאַכט-באַרעכטיקונגען לגבי די יידן, דהיינו, אַלע פון די אויפגעציילטע רעכט אינאיינעם. אַזוי, למשל, האָט מיטן רעכט אויפצונעמען יידן געלאָזט זיך אויך פאַרבינדן דאָס רעכט צו נעמען ביי זיי אַן איינמאָליקן אָפּצאָל, אָבער לגמרי נישט דאָס רעכט צו נעמען ביי זיי סיסטעמאַטיש שטייערן אָדער צו האַלטן איבער זיי משפטים.

פריער, ווי אַנדערע, האָט זיך איינגעגעבן די קור-פירשטן צו פאַרייביקן אין זייערע הענט אַלע מאַכט-באַרעכטיקונגען איבער די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין זייערע שטחים. דער דרוק, וועלכן די קור-פירשטן האָבן אין דעם פּרט אויסגעאיבט אויפן קיסר, איז זיי פאַרהעלטעניש-מעסיק לייכט אָנגעקומען, מחמת זיי האָבן מיט זיך

פאַרגעשטעלט יענע גרופע הויכגעשטעלטע שררות, צו וועלכער ס'האָט באַלאַנגט דאָס רעכט אויסצוקלייבן אַ קיסר. אין יאָר 1356 באַקומען זיי פון דעם קיסר דעם באַרימטן „גאָלדענעם ביל", וואָס אַנטהאַלט צווישן אַנדערע פונקטן אויך אַן אַלגעמיינע סאַנקציע פאַר זייערע מאַכט-באַרעכטיקונגען איבער די יידן. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, ווי אַזוי עס ווערט אין דעם ביל מאָטיווירט דער איבערגאַנג פון דעם יידן-רעגאַל צו די פירשטן-עלעקטאָרן: היות, ווי די קור-פירשטן—לייענען מיר אין דעם ביל—איז באַוויליקט צו עקספּלאָאַטירן אין זייערע שטחים אַלע גרובנס פון גאָלד, זילבער, צין, קופּער, בליי און אייזן, ווי אויך אַנדערע מעטאַל-גרובנס און זאַלץ-זידערייען, „זאָלן זיי אויך האָבן דאָס רעכט אויפצונעמען און צו האַלטן ביי זיך יידן און צו געניסן פון די צאָל-אָפּצאָלונגען". די יידן ווערן דאָ, אַלזוי, אָן שום פאַרשלייערונגען געשטעלט אויף איין פלאַך מיט אַזעלכע רעגאַלן, ווי גרובנס און צאָל...

אַ סך שווערער איז פעסטצושטעלן אויף אַן אַלגעמיינעם אופן, ווען דער יידן-רעגאַל איז אַריבער צו די קלענערע שררות און צו די שטעט. כמעט פאַר יעדער שטאָט און פאַר יעדן טעריטאָריאַלן האַר האָט זיך דער פּראָצעס אַנדערש פאַנאַנדערגעוויקלט און צו אַן אַנדער צייט גענומען אַ סוף. געמיינזאַם איז דאָ בלויז דאָס שטרעבן פון די שררות און שטעט אַרויסצובאַקומען פון דעם קיסר וואָס מער רעכט לגבי די יידן און צו פירן אַ זעלבשטענדיקע יידן-פּאָליטיק. צום לענגסטן איז דער קיסר געבליבן ביי זיינע יידן-רעכט אין די מלוכה-שטעט.

אַלע איבעריקע שטעט און טעריטאָריעס האָבן אַ סך פריער פאַרפעסטיקט זייער ממשלה איבער די יידן. דערצו האָט דערעיקרשט גורם געווען, וואָס די קיסרים פלעגן פירן אַ קורזיכטיקע פינאַנץ-פּאָליטיק, זעענדיק בלויז דעם נאָענטסטן מאָמענט און זיי פלעגן זיך אין אַן עת-צרה פאַרשאַפן די נויטיקע געלטער דורך אַ לייכטזיניקן און פאַרשווענדערישן איבערגעבן דעם יידן-רעגאַל אַלס משכון צו די קרעדיטאָרן זייערע, די שררות אָדער שטעט. אויף אַן ענלעכן אופן האָבן אויך אָפט געהאַנדלט די שררות, און דעריבער זענען טאַקע פאַר די שטעט געשאַפן געוואָרן מעגלעכקייטן צו דערגרייכן — פריער אָדער שפּעטער — אַ וואָס גרעסערן סכום-באַרעכטיקונגען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן באַזיץ פונם יידן-רעגאַל.

פוּלע מאַכט-באַרעכטיקונגען אָדער „האָהייטס-רעכט" איבער ייִדן האָבן, אפנים, אין דער באַהאַנדלטער תּקופה דערגרייכט בלויז צוויי שטעט: מ אַ י נ ץ און ש פּ יי ע ר. אין דידאָזיקע שטעט זענען די ייִדן באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1348 — 1350 פאַרוואַנדלט געוואָרן פון „קיסרלעכע קאַמער-קנעכט" — אין פּשוטע „שטאָטישע קאַמער-קנעכט". אַזוי, אַ שטייגער, לייענען מיר אין אַ דאָקומענט פון י. 1352, אַז דער קיסר האָט דער שטאָט ש פּ יי ע ר באַוויליקט, אַז „אַלע ייִדן, וואָס וועלן ביי אונז אין שפּייער וווּנען נישט איז וואוינען, זאָלן א ו י ס ש ל י ס ל ע ך צו אונז באַלאַנגען און זיין אונזער אייגנס מיט לייב און האָב".

אַרום דערזעלבער צייט נעמט אויף דער מאַינצער שטאָט-ראַט ייִדן „מיט זייער לייב און האָב אַלס אונזערע ייִדן און בירגער". אַנדערע שטעט האָבן אַזעלכע ברייטע רעכט נישט דערגרייכט. אין אַלגעמיין לאָזט זיך אָבער פעסטשטעלן, אַז נאָך דעם „שוואַרצן טויט" איז צו זיי אַריבערגעגאַנגען דאָס ר ע כ ט פ ו ן א ו י פ צ ו נ ע מ ע ן ייִ ד ן א ו ן צ ו נ ע מ ע ן ב יי ז יי ר ע ג ל מ ע ס י ק ע ש ט יי ע ר ן. וואָס אמת, פלעגן די שטעט באַקומען אַזעלכע רעכט לגבּי די ייִדן בלויז אויף אַזאַ צייט, אויף ווי לאַנג ס'איז ביי זיי געווען פאַר־משכּונט דער ייִדן-רעגאַל. היות אָבער דער קיסר אָדער די לאַנד־שררות פלעגן זעלטן ווען האָבן די נויטיקע געלטער אויף אויסצוקויפן צום אָפּגעמאַכטן טערמין דעם משכּון, זענען די מאַכט־באַרעכטיקונגען לגבּי די ייִדן גאַנצע יאָרצענדליקער געבליבן ביי די שטעט. די שטעט זענען אויך בעת די לעצטע 150 יאָר פונם מיטלאַלטער דער פאַקטישער מאַכט-האָבער, צו וועלכן ס'באַלאַנגט דאָס רעכט אויפצונעמען ייִדן און צו באַשטימען די הויך פון די ייִדישע שטייערן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דער פראַגע פונם ייִדן-רעגאַל איז דער שווער-פּונקט אַלץ מער אַריבער צו די שטעט, האָט דאָך דער קיסר און די לאַנד-שררות בעת דער גאַנצער תּקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, אַרויסגעוויזן געוואָגן קראַפט, בכדי צו בלייבן שותּפים ביי דער עקספּלאָאַטאַציע פונם ייִדן-רעגאַל. אין די הלוואה-אָפּמאַכן מיט די שטעט פלעגט זיך דער קיסר אָדער די שררות ביים פאַר־משכּונען דעם ייִדן-רעגאַל אויסדינגען אַ טייל פון די הכנסות, וואָס האָבן געזאָלט אַריינפליסן פון די ייִדן אין די שטאָטישע קאַסעס.

אזוי, אַ שטייגער, האָט די שטאָט פראַנקפורט ביים מאין, לויט אַן אָפּמאַך פון י. 1372, געדאַרפט צאָלן דעם קיסר אַ העלפט פון אַלע הכנסות, וועלכע זי האָט געהאַט פונם יידן-רעגאַל. אין נירנבערג האָט דעם קיסרס חלק, לויט אַן אָפּמאַך פון י. 1360, באַטראָפן 2/3 פון אַלע הכנסות, אַזוי, אַז די שטאָט האָט פאַר זיך גענומען בלויז 1/3 פון די יידישע שטייערן.

לויט אַן אָפּמאַך, וועלכן קיסר ווענצל האָט אין י. 1385 געשלאָסן מיטן בונד פון די שוואַבישע שטעט, האָט זינט דעם י. 1388 געזאָלט איין העלפט פון די יידן-שטייערן באַלאַנגען צום קיסר און די אַנדערע העלפט צו די שטעט. אין י. 1389 האָט דערזועלבער קיסר פאַרלאַנגט פון די שטעט, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע יידן-רעכט, דהיינו, פון דער העלפט יידן-שטייערן. ער האָט דאָס אָבער ניט באַוויזן דורכצופירן.

ענלעכע אָפּמאַכן באַגעגענען מיר אויך צווישן די שטעט און טעריטאָריאַלע שררות. אַזוי, אַ שטייגער, באַשטעטיקט אַ דאָקומענט פון י. 1370, אַז די הכנסות פון די יידן אין קעלן ביים ריין דאַרפן געטיילט ווערן צווישן דער שטאָט און דעם קעלנער ערצבישאָף, וועלכער באַקומט, חוצדעם, נאָך 75 אָדער 76 מאַרק. לויט אַנדערע אָפּמאַכן צווישן שטעט און לאַנד-שררות, ווערן באַשטימט צוויי מינים שטייערן: איין מין פאַר די שטעט און אַ צווייטער — פאַר די שררות.

76 § די יידן אַלס הכנסה-קוואַל פונם קיסר.

אַלס בולטן סימבאָל פון דער מוראדיקער תקופה, וועלכע די דייטשע יידן האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע 150 יאָר פונם מיטלאַלטער, קען דינען די טעאָריע, וואָס איז אויפגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די „יידן-שריפות” און פאַרמעגנס-קאָנפיסקאַציעס בעת דער „שוואַרצער מגיפה” און וואָס האָט פאַרקינדיקט, אַז די יידן באַזיצן זייערע פאַרמעגנס בלויז צייטווייליק (precario modo) און אַז דער קיסר קאָן פון זיי צו יעדער צייט אָפּנעמען זייער האָב און גוטס.

צום פריסטן באַגעגענען מיר דעמדאָזיקן רעיון אויסגעדריקט אין אַ דאָקומענט פון י. 1343, וואָס שטאַמט פונם קיסר לודוויג

דעם בייער. מיר לייענען דאָ אַזאַ באַרעכטיקונג פון אַ פאַר־אָרדענונג, מיט וועלכער דער קיסר האָט סקאַסירט געלט־תביעות פון אַ ריי נירנבערגער יידן: „היות, ווי איר (ד. ה. די יידן) באַלאַנגט צו אונז (ד. ה. צום קיסר) און צו דער מלוכה סיי מיטן לייב, סיי מיטן האָב און גוטס, מעגן מיר מיט אייך און מיט אייער פאַרמעגן באַלעבאַטעווען, טון און האַנדלען, אַזוי ווי מיר ווילן און ווי מיר האַלטן דאָס פאַר גוט...״

דער געדאַנק, וואָס איז דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז בעת די „יידן-שריפות״, דערהויבן געוואָרן צו אַ פּרינציפּ און ער ווערט וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער באַטאָנט און פאָרמולירט. אָט, אַ שטייגער, די פאָרמולירונג זיינע אין אַ בראַנדענבורגער דאָקומענט פון י. 1462: ווען עס ווערט געקרוינט אַ רוימישער קעניג אָדער קיסר, האָט ער דאָס רעכט פון אַלע יידן אין דער מלוכה אָפּצונעמען דאָס האָב און גוטס און ער מעג זיי אויך לאָזן אויסראָטן, איבערלאָזנדיק בלויז אַ קליין הייפעלע, עס זאָל פון זיי בלייבן עפּעס צום אָנדענק...״ נאָך אינטערעסאַנטער איז אין דעם פרט אַ דאָקומענט פון י. 1477, וואָס באַווייזט, אַז ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָבן די יידן אַליין געמוזט מסכים זיין צו דער מוראדיקער טעאָריע. אינם דאָזיקן דאָקומענט ווענדן זיך די רעגענסבורגער יידן צום פויפסטלעכן לעגאַט מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל זיי שיצן פאַר רדיפות. זיי אַרגומענטירן עס דערביי אויף אַזאַ אופן: „קיסר פרידריך האָט בעת זיין קרוינונג, פונקט ווי די פריערדיקע קיסרים, גענומען אין זיין רשות אַלע יידן פון דער מלוכה און בפרט די יידן פון רעגענסבורג. ער האָט דאָס געטון אויפן סמך פון זיין ספּעציעלן אייגנטומס-רעכט, בכדי די יידן זאָלן נישט פאַרטיליקט ווערן דורך די קריסטן, נייערט זיי זאָלן לויט די באַשטימונגען פונם געזעץ דערהאַלטן ווערן ביים לעבן לזכרון פון קריסטוסעס ליידן...״

עד כאן די טעאָריע.

די פּראַקטיק איז לגמרי נישט געבליבן הינטערשטעליק. דאָ ווייטער ברענגען מיר אַ צונויפשטעל פון פרטים וועגן דעם פינאַנציעלן דרוק, וועלכן די קיסרים האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אָנגעווענדט לגבי צו יידן:

א) נאָרמאַלע שטייערן לטובת די קיסרים.

1. „דער גאָלדענער אָפּפער-פּעניג״, גערופן אויך

„געמיינער אָפּפער-פּעניג" אָדער „ווייגאַכטס-שטייער". איינגעפירט האָט דעמדאָזיקן שטייער, ווי שוין באַוואוסט, לודוויג דער בייער, וועלכער האָט אין י. 1342 פאַראָרדנט, אַז אַ יעדער ייד, וואָס ציילט איבער 12 יאָר און פאַרמאָגט מינדעסטנס 20 גילדן זיין אייגנס, איז מחויב יעדעס יאָר צו צאָלן לטובת דעם קיסר 1 גילדן לייב-צינז. אין דער צייט פון קיסר זיגמונד (1411—1437) פלעגט מען אויף פאַרשיידענע אופנים איינמאָנען דעם „גאָלדענעם אָפּפער-פעניג". אַזוי, אַ שטייגער, פלעגט מען אין שוואבן איינמאָנען צו 1 גילדן פון יעדן ייד, וואָס איז אַלט געווען העכער 13 יאָר, בעת אין פראַנקפורט פלעגן צו 1 גילדן צאָלן בלויז פאַרהייראַטע יידן און יידישקעס.

עס פלעגט אויך פאַסירן, אַז מען האָט אָן אַ ציילונג פון יידישע קעפּ באַשטימט געוויסע סכומים, וועלכע די קהילות דאַרפן אַריינטראָגן אַלס אַ „גאָלדענעם אָפּפער-פעניג". דאָס איינמאָנען דעמ-דאָזיקן קאָפּ-שטייער ביי יידן לאָזט זיך פעסטשטעלן ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער. אין י. 1500 האָט דער קיסר פאַראָרדנט, אַז רייכע יידן זענען מחויב איינצוצאָלן דעם קאָפּ-שטייער פאַר אָרעמע יידן, וואָס זענען תחילת פון אים געווען באַפרייט.

2. נאָרמאַלער יידן-שטייער: אין דער באַהאַנדלטער תקופה איז דערדאָזיקער שטייער געווען די גאַנצע צייט פאַרמשכונט ביי די שררות און שטעט, וועלכע פלעגן באַשטימען זיין הויך און אָפּצאָלן דעם קיסר אַ באַשטימטן טייל פון די איינגעמאָנטע געלטער (געוויינלעך אַ העלפט אָדער אַ דריטל). אין עסטרייך האָט דער יידן-שטייער באַטראָפן אין יאָר 1379 — 10.000 פונט; אין י. 1397 — 16.000 גילדן; אונטער פרידריך III (1458—1493) — 200 גילדן פון עסטרייכישע יידן און 500 גילדן פון די יידן אין שטייערמאַרק, קערנטען און קראַין.

ב) אויסערגעוויינלעכע שטייערן.

1. „קרוינונגס-שטייער": דער קיסר פלעגט אים איינ-מאָנען ביי די יידן באַלד נאָך דער קרוינונג, אַלס סימן, אַז ער נוצט נישט אויס זיין „רעכט" צו לאָזן זיי פאַרטיליקן, נייערט ער לאָזט זיי איבער ביים לעבן „צום אָנדענק פון קריסטוסעס ליידן". דער קרוינונגס-שטייער האָט באַטראָפן אַ העלפט, אַ דריטל אָדער אַ פערטל פון די יידישע פאַרמעגנס. גענויע ידיעות זענען אונז פאַרבליבן וועגן די „קרוינונגס-געלטער", וואָס זענען אויפגעמאָנט געוואָרן ביי

די יידן אין די יאָרן 1433, 1438, 1444, 1451 און 1494. לויט דעם אונז שוין באַוואוסטן פּראָיעקט פון דעם ווינער הויף-ייד נחום, האָבן די יידן פון דער גאָרער מלוכה געדאַרפט אין י. 1438 איינצאָלן לטובת דעם קיסר 156.000 גילדן קרוינונגס-שטייער. אין י. 1451 פאַרלאַנגט פרידריך III אין אַ געהיימען צירקולאַר, אַז די שטעט „זאָלן בסוד-סודות אויספאָרשן די גרויס פון די יידישע פאַרמעגנס", בכדי דער קיסר זאָל קאָנען באַשטימען דעם סכום קרוינונגס-געלטער, וואָס האָט געזאָלט באַטרעפן 1/3 פון די פאַרמעגנס.

2. קריגס-שטייערן: לויט די אויפגעהיטע קוועלן-ידיעות זענען זיי ביי די יידן אויפגעמאָנט געוואָרן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין די יאָרן 1373, 1396, 1422, 1425, 1427, 1430, 1432, 1462, 1463, 1470, 1475, 1484, 1486, 1491, 1494, 1497, 1499. די הויך פון די קריגס-שטייערן איז געווען פאַרשיידן: אום צו דעקן אַ טייל הוצאות, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט דאָס צונעמען די מאַרק-גראַפשאַפט בראַנדענבורג פון די וויטעלסבאַכער, האָט קיסר רודאָלף IV אויסגעפּרעסט אין י. 1373 פון די יידן אין אויגסבורג 10.000 גילדן און פון די יידן אין אולם — 12.000 גילדן. אין י. 1396 פאַרלאַנגט דער קיסר פון 5 פרענקישע שטעט (נירנבערג, ראָטענבורג, וויסענבורג, ווינדסהיים און שווינפורט), ווי אויך פון זייערע יידן 10.000 גילדן „צוליב דער גרויסער מלחמה מיט בעמען".

אין י. 1422 האָט דער קריגס-שטייער באַטראָפן 10/0 פון די יידישע פאַרמעגנס און איז געווען באַשטימט פאַר דער מלחמה מיט די הוסיטן; אין י. 1427 האָט דער הוסיטן-שטייער געדאַרפט באַטרעפן צו 1 גילדן פון יעדן יידישן קאָפּ אָן אונטערשייד פון עלטער; אין די י"י 1430 — 1432 האָט דער קיסר באַשטימט די הויך פון דעם הוסיטן-שטייער לויטן אָפּמאַך מיט יעדער קהילה באַזונדער. דער קריגס-שטייער פון י. 1462 האָט געטראָפן בלויז די דרום-דייטשע יידן און ער איז געווען באַשטימט אויף צו באַפרידיקן דעם בראַנדענבורגער קור-פירשט פאַר זיין קריגס-דינסט.

אין י. 1475 איז דער יידישער קריגס-שטייער באַשטאַנען פון אַ קאָלעקטיוון חוב, צו ליפערן 400 צענטנער פולווער (פאַרן קריג מיט אונגאַרן). אין יאָר 1491 האָבן די יידן פון דער מלוכה געדאַרפט צוזאַמען איינצאָלן 2.800 גילדן קריגס-שטייער. אין י. 1494 האָט דער קריגס-שטייער באַטראָפן 1/3 פון די יידישע פאַרמעגנס.

זייער באַדייטנדיק האָט געמוזט זיין דער קריגס-שטייער אין י. 1499 צוליב דער מלחמה מיט דער שווייץ: אַ ראיה, אַז אַזאַ קליינע קהלה, ווי נערדלינגען האָט דעמאָלט געמוזט באַצאָלן 2000 גילדן.

3. **אויסערגעוויינלעכע שטייערן אויף צו דעקן די הוצאות פונם קאָנציל אין קאָסטינץ** (1414—1418).

דער קיסר האָט פון די יידן אויסגעפּרעסט פאַר דעמדאָזיקן צוועק אומגעהויערע סכומים. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די יידן פון **קעלן** פאַרגעלייגט צו געבן 12.000 גילדן, פון **אויגסבורג** — 2.800 ג., פון **מאַינץ** — 2.000 ג., פון **וואָרמס** — 1.500 ג., פון **אולם** — 933 ג. דער קיסר איז אָבער מיט דידאָזיקע פאָרשלאָגן נישט געווען צופרידן און ער האָט פון די יידן אין קעלן פאַרלאַנגט 84.000 גילדן. מיט די יידן אין פראַנקפורט האָט ער פאַרהאַנדלט וועגן אַ העלפט און דאַן וועגן 1/3 פון זייערע פאַרמעגנס; מיט די יידן אין רעגענסבורג — וועגן 1/3 פון זייער האָב; ביי די יידן אין נירנבערג האָט ער גענומען 12.000 גילדן און אַז. וו. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דער קיסר האָט אויפן זעלבן קאָנציל אויסגעפּועלט ביים פּויפּסט **מאַרטין** V אַ באַשטעטיקונג פון יידישע פּריווילעגיעס, האָט ער שפּעטער פון די יידן געפאָדערט ספּעציעלע שטייערן.

4) **בילאָן-געלטער** (1418) פאַר זיין באַמיונג: זיי האָבן באַטראָפן „דעם 30-סטן פּעניג", דהיינו, 3.3% פון די יידישע פאַרמעגנס און האָבן לויט אַ פראַגמענטאַרישער רשימה אַריינגעטראָגן 600 גילדן פון 14 שוואַבישע קהילות.

ג) **אויסערגעוויינלעכע „שאַצונגען"** (**אויספּרעסונגען**) **פון יידן**.

1) **הכנסות פון סקאַסירן און פאַרקויפן יידישע געלט-תביעות.** באַזונדערס ענערגיש האָט דעמדאָזיקן הכנסה-קוואַל אויסגענוצט קיסר ווענצל. אין י. 1385 שליסט ער אַן אָפּמאַך מיט די שוואַבישע שטעט, לויט וועלכן ער פאַרקויפט זיי פאַר 40.000 גילדן אַלע געלט-תביעות פון זייערע יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן איינצומאָנען, נאָכדעם, ווי דער קיסר האָט פון די תביעות סקאַסירט די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטן און 1/4 פונם קאַפּיטאַל.

אין י. 1390 שליסט דער קיסר אַן ענלעכן אָפּמאַך מיט אַ ריי פירשטן און שררות: ער באַפרייט זיי פאַר אַ געהעריקן אָפּצאָל פון אַלע חובות, וועלכע די יידן האָבן געהאַט פון זיי צו פאָדערן. בלויז

פון דריי שררות — פונם הערצאָג פרידריך פון בייערן, פונם בישאָף פון ווירצבורג און פונם גראַף פון עטינגען, האָט דער קיסר פאַר דערדאָזיקער חובות-סקאַסירונג באַקומען 45.000 גילדן, צו 15.000 ג. פון אַ יעדן. קיסר ווענצל איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעפונען דעם געשילדערטן הכנסה-קוואַל, און אַ פשיטא שוין דער דער לעצטער, וואָס האָט פון אים געשעפּט גרויסע פּראָפיטן.

נאָך פאַר ווענצלען האָבן זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן מעטאָד, אויסצופּרעסן אויף אַן אומדירעקטן אופן יידישע געלטער, קיסר לודוויג דער בייער און רודאָלף IV. די לעצטע האָבן אָבער אויף אַזאַ אופן געהאַנדלט בלויז אין אינדיווידועלע פאַלן לגבי באַשטימטע יידישע פּראָצענטניקעס און באַשטימטע בעלי-חובות, בעת ווענצל האָט דערפון געמאַכט אַ סיסטעם פון אַלגעמיינער באַדייטונג. די נאָכפאָלגער פון ווענצלען, זעענדיק דעם חורבן, וועלכן דער סיסטעם האָט אָנגעמאַכט אין דער יידישער ווירטשאַפט, האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס זיי פלעגן נעמען ביי יידן אַנטשפּרעכנדיקע גרויסע סכומים פאַר פּריווילעגיעס, אַז די יידן וועלן אין משך פון אַ באַשטימטער צייט באַפרייט ווערן פון דער סכנה צו מוזן רעדוצירן אָדער זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון געלט-תביעות און פּראָצענטן. די ערשטע פּריווילעגן פונם דאָזיקן מין זענען באַוואוסט פון י. 1401. קיסר רופּרעכט III האָט זיי אַרויסגעגעבן פאַר די יידן אין מאַינץ, פראַנקפורט און קעלן. דער קיסרלעכער „חסד"—נישט אָנצווענדן קיין סקאַסירונגען פון יידישע תביעות האָט געזאָלט, לויט די פּריוויילעגיעס, חל זיין אויף אַ צייט פון 3 יאָר. עס איז נישט באַוואוסט, וויפל דער „חסד" האָט אָפּגעקאָסט די יידן, ס'ווייזט אָבער אויס, אַז נישט ווייניק... אין י. 1416 האָבן ענלעכע פּריווילעגיעס אַרויסבאַקומען ביים קיסר די יידן פון נירנבערג, נערדלינגען, ווייסענבורג און ווינדסהיים; אין י. 1444—די יידן פון אולם; אין י. 1467 אַ געוויסער ייד מושמאַן (משה) וכדומה.

2. אַנדערע „געלט-שאַצונגען": אין י. 1463 האָט דער קיסר אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ ספּעציעלן שטייער „אויף צו דעקן די מערקבאַרע חובות" פונם מלוכהשן אוצר. דער שטייער האָט באַטראָפן 10% פון די יידישע פאַרמעגנס. די יידן פון פראַנקפורט האָבן צוליב דערדאָזיקער „שאַצונג" געמוזט איינצאָלן 2.300 גילדן. צוויי יאָר שפּעטער (1465) האָט דער קיסר פאַראָרדנט אַ נייע

„יידן-שאַצונג״ אונטערן תירוץ, אַז יידן נעמען וואוכער-צינזן; דהיינו, פּראָצענטן פון פּראָצענטן. פראַנקפורטער יידן (און נישט בלויז זיי!) האָבן צוליב דעם געמוזט צאָלן פרישע 1000 גילדן. אין י. 1471 איז דער קיסר אַרויס מיט אַ פּלאַן, איינצופירן אַ חוץ דעם באַשטייער-דיקן יאָרלעכן „אָפּפער-פעניג״ נאָך אַ צווייטן יאָרלעכן יידן-שטייער, וואָס האָט געזאָלט באַטרעפן צו 3 גאָלד-גילדן פון אַ יעדער יידישער באַלעבאַטישקייט („שטייער-משפחה״).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעמדאָזיקן פּלאַן איז צונויפגערופן גע-וואָרן אַ ספּעציעלער יידישער ועד קיין רעגענסבורג, אָבער עס איז נישט באַוואוסט, מיט וואָס דער ענין האָט זיך געענדיקט.

ה) הכנסות פון פּאַרטיילן און באַשטעטיקן פּריווילעגיעס און „חסים-בריוו״. אין די יאָרן 1401 — 1402 האָט דער קיסר פאַר אַזעלכע „באַווייזן פון גענאָד״ גענומען פון די יידן אין מאַינץ 100 גילדן, פון דער פראַנקפורטער קהילה 300 ג., פון דער רעגענסבורגער קהילה 200 ג. וכדומה. אין י. 1416 נעמט דער קיסר פון די יידן אין נירנבערג, ווינדסהיים, נערדלינגען און ווייסענבורג 10% פון זייערע באַוועג-לעכע פאַרמעגנס פאַר אויסשטעלן זיי אַ „פּריט-בריוו״, וואָס האָט אַנטהאַלטן אייניקע באַגינסטיקונגען אין דער פראַגע פון די יידישע לאַנד- און שטאָט-שטייערן.

ה) הכנסות פון שטראָף-געלטער.

אין אַ צייט, ווען מען האָט די יידן כּסדר באַשולדיקט און פאַרשיידענע פאַרברעכנס, איז דערדאָזיקער הכנסה-קוואַל געווען באַ-זונדערס גרויס און וויכטיק און דער קיסר פלעגט נישט אויסלאָזן קיין שום געלעגנהייט, בכדי פון אים צו שעפּן גרויסע געלטער. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז דער קיסר פלעגט זיך אַריינמישן אין פּראָצעסן, וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן קעגן יידן דורך לאַנד-שררות אָדער שטעט, און אונטערהאַנדלען מיט די לעצטע וועגן דעם חלק, וועלכן זיי דאַרפן אים איינצאָלן פון די אויסגעפּרעסטע שטראָף-געלטער.

1. כל המינים לייסטונגען און „מתנות״ פאַרן קיסרלעכן הויף.

זיי האָבן דערעיקרשט באַשווערט די יידן פון די מלוכה-שטעט. אַזוי, אַ שטייגער, זענען די יידן פון פראַנקפורט, בעת אַ באַזוך פונם קיסר אין דער שטאָט, געווען מחויב צו ליפערן פאַרמעט פאַר

זיין קאַנצעלאַריע, בעטגעוואַנד פאַרן הויף, קעסלען פאַר דער הויף־קיך, „געלט־מתנות" פאַר פאַרשיידענע הויף־באַאַמטע וכדומה. ענלעכע התחייבותן האָבן אויך באַדריקט די יידן פון נירנבערג און אַנדערע שטעט. לויט ווי ס'באַווייזן די חשבונות פונם רייכס־קאַמערער קאָנראַד פון וויינסבערג (פון י. 1438), האָבן די יידן געמוזט אויסהאַלטן פלערליי שליחים, וועלכע דער קיסר פלעגט אַרומשיקן איבערן לאַנד.

פון דער געבראַכטער רשימה פון יידישע שטייערן, לייסטונגען, מתנות וכדומה ווערט בולט די ראָלע, וועלכע די יידן האָבן געשפּילט אין דער פינאַנץ־ווירטשאַפט פון די דייטשע קיסרים. ס'וואָלט נאָך געווען כדאי צו ברענגען פאַרגלייכונגס־מאַטעריאַל, וואָס זאָל אילוסטרירן דעם פּראָצענט, וועלכן די הכנסות פון די „ליבע קאַמער־קנעכט" האָבן אויסגעמאַכט אין דעם אַלגעמיינעם מלוכה־בודזשעט. דאָס איז אָבער, ליידער, נישט מעגלעך, מחמת די צעזייטע קוועלן־ידיעות וועגן דער באַלעבאַטישקייט פון די קיסרים אין מיטלאַלטער, קלעקן נישט אויף צו שאַפן זיך אַן אַלגעמיין בילד וועגן זייערע בודזשעטן. ווי נישט איז, מאַכן אָבער די צעזייטע ידיעות דעם איינדרוק, אַז די הכנסות פון די יידן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די וויכטיקסטע און באַדייטנדסטע פּאָזיציעס אין דעם קיסרס באַלעבאַטישקייט.

אַזוי, אַ שטייגער, האָט זיך קיסר ז י ג מ ו נ ד אין אַ בריוו פון 30/I 1412 באַקלאָגט, אַז די הכנסות פון דער מלוכה באַטרעפן אַ יאָר סך־הכל 13.000 גילדן. באַלד דערויף האָט ער גענומען „פאַרבעסערן" דעם טרויעריקן מצב, אָנהויבנדיק, ווי דער שטייגער איז, פון די „ליבע קאַמער־קנעכט". דער ערפאָלג איז געווען אַזעלכער, אַז בלויז איין איינציקע קהילה, דהיינו, די קהילה אין ק ע ל ן ביים ריין האָט דעם קיסר אין י. 1414 פאָרגעלייגט צו געבן 12.000 גילדן, וואָס דאָס באַטרעפט כמעט אַזויפיל, וויפל ס'האָבן אין י. 1412 אויסגעמאַכט די הכנסות פון דער גאַנצער מלוכה....

§ 77 די אויסבײַטונג פֿונם „יידן-רעגאַל" דורך לאַנד-שררות און שטעט.

די שררות און שטעט, וואָס האָבן אויף די אונז שוין באַוואוסטע וועגן דערגרייכט דעם פּאַקטישן באַזיץ פֿונם יידישן רעגאַל, זענען געווען געטרייע תּלמידים פֿונם קיסר — דעם „אויבער-שוצהאַר", ד. ה. זיי האָבן געקענט גוט עקספּלאָאַטירן דעם יידן-רעגאַל. אָט זענען די וויכטיקסטע שטייערן און אָפּצאָלונגען, מיט וועלכע זיי האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תּקופֿה באַדריקט „זייערע יידן".

I אין די ממשלה-געביטן פֿון די שררות באַגעגענען מיר פֿאָלגנדיקע הכנסות פֿונם יידן-רעגאַל:

1) **נאָרמאַלער יידן-שטייער**: ער באַלאַנגט אין פּרינציפּ צום קיסר, ער איז אָבער ס'רוב פֿאַרמשכּונט צו די שררות (אין שטעט), אַזוי, אַז די לעצטע טרייבן אים איין פֿאַר זיך אינגאַנצן, אָדער בלויז אַ טייל פֿון אים. די הויך פֿון דעם שטייער באַשטימט דער שררה פֿאַר יעדער שטייער-משפּחה באַזונדער, געווײנלעך ביים דערלאַנגען אים דעם „שוץ-בריוו" צו וואוינען אין זיין געביט.

אום צו קאָנען העכערן דעם שטייער, פֿלעגט דער שררה אַרויסגעבן די „שוץ-בריוו" בלויז אויף אייניקע יאָר. ביים באַנייען די „בריוו", פֿלעגט די יידישע שטייער-משפּחה פֿון דאָסניי איינגעשאַצט ווערן. די סכומים, וועלכע אַ שטייער-משפּחה האָט געצאָלט דעם שררה אַלס „יידן-שטייער" אָדער „יידן-שוצגעלט" זענען געווען פֿאַרשיידן: רייכע האָבן געצאָלט מער, אָרעמע ווייניקער. געוויסע הנחות פֿלעגט מען מאַכן פֿאַר אַלמנות, כּלי-קודש, קעסט-קינדער וכדומה. אין ערצבישאָפֿטום **באַמבערג** האָבן די שוצגעלטער באַטראָפֿן פֿון 4 ביז 10 גילדן אַ יאָר פֿון יעדער שטייער-משפּחה, אין דער **קורפּפֿאַלץ** פֿון 5 ביז 42 פֿונט, אינם **ריסער** געביט — פֿון 5 ביז 20 גילדן, אין די שטחים פֿון די **בייערישע** הערצאָגן — פֿון 5 ביז 20 גילדן וכדומה. אין עסטרייך האָט דער יידן-שטייער אַרייננגעטראָגן אין י. 1397 גאַנצע 16.000 גילדן; אַרום דער העלפֿט פֿון 15 י"ה (נאָכן גירוש פֿון י. 1421) — בלויז 6.000 גילדן.

2) **„נאָכשטייערן"** אָדער **„אָפּצוגס-געלטער"** („לעצט-געלטער"): דער שררה פֿלעגט זיי נעמען ביי יידן, ווען זיי

האָבן געוואָלט איבערוואַנדערן אין אַ געביט פון אַן אַנדער שררה. די נאָכשטייערן זענען געווען אַ מין אַנטשעדיקונג פאַר די הכנסות, וועלכע דער שררה האָט צוליב דער איבערוואַנדערונג פאַרלוירן.

3) לייבצאָל אָדער „באַגלייט-געלט" (געלייט געלט): דאָס געלט, וואָס דער ייִד האָט דעם שררה געצאָלט פאַרן שוץ בעת זײַנע נסיעות איבער דעם שררהס געביט.

4) אויסערגעוויינלעכע שטייערן און „מתנות": דער שררה האָט זיי גענומען בײַ די ייִדן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווי, אַ שטייער, בעת אַ מלחמה אָדער צוליב פאַמיליע-פייערלעכקייטן. אַזוי, למשל, האָבן די עסטרײַכישע ייִדן ביים סוף פון 15-טן י"ה געמוזט צאָלן זייער לאַנד-שררה — דעם הערצאָג גרויסע שטייערן פאַר מלחמות מיט די טערקן און אונגאַרן. אין י. 1446 האָבן דיזעלבע ייִדן געמוזט געבן דער שוועסטער פונם הערצאָג פרידריך אַלס חתונה-מתנה" גאַנצע 60.000 גילדן.

5) אויסערגעוויינלעכע „שאַצונגען": צו אַזעלכע האָט, אַ שטייגער, באַלאַנגט דער באַרימטער אָפּמאַך פון אַ ריי שררות מיטן קיסר ווענצל, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין י. 1390. לויט דעמדאָזיקן אָפּמאַך האָבן די שררות פאַר אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם אָפּצאָל לטובת דעם קיסר געמוזט אײַנמאָנען די געלט-תביעות, וואָס האָבן באַלאַנגט צו זייערע ייִדן און זיך באַרײַכערן מיט די אײַנגעצויגענע געלטער.

טיילמאָל האָבן די שררות נישט געוואַרט אויף אַן אָפּמאַך מיטן קיסר, נאָר זיי האָבן אַליין דורכגעפירט אַ מין קאָנפיסקאַטע פון ייִדישע תביעות פאַרן אייגענעם נוצן, בײַ אַ גלייכצייטיקער סקאַסירונג פון אַ געוויסן פּראָצענט חובות. אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער מאַינצער ערצבישאָף אין י. 1405 סקאַסירט 1/5 פון די ייִדישע תביעות און פאַראָרדנט, אַז מען זאָל אים די איבערגעבליבענע 4/5-טל אײַנצאָלן אין פיר ראַטעס. אַזוי האָט אויך דערזעלבער ערצבישאָף געהאַנדלט אין די יאָרן 1407 און 1420.

6) אָפּצאָלונגען פאַר פּריווילעגיעס און כל המינים לייסטונגען פאַר די הויפן פון די שררות.

II אין די שטעט, וואָס זענען געווען אין באַזיץ פונם ייִדן-רעגאַל, איז דאָס בילד נאָך טרויעריקער, דער שטייער-דרוק און

סתם אויספרעסונגען האָבן דאָ דערגרייכט די העכסטע מדרגה. פון דער אויפגעהיטער מענגע קוועלן-ידיעות וועגן די געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אָפּצאָלונגען, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער, נעמען מיר אַרויס בלויז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע.

א) געוויינלעכע שטייערן און לאַסטן.

1) דער נאָרמאַלער יידן-שטייער, גערופן אויך „בירגער-געלט“: די שטעט האַנדלען בנוגע דעמדאָזיקן שטייער, פונקט אַזוי ווי די שררות. די אָפּצאָלונגען זענען יאָרלעכע און ווערן באַשטימט דורך די שטעט לויט דער גרויס פונם פאַרמעגן פון יעדער יידישער שטייער-משפחה. אין פראַנקפורט ביים מאַין האָבן זיי באַטראָפן: אין י. 1412 פון 11 ביז 20 גילדן פון אַ שטייער-משפחה, אין י. 1413 — פון 31 ביז 60 גילדן, אין י. 1462— פון 10 ביז 80 גילדן. ענלעך זענען אויך געווען די שטייער-סכומים אין נירנבערג און רעגענסבורג. אין קלענערע שטעט פלעגן זיי דערגרייכן ביז 40 גילדן פון אַ שטייער-משפחה.

2) געוויינלעכע קאָמונאַלע לאַסטן, ווי, אַ שטייגער, געלט-לייסטונגען אויף צו פאַרריכטן די באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט, אויף שטאָט-וואַך אָדער אויף שטאָט-שוץ בעת שריפות וכדומה: די יידן האָבן געטראָגן דידאָזיקע לאַסטן אינאיינעם מיט די איבעריקע שטאָט-מענטשן. אין רעגענסבורג, אַ שטייגער, זענען די יידן געווען מחויב (לויט אַ „פייער-פאַראָרדענונג“ פון י. 1490) אויסצוהאַלטן 20 פייערלעשער און 20 שפריצן, חוצדעם, האָבן זיי נאָך געמוזט צאָלן אַ שטייער אויף אויסצוהאַלטן אַ טייל באַוואַכונג פון דער שטאָט.

3) „שול-שטייערן“: פאַר דעם רעכט צו האָבן אַן אייגענע שול צאָלן די קהילות לטובת די שטעט ספּעציעלע „שול-שטייערן“. אין קליינע שטעט (ווי, אַ שטייגער, אין נערדלינגען) האָט דער „שול-שטייער“ באַטראָפן פון 5 ביז 36 גילדן אַ יאָר, און אין גרעסערע שטעט אַ סך מער.

4) הויז-שטייערן: די שטעט פלעגן זיי נעמען איינמאָליק אין דער פאָרם פון אָפּצאָלונגען פאַר דער דערלויבעניש אויף אויפצובויען נייע יידישע הייזער. אין נירנבערג האָט דער הויז-שטייער באַטראָפן 12% פון דעם סכום, אויף וועלכן מען האָט איינגעשאַצט דעם ווערט פונם נייעם הויז. דעמדאָזיקן הויז-שטייער האָבן

יידן אויך געמוזט צאָלן, ווען זיי האָבן אָפּגעקויפט אַ הויז ביי נישט-יידן, סיידן זיי האָבן איבערגענומען אַלע לאַסטן, מיט וועלכע דאָס הויז איז געווען באַשווערט לטובת דער שטאָט, איידער עס איז געוואָרן אַן אייגנטום פון אַ יידן.

5) יערלעכע שטייערן פון יידישע „טרינק-היי-זער" (שענקען): זיי ווערן דערמאָנט אין דאָקומענטן פון פריי-בורג אין ברייזגאַו, נערדלינגען, ווין וכדומה. אין מאַנכע אַקטן ווערן זיי אָנגערופן מיט דער באַצייכענונג „ווײַן-און-געלט" אָדער „ווײַן-שטייער".

6) דירה-געלטער פון וואוינונגען אָדער קראָ-מען אין שטאָטישע הייזער: זיי פלעגן כסדר געהעכערט ווערן, אַזוי, אַז מאַנכע קהילות פלעגן זיך ווענדן נאָך שוץ צום קיסר. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן אין י. 1416 די קהילות פון נירנ-בערג, נערדלינגען, ווינדסהיים און ווייסענבורג אַרויס-באַקומען פאַר טייערע „מתנות" „פריי-בריוו" פונעם קיסר, וואָס פאַר-ווערט די מאַגיסטראַטן און שררות פון דידאָזיקע שטעט, צו העכערן די דירה-געלטער פון יידן.

דאָס סאַמע טרויעריקסטע קאַפּיטל אין דער באַציונג פון די שטעט צו די יידישע „פּאַקט-בירגער" שטעלן מיט זיך פאָר:

ב) די אויסערגעוויינלעכע שטייערן און „מתנות", וועלכע די שטעט פלעגן אויספּרעסן פון די יידן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אין י. 1384 פּרעסט אויס דער שטאָט-ראַט אין רעגנסבורג פון זיינע יידן אַ סכום פון 22.000 גילדן: ער וואַרפט אַריין אין תפיסה אַלע יידן פון דער שטאָט און לאָזט זיי פריי ערשט דאַן, ווען זיי האָבן איינגעוויליקט צו ברענגען דעם פאַרלאַנגטן סכום; אין י. 1386 צווינגט דער שטאָט-ראַט פון קעניגסהאָפן זיינע יידן, זיי זאָלן אַריינטראָגן אַן אויסערגעוויינלעכן שטייער-סכום אין דער גרויס פון 20.000 גילדן. אין נירנבערג האָבן די יידן אין י. 1384 געמוזט „אָן אַ צוואַנג" איינצאָלן דעם שטאָט-ראַט 4000 גילדן, אַז ער זאָל זיי שיצן פאַר אויסרויבונגען. אין י. 1385 גיבן זיי דעם שטאָט-ראַט דריי מאָל גרויסע געלט-מתנות צוליב דערזעלבער סכנה. אין דעמזעלבן יאָר דערלאַנגען די מאַינצער יידן דעם שטאָט-ראַט 3000 גילדן, ווייל ער האָט צוגעזאָגט צו פאַראַנטוואָרט-לעכקייט אייניקע „יידן-טויטער".

אויפן סמך פון דעם אונז שוין באַקאַנטן אָפּמאַך, וואָס די שוואַבישע שטעט האָבן אין י. 1385 געשלאָסן מיטן קיסר ווענצל, האָט נירנבערג אַליין איינגעמאָנט פאַר זיך יידישע תביעות אויף אַ סכום פון 80.986 גילדן, דהיינו, צוויי מאָל אַזויפיל, וויפל אַלע שוואַבישע שטעט צוזאַמען האָבן דערלאַנגט דעם קיסר פאַר דעם רעכט, צו מעגן קאָנפיסקירן יידישע תביעות פאַרן אייגענעם נוצן.

ענלעך זעען אויך אויס די קוועלן-אילוסטראַציעס פון 15-טן י"ה. על-פי-רוב פלעגן די שטעט אינם דאָזיקן יאָרהונדערט אָנווענדן דאָס אויסגעפרואווטע מיטל און פאַרגרעסטירן רייכע יידן, בכדי פון זיי אַרויסצופרעסן גרויסע אויסלייז-געלטער. אין אַ באַזונדערס גרויסן מאַסשטאַב האָבן זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן מיטל פון געלט-אויספּרעסונגען די שטאָט-ראַטן פון נירנבערג און רעגענס-בורג (בפרט אין די יאָרן 1463 און 1473).

אַ חוץ די געשילדערטע אופנים, ווי אַזוי די דייטשע „שוץ-האַרן" פלעגן עקספּלאָאַטירן דעם יידן-רעגאַל, איז געווען נאָך איין מעטאָד פון עקספּלאָאַטאַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר „די קרוין" פון אַלע יידן-באַדריקונגען און אויספּרעסונגען. דאָס איז געווען די יידן-פאַרטרייבונג. ביי דעם פינאַנץ-פּאָליטישן כאַראַקטער פון די יידן-פאַרטרייבונגען פון דייטשלאַנד וועלן מיר זיך אָבער, צוליב אַ בעסערן צוזאַמענהאַנג, אָפּשטעלן אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

דאָסווירטשאַפטס-לעבן פון די דייטשע יידן
פאַר די יאָרן 1350 — 1500

(האַנדל, פרייע באַרופן, מלאכה, אומבאַוועגלעכער באַזיץ)

78 § דער יידישער האַנדל.

פאַרשיידענע סיבות האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה גורם געווען דערצו, אַז דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון די דייטשע יידן זאָל זיך וואָס מער אַנטוויקלען אין אַן איינזייטיקער ריכטונג, דהיינו, אין דער ריכטונג פון קרעדיט-אָפּעראַציעס. פונדעסטוועגן לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ ריי פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז די וואוכעריי איז נישט געווען דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן די יידן האָבן דעמאָלט געצויגן זייער יניקה. פונקט ווי אין דער פאָריקער תקופה (1250—1350) איז דער אונטערשייד צווישן דער אַלגעמיינער און יידישער ווירטשאַפט מער געווען אַ קוואַנטיטאַטיווער, איידער אַ קוואַליטאַטיווער. זייער בולט ווערן דאָס ווייזן די קוועלן-ידיעות, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער וועגן אַזעלכע יידישע באַשעפטיקונגען, ווי האַנדל, מלאכה, אומבאַוועגלעכער באַזיץ און פרייע באַרופן.

נאָך דעם „שוואַרצן טויט” האָט זיך פאַר דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַ צייט, ווען עס האָט גענומען דעראָבערן דעם וועלטמאַרק. אַ באַזונדער באַדייטונג האָבן באַקומען די האַנדלס-באַציונגען צווישן דייטשלאַנד און די רייכע צפון-איטאַליענישע שטעט, וועלכע האָבן געוועלטיקט איבערן לעוואַנטישן האַנדל. נישט געקוקט אויף די גרויסע שטערונגען, וועלכע די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די דייטשע

סוחרים-גיילדעס, האָבן זיי פּאַרט באַוויזן צו דערגרייכן אַ געווינ אַנטייל אין דעם דייטש-איטאַליענישן האַנדלס-פּאַרקער. באַזונדערס איז דאָס שייך די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די דרום-דייטשע שטעט און שטעטלעך, ווי נירנבערג, רעגענסבורג, פּעטאַו (אין זאַלצבורג) וכדומה.

פון די יאָרן 1377, 1393, 1400 און 1401 איז אונז אויפגע-היט געוואָרן אַ ריי דאָקומענטן פון קערנטען און שטייערמאַרק, וואָס אילוסטרירן אונז אַ העפטיקע אַגיטאַציע, מיט וועלכער ס'האָבן דע-מאָלט אָנגעפירט די שטעט פון דידאָזיקע טעריטאָריעס קעגן דעם יידישן האַנדל. די אַגיטאַציע האָט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין דערפאָלג און זי האָט דערגרייכט איר ציל ערשט אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה. אַז עס האָט זיך דערביי געהאַנדלט וועגן די יידישע מסחרים מיט איטאַליע, באַווייזן אונז צוויי אינטערעסאַנטע קוועלן-ידיעות פון די יאָרן 1389 און 1423.

אין יאָר 1389 באַקומען דריי עסטרייכישע יידן פונם הערצאָג אַ דערלויבעניש אויף צו רייזן קיין איטאַליע צוליב מסחר און איינ-צוקויפן דאָרט צווישן אַנדערע סחורות אויך אתרוגים פאַרן אייגענעם געברויך. באַזונדערס וויכטיק איז די קוועלן-ידיעה פון י. 1423: זי דערציילט וועגן אַ השתדלות פונם זאַלצבורגער ערצבישאָף לטובת די יידן פון פּעטאַו, אַז זיי זאָלן קאָנען אומגעשטערט פירן זייער האַנדל מיט ווענעדיג און זאָלן נישט זיין געצוואונגען צו צאָלן אַן אומגערעכטן צאָל אויף די וועגן איבער קראַין און קערנטען. אָנקלאָגעס קעגן דעמדאָזיקן האַנדל זענען אונז נאָך פאַרבליבן פון י. 1443, אָבער זיי באַווייזן בלויז, אַז די יידן האָבן געהאַט שטאַרקע פּראָטעקטאָרן, וואָס האָבן געוואוסט, ווי צו פּאַראַליזירן די אַגיטאַציע. ערשט אין יאָר 1445 איז די יידן דערלאַנגט געוואָרן אַן אַנטשיידנ-דיקער קלאַפּ דורכן קיסר פרידריך III, וואָס האָט אין אַ פּאַראָר-דענונג פונם דאָזיקן יאָר באַשטימט, אַז „יידן איז פאַרווערט צו טרייבן ווייטער אַ האַנדל מיט ווענעציאַנער סחורות, מיט שטאָפן, געפיל (?), אייזן און ויין, אַ חוץ דעם ויין, וועלכער ווערט צו זיי פאַרמשכונט אויף צו זיכערן זייערע געלט-תביעות".

„Die Juden kein kauffmanschaft hinfüro nit mehr treiben... sollen mit Venedigischer Waar, mit Tuech und mit Gefüll, mit Eisen

noch mit Wein ausgenomben, wass die Juden Wein an ibrer Geltschuld nemen.

ביים סוף פון 14-טן און אָנהויב 15-טן י״ה באַגעגענען מיר אויפֿן איטאַליענישן באָדן, אַ חוץ עסטרײַכישע, אויך נירנבערגער יידן. אין י. 1390 ווײַלט אין ווענעדיג אַ נירנבערגער ייד מיטן נאָמען ראָבערט, און ער האָט דאָ געלט-עסקים מיטן דײַטשן „פאָנדאַקאָ״. אין י. 1392 ווערט אין די אַקטן, וואָס באַלאַנגען צום דײַטשן האַנדלס-הויז (Fondaco dei Tedeschi) אין ווענעדיג דערמאָנט אַן אַנדער ייד פון נירנבערג מיטן נאָמען שמעון. ער ווײַלט אין דער שטאָט אַלס קאָמיסיאָנער פון די דײַטשע יידן. אין דערזעלבער צײַט ווערט אין די קרײַזן פונם „פאָנדאַקאָ״ באַהאַנדלט די פראַגע וועגן צולאָזן צו אים אויך יידן. דער לעבהאַפטער האַנדלס-פאַרקער צווישן די דײַטשע און איטאַליענישע יידן האָט אָפט גורם געווען דערצו, אַז דײַטשע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין איטאַליע און פאַרקערט — איטאַליענישע יידן זאָלן זיך אַריבערפּעקלען אין יענע דרום-דײַטשע שטעט, וואָס זענען געווען דער צענטער פונם דײַטש-איטאַליענישן האַנדל.

אַזוי, אַ שטײַגער, באַגעגענען מיר אין י. 1398 אַ ווענעציאַנער ייד, וואָס באַזעצט זיך אין רעגענסבורג. אַרום יאָר 1409 וואַנדערט אויס פון נירנבערג די יידישע באַנקיר-און-האַנדלס-משפחה ראַפ און באַזעצט זיך טײַלווײַז אין אַנקאָנאַ און טײַלווײַז אין טרעוויזאָ. אין י. 1421 ווערט אין די אַקטן פונם „דײַטשן פאָנדאַקאָ״ אין ווענעדיק דערמאָנט אַ דײַטשער ייד, ר ב א ו ן ב ן י צ ח ק, וואָס פירט האַנדלס-געשעפטן בשותפות מיט אַ סיציליִשן ייד ו י ט אַ (חיים).

אַ חוץ די אויבן-געבראַכטע ידיעות וועגן דעם אָנטייל פון דײַטשע יידן אינם האַנדל מיט איטאַליע, באַלאַנגען אַלע איבעריקע קוועלן-ידיעות צום א י נ ל ע נ ד י ש ן ה אַ נ ד ל פון די יידן און מיר וועלן אויף זייער סמך באַווײַזן, אַז דערדאָזיקער האַנדל איז לגמרי נישט געווען אַזוי קליין, ווי מען איז דאָס מסוגל אָנצונעמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז די דײַטשע יידן זענען ביים סוף מיטלאַלטער באַשטאַנען פון לויטער וואוכערניקעס...

פון די אינלענדישע אַרטיקלען, מיט וועלכע די יידן האָבן אין דער באַהאַנדלטער צײַט געטריבן מסחר, ווערן אין די קוועלן דערמאָנט ת ב ו א ה, ו ו ײַ ן, ב ה מ ו ת, ג ע ו ו י ר צ ן, א ײַ ד ל-

שטיינער, גאָלד, זילבער, און אין מאַנכע געגנטן אויך שטאָפן און פאַרטיקע מלבושים.

זייער שטאַרק איז, ווייזט אויס, געווען די באַטייליקונג פון די דייטשע יידן אין דעם תּבואה- און וויין-האַנדל. פון מאַינץ זענען אונז פון י. 1391 פאַרבליבן אַ ריי שולד-בריוו, וועמענס יסוד עס זענען געווען יידישע וויין- און תּבואה-ליפעראַנגען. אין דערזעלבער צייט האָט אַ באַזונדערס חשובן אָרט פאַרנומען דער וויין- און תּבואה-האַנדל אינםווירטשאַפטס-לעבן פון די עסטרייכישע יידן. אין י. 1370 באַקלאָגן זיך די קלאָסטער-נייבורגער שטאָטלייט, אַז יידן מאַכן זיי אַ שטאַרקע קאָנקורענץ מיט זייער וויין-האַנדל. אין י. 1371 הויבן אויף מאַנכע עסטרייכישע שטעט אַן אַגיטאַציע נישט בלויז קעגן דעם וויין-האַנדל, נאָר אויך קעגן דעם תּבואה-מסחר פון די יידן. אין י. 1376 ווערט אין דעם שטאָט-רעכט פון פעטאַו אַריינגעשטעלט אַ באַשטימונג, וואָס פאַרווערט די יידן צו „טרייבן קויפמאַנשאַפט“ און צו האַלטן וויין-שענקען. אין י. 1396 גיט אַרויס דער עסטרייכישער הערצאָג אַן ענלעכן פאַרבאָט בנוגע די יידן אין לינץ און ער פאַרווערט גלייכצייטיק די יידן אין גאַנץ שטייער-מאַרק צו טרייבן אַ תּבואה-האַנדל. פונדעסטוועגן האָבן עסטרייכישע יידן געפירט אַ פאַרצווייגטן וויין- און תּבואה-האַנדל נאָך בעת דעם 15 י״ה. ווען עס איז אַרויס אין יאָר 1445 די אונז שוין באַקאַנטע פאַראָרדענונג פון קיסר פרידריך III, וואָס האָט די יידן דערלויבט צו האַנדלען בלויז מיט אַזאַ וויין, וואָס איז צו זיי פאַרמשכּונט געוואָרן, האָט דאָס נישט געשטערט צו האַנדלען אויך מיט איינגעקויפטע וויין-סאָרטן, ווארים ס'איז געווען שווער דורכצופירן דעם קאָנטראָל.

נאָך אין יאָר 1513 האָבן זיך די שטאָט-לייט פון לאַיבאַך באַקלאָגט, אַז די יידן האָבן אין יענע געגנטן באַהערשט דעם גאַנצן „האַנדל און האַנטירונג“. וועגן דעם יידישן וויין-האַנדל זענען אונז נאָך דערהאַלטן ידיעות פון דער ריסער געגנט, וואו יידן פלעגן פון אים אין משך פון 15-טן י״ה צאָלן אַ באַזונדערן שטייער, גערופן „וויין-און-געלט“. יידן האָבן דאָ אויך געמעגט האַלטן וויין-שענקען. אַנדערש איז געווען די לאַגע אין אַזעלכע שטעט, ווי נירנבערג און אויגסבורג; די שטאָט-ראַטן האָבן דאָ מיט דער גאַנצער שטרענגקייט אָפּגעהיט אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט די יידן פאַרבאָטן צו פאַרקויפן צו קריסטן וויין און ביר.

וועגן דעם יידישן האַנדל מיט בהמות און פלייש זענען אונז פאַרבליבן ידיעות אין די בראַנדענבורגער און נירנבערגער אַקטן. דער נירנבערגער שטאָט־ראַט, וואָס האָט שטרענג אָפּגעהיט, אַז די יידן זאָלן נישט צונעמען ביי די קריסטלעכע סוחרים די פּרנסות, האָט זיי פונדעסטוועגן דערלויבט פריי צו האַנדלען מיט פערד און פלייש. אין דער מאַרק בראַנדענבורג איז דער יידישער פלייש־ און בהמות־האַנדל געווען באַגרענעצט אין צוויי ריכטונגען: די יידן האָבן דאָ נישט געטאָרט האַנדלען מיט קיין קלענערע שטיקער פלייש, ווי מיט גאַנצע פערטלען; אויך איז זיי געווען פאַרווערט איינצוהאַנדלען בהמות פאַר די שטאָט־טויערן און זיי האָבן זיי געמעגט איינקויפן אויסשליסלעך, ווען זיי זענען געבראַכט געוואָרן אין שטאָט אַריין אויפן מאַרק־פּלאַץ. נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט מיט אַזעלכע פאַראָרדענונגען באַצוועקט אויסצושליסן די יידן פונם קליין־האַנדל און פון גינסטיקע איינקויף־מעגלעכקייטן, איז דער קליינהאַנדל אין דער מאַרק בראַנדענבורג נאָך ביים אָנהויב פון 16־טן י״ה געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

אַן ענלעכע טענדענץ, ווי די בראַנדענבורגער שטעט בנוגע דעם יידישן פלייש־ און בהמות־האַנדל, ווייזט אַרויס דער נירנבערגער שטאָט־ראַט לגבי דעם יידישן האַנדל מיט געווירצן: די באַשלוסן פון ראַט פאַרווערן די יידן צו פאַרקויפן געווירצן „לויטן געוויכט״, דהיינו, אינם קליין־האַנדל, דאַקעגן איז זיי דערלויבט צו האַנדלען אין הורט.

אַן שום שטערונגען האָבן די יידן בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה געמעגט האַנדלען מיט איידל־שטיינער און גאָלד־שמידערײ־אויסאַרבעטונגען. פון אַ דאָקומענט אויס דער העלפט פון 15־טן י״ה דערוויסן מיר זיך, אַז יידן פלעגן מיט אַזעלכע סחורות באַזוכן די ירידים אין קעלן ביים ריין. דריי יידן פון דייטץ, וואָס זענען אַרום י. 1450 אָנגעקומען אויפן קעלנער יריד, פאַרזען מיט „געלייט־בריוו״ פונם שטאָט־ראַט, האָבן, לויט ווי מיר לייענען אין דעם באַטרעפנדיקן דאָקומענט, מיטגעפירט מיט זיך צו פאַרקויפן פערל און רינגען מיט דימענטן. וועגן דעם יידישן האַנדל מיט איידל־שטיינער זענען אונז פון דער באַהאַנדלטער צייט אויך פאַרבליבן ידיעות אין די ריסער אַקטן.

דאַקעגן האָט זיך אויף אַלץ גרעסערע שטערונגען אָנגעשטויסן

דער יידישער האַנדל מיט גאָלד, זילבער און מטבעות.

די שררות האָבן בנוגע דעמדאָזיקן האַנדל געגומען פּריווילעגירן זייערע געשוואוירענע מינצמייסטער און וועקסלער, און די יידן, וואָס זענען זעלטן צוגעלאָזט געוואָרן צו אַזעלכע אַמטן, האָבן דעם האַנדל געקאָנט פירן בלויז אומלעגאַל. אַזעלכע פאַראָרדענונגען, וואָס איז די יידן אויסדריקלעך פאַרבאָטן געוואָרן צו פירן אַ האַנדל מיט די דערמאָנטע אַרטיקלען, זענען אונז באַקאַנט פון בראַנדענבורג (1322), עסטרייך (1368) און בייערן (1397). דאַקעגן האָט אַ וואָרמסער פּריווילעגיע פון י. 1400 יאָ דערלויבט, די יידן צו האַנדלען מיט גאָלד, זילבער און מטבעות.

אַ באַזונדער אינטערעס שטעלן מיט זיך פאַר די ידיעות, וואָס באַלאַנגען צום יידישן האַנדל מיט שטאָפן און פאַרטיקע קליידער. זיי שטאַמען אויס דעם סוף פון 15-טן און אָנהויב 16-טן י"ה און אַנטפּלעקן אונז אַ וויכטיקן שטריך אינםווירטשאַפטס-בילד פון די יידן אין גענף און אין ריסער געביט. אין גענף באַ-קלאָגן זיך אין י. 1487 קריסטלעכע סוחרים, אַז יידן „פאַרקויפן שטאָפן, נייע קליידער און אַנדערע סחורות". אַנטקעגן די אָנגענומענע מנהגים, וואָס זענען חל אויף פרעמדע סוחרים, טרייבן די יידן דעמדאָזיקן האַנדל — אַזוי לייענען מיר אין דעם אָנקלאָג — אָן שום באַגרענעצונגען (דאָס איז דער זין פון דער באַטרעפנדיקער נאָטיץ, וואָס קלינגט אינם לאַטיינישן אָריגינאַל אַזוי: „iudaci... contra formam franchcsiarum vendunt pannos, caligas novas et al!as").

פון דעם ריסער געביט ווערט אונז ווידער איבערגעגעבן, אַז די נערדלינגער שניידער- און טוכשערער-צעכן האָבן זיך אין י. 1503 באַקלאָגט אויף די יידן, אַז זיי לאָזן אויסערהאַלב דער שטאָט און אין דער שטאָט גופא אויסאַרבעטן מלבושים, מיט וועלכע זיי טרייבן אַ האַנדל. דערויף גיט אַרויס דער שטאָט-ראַט אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן מעגן האַנדלען אויסשליסלעך מיט פאַרמשכונטע מלבושים, וואָס זענען צום טערמין נישט אויסגעלייזט געוואָרן. העלפט דאָס אָבער נישט און אין י. 1505 טרעט אַרויס דער שניידער-צעך קעגן אייניקע זיינע מיטגלידער, וואָס אַרבעטן אויס ביי יידישע אונטערנעמער פאַרשיי-דענע באַקליידונגס-שטיק. אין דעם געבראַכטן נערדלינגער ביישפּיל האָבן מיר צו טון מיט אַ דערשיינונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר: מיר זעען, נעמלעך, ווי יידישע סוחרים באַמיען זיך—ענלעך

ווי די קריסטלעכע סוחרים פון יענער צייט — צו פאַרבינדן זיך מיט די קריסטלעכע בעלי-מלאכות, ביי וועלכע זיי באַשטעלן סחורות פאַרן האַנדל. ליידער קומט זיי דאָס אָן אַ סך שווערער, ווי די קריסט־לעכע קאָנקורענטן, מחמת די צעכן דערלאָזן נישט דערצו, און די יידן מוזן זיך באַנוצן מיט די ווייניקער דיסציפּלינירטע צעך-מיטגלי־דער, וואָס דאָס האָט זיכער פאַרטייערט די פּראָדוקציע.

די שוועריקייטן, מיט וועלכע די יידן האָבן געהאַט צו קעמפן, בעת זיי האָבן געוואָלט האַנדלען מיט גאָלד, זילבער, שטאָפן, נייע באַקליידונגס-שטיק וכדומה, אָדער פירן אַ קליין-האַנדל מיט געווירצן, פלייש און דאָסגלייכן, האָבן גורם געווען דערצו, אַז זיי האָבן גע־נומען אַליין שטאַרקער אַנטוויקלען דעם מסחר מיט אַ ל ט װ אַ ר ג. צו דעמדאָזיקן האַנדלס-צווייג האָט זיי אויך געשטויסן די הויפּט-פּרנסה זייערע — דאָס קרעדיט-געשעפט.

ביז לערך דער העלפט פון 13-טן י"ה האָבן אינם קרעדיט-גע־שעפט פון די דייטשע יידן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע די אומ־באַוועגלעכע משכנות. וואָס ווייטער אָבער, ווערן אַלץ גרעסער די שוועריקייטן פאַרן דאָזיקן מין קרעדיט-אָפּעראַציעס, און דאָס יידישע וואוכערײ-געשעפט מוז זיך באַגרענעצן מיט באַוועגלעכע משכנות. דערדאָזיקער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס האָט נאָך פאַר דעם „שוואַרצן טויט" געהאַט דערפירט צו דער אַנטשטייונג פונם יידישן האַנדל מיט פאַרפאַלענע משכנות, דהיינו, מיט אַלטוואַרג. אין דער תקופה נאָך דער „שוואַרצער מגיפה" לאָזט זיך אינם דאָזיקן האַנדל מערקן אַ באַזונדערס גרויסער אויפשוואונג. געוויינלעך איז די יידן געווען דערלויבט צו פאַרקויפן זאַכן, וואָס זענען צו זיי פאַרמשכונט גע־וואָרן און דער בעל-חוב האָט זיי נישט אויסגעלייזט אין משך פון „איין יאָר און איין טאָג". אין מאַנכע שטעט (אַ שטייגער, אין ב י ע ל) האָט דערדאָזיקער טערמין אויסגעמאַכט איין יאָר און 40 טעג, אין אַנדערע שטעט עטוואָס ווייניקער. אין צ י ר י ך האָבן די יידן געמעגט פאַרקויפן משכנות אַפילו פאַרן דאָזיקן טערמין, אויב דער ווערט פון די משכנות האָט נאָך פאַרן טערמין דערגרייכט די הויך פון דער הלוואה און פון די אָנגעוואַקסענע צינזן. אין אייניקע שטעט, אַ שטייגער, אין ב ע ר ן און אינם דערמאָנטן צ י ר י ך, פלעגן דעם פאַרקויף פון די משכנות דורכפירן אָנגעשטעלטע ביי די שטאָט-ראַטן. בדרך כלל האָבן זיך אָבער די יידן אַליין פאַרנומען

מיטן פאַרקויף. זיי פלעגן דערצו געווײנלעך אויסנוצן די ירידים, ווען עס איז געווען אַ גרויסער אָנלויף פון מענטשן. ווי גרויס עס פלעגט דעמאָלט זיין דער פדיון, לאָזט זיך משער זיין פון דעם פאַקט, וואָס דער פרומער רב פון פראַנקפורט ביים מאַין, ר׳ שמעון (געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י״ה) האָט דערלויבט דז יידן זיך צו פאַרנעמען מיט זייערע האַנדלס- און געלט-עסקים אום חול-המועד פסח און סוכות, מחמת עס פלעגן דעמאָלט פאַרקומען ירידים אין דער שטאָט.

פונם יידישן אַלטוואַרג-האַנדל זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן אַלע יענע אַרטיקלען, וואָס זענען די יידן פאַרווערט געוואָרן אָנצונעמען אַלס משכנות. לויט די פאַרבליבענע תקנות פון די שטאָט-ראַטן, פלעגן עס זיין אַזעלכע אַרטיקלען, ווי נייע פאַבריקאַטן פון האַנטווערקער: באַוול, וואָל, באַרכעט-גאַרן, נאַסע פעלן, פאַרבלוטיקטע באַקליידונגס-שטיק, צעקוועטשטע כוסות, מיליטערישע כלי-זיין און „הייליקע זאַכן״, דהיינו, צלמים, אָרנאַטן, געבעט-ביכער וכדומה.

§ 79 פרייע באַרופן און מלאכה.

אויסגעשלאָסן פון אַלע אַמטן אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט, האָבן זיך די דייטשע יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה געמעגט פאַרנעמען בלויז מיט אַזעלכע „פרייע באַרופן״, ווי א) באַצאָלטע שטעלעס אין די קהילות (רבנים, דיינים, שמשים אָדער „שול-קלאַ-פערס״, חזנים, משוררים וכדומה) און ב) דער דאָקטאָר-פאַך. וואָס שייך דעם לעצטן באַרוף, ברענגען מיר דאָ ווייטער צוויי רשימות פון יידישע דאָקטוירים, וואָס ווערן צווישן די יאָרן 1350—1500 דער-מאָנט אין די קוועלן.

באַזונדערס גרויס איז די צאָל יידישע דאָקטוירים, וועגן וועלכע ס'זענען אונז פאַרבליבן ידיעות אין די שווייצאַרישע קוועלן. מיר ברענגען דעריבער די נעמען פון די יידישע מעדיצין-לייט אין די שווייצאַרישע שטעט אין אַ באַזונדערער רשימה. ווי ס'איז צו זען פון די רשימות, זענען צווישן די יידישע דאָקטוירים געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרנומען שטעלעס פון לייב-דאָקטוירים ביי קיסרים און גרויסע שררות, ווי קור-פירשטן, גראַפן און הערצאָגן.

אין דער שווייץ פלעגט מען אַפילו די יידישע רופאים אָפט

אָנשטעלן אַלס שטאָטישע דאָקטוירים. די נעמען פון די דאָקטוירים ברענגען מיר אין די רשימות אין אַ לאַטײנישער טראַנסקריפּציע, אַזוי ווי זיי ווערן געשריבן אין די קוועלן.

1.

יידישע דאָקטוירים אין דייטשלאַנד

דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען פונם דאָקטאָר	שטאָט, וואו ער האָט געלעבט	וויכטיקע ביאָגראַפיש פּרטים
1355 — 1356	Walhen	ווייגנהיים (אין קורפּפאַלץ)	—
1362	Gottlieb	איינע פון די קור-פּפעלצישע שטעט	לייב-דאָקטאָר פונם פּפאַלץ-גראַף ריפּרעכט
1391	Jacob	פראַנקפורטביים מאַין	האָט פריער פּראַקטיצירט אין באַזעל
1394	Salman Pletsch	רעגענסבורג און פראַנקפורט ב. מ.	שטאָט-דאָקטאָר אין פראַנקפורט
1414	David	קעלן ביים ריין	—
1447	Vivis	—	לייב-דאָקטאָר פונם הערצאָג פון בערג
אַרום 1450	Sander	דייטץ (ביי קעלן)	—
1451	Seligman	איינע פון די טיראָלער שטעט	לייב-דאָקטאָר פונם טיראָלער הערצאָג זיגמונט
1468	Baruch	דרעזדען	לייב-דאָקטאָר פון זאַקסישע קור-פירשטן
1478	Hirs	האָף	לייב-דאָקטאָר פונם קור-פירשט
„	Michel	איינע פון די שטעט אין שטייערמאַרק	—
1479	Salomon	איינע פון די שטעט אין קור-פּפאַלץ	—
סוף 15־טעס י״ה	Jacob Loans	—	לייב-דאָקטאָר פון קיסר פרידריך III

2.

יידישע דאָקטוירים אין שווייצאַרישע שטעט

דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען פונם דאָקטאָר אָדער אַפּטייקער	שטאָט, וואו ער האָט פּראַקטיצירט
1356 — 1370	Isocelus (-Jocetus)	פרייבורג און באַזעל
פאַר 1358	Jacob	באַזעל
1378	Gutleben	„
1384	Symon	בערן
1391 — 1401	Aron	שאפהאוזען
1403	Simon de Pierra Chastel	פרייבורג
1412 — 1422	Akin de Vecsoul	„
1423	Abraham (Ackin de Yonna א זון פון)	„
1423 — 1425	Josef	ציריך און לוצערן
1429	Ysaias	פרייבורג
1458 — 1461	Manasse	איינע פון די שטעט אינם פרייבורגער געגנט
1464 — 1499	Vivan de la Tor (-Vibranus de Turre)	„
1476 — 1480	Gabriel Raphael	לאָזאַן
1497	Lazarus	ציריך

אין דער רשימה פון די שווייצאַרישע יידן-דאָקטוירים פאַלט אויף, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי (4—5) האָט געשטאַמט פון פראַנקרייך.

די באַטייליקונג פון די דייטשע יידן אין דער מלאכה איז געווען אין דער באַהאַנדלטער תקופה אַ מינימאַלע. אין די אַקטן ווערן טיילמאָל דערמאָנט יידישע קצבים, וואָס האָבן פאַרזאָרגט די קהילות מיט כשר פלייש. אַ גרעסערע באַטייליקונג אין מלאכות לאָזט זיך מערקן בלויז ביי די עסטרייכישע יידן. אין איינעם אַ קראַיינער דאָקומענט פון י. 1496 ווערט דערמאָנט אַ ייד אַ טישלער. אין י. 1513 באַקלאָגן זיך די שטאָט-לייט פון לייבאַך, אַז די יידן פאַר-נעמען זיך אין דער שטאָט מיט פלערליי „Hantierung" דהיינו, מיט פאַרשיידענע מלאכות.

§ 80 אומבאַוועגלעכער באַזיץ (וויין-גערטנער, פעל-דער, מילן וכדומה).

יידן, אַלס באַזיצער פון פעלדער, וויין-גערטנער, מילן, האָלץ-זעגערייען באַגעגענען מיר אין דער באַהאַנדלטער תקופה דערעיקרשט אין די ממשלה-געביטן פון די עסטרייכישע הערצאָגן און פון די פפאַלצער קור-פירשטן. בלויז אין איין פאַל ווערט אַ ייד דערמאָנט אַלס ערד-באַזיצער אויך אינם מארק-גראַפטום ביירייט. אין י. 1364 באַקומט דער הויף-ייד משה נירנבערג אַן אויפטראָג פונם פפאַלצער קור-פירשט „איינצואָרדענען אונזער וויינגאָרטן אין היידעל-בערג" און צו פאַרווענדן דערצו די שטייערן און צינזן, וואָס קומען פון די יידן און סוחרים. אין י. 1387 באַזיצט דער ייד הירש פון היידעלבערג אַ וויינבאַרג, וואָס האָלט 2 מאָרג.

אַן אַ פאַרגלייך איז גרעסער די צאָל ידיעות פון עסטרייך. אין י. 1374 ווערן די יידן פון ווין באַפרייט פון דעם חוב צו צאָלן דער שטאָט אַ שטייער „פון זייער בוי-ווייַן", ההיינו, פון דעם וויין, וועלכן זיי פראָדוצירן אין זייערע אייגענע וויין-גערטנער. אין די דאָקו-מענטן פון די יאָרן 1405, 1431, 1439, 1472 און 1478 ווערן דער-מאָנט יידישע פעלדער און וויין-גערטנער אין דער געגנט פון גראַץ, מאַרבורג און ברוק. אין י. 1437 פאַרקויפט אַ ייד פון יודענ-בורג, גערופן Judenkever זיינע אייגנטומס-רעכט צו אַ האָלץ-זעגעריי.

אין י. 1440 פירט דער ייד קנאַבעל אַ פּראָצעס קעגן דעם קלויסטער נאָנבערג וועגן פעלדער פונם פאָלוואַרק „האָפשטעטער". זייער כאַראַקטעריסטיש איז אַ שטעלע אין אַ קריגסשטייער־פאַראָרדענונג פון י. 1473, וואו דער עסטרייכישער הערצאָג באַפעלט די יידן אויסצופילן דעקלאַראַציעס וועגן זייערע „הייזער, ווייַנגערטנער, אַקער־פעלדער, לאָנקעס" וכדומה. אין י. 1496 ווערט אין אַ קראַינער דאָקומענט דערמאָנט אַ ייד—אַ מילנער.

די שוין אָנגעמערקטע ידיעה פונם מאַרקגראַפטום בייריט שטאַמט פון י. 1472 און זי באַלאַנגט צו אַ געוויסן רב פעגעלין פון ערלאַנגען, וועלכער האָט לויט דעם קוועלן־באַריכט פאַרמאָגט אַקער־פעלדער לעבן דער שטאָט.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

דאָסווירטשאַפטס־לעבן פון די דייטשע יידן
פאַר די יאָרן 1350 — 1500

קרעדיט־געשעפטן (סוף)

§ 81 אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער יידישער וואוכעריי אין דייטשלאַנד.

אין די פאָריקע צוויי קאַפּיטלעך האָבן מיר זיך אומדירעקט באַקענט מיט איינִיקע וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען דערצו, אַז די דייטשע יידן זאָלן זיך אין דער באַהאַנדלטער תקופה וואָס מער קאָנצענטרירן אויפן געביט פון וואוכעריי־געשעפטן. איינער אַזאַ פאַקטאָר איז געווען די קורצזיכטיקע פינאַנץ־פּאָליטיק פון די „שוץ־הארן", וואָס דער ציל זייער איז געווען צו מאַכן פון דעם יידן־רעגאַל אַ מעכטיקן הכנסה־קוואַל.

דאָס יידישע לעבן איז נאָכן „שוואַרצן טויט" געוואַלדיק פאַרטייערט געוואָרן.

דער ייד האָט געמוזט האָבן אין זיין רשות וואָס מער געלט, אום צו געפינען שוץ פאַר זיין „לייב און האָב"! ער האָט תמיד געמוזט זיין אויף דער וואַך, אַז דער שוץ־האר זיינער זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין אים, ווי אין אַן אונטערנעמונג, וואָס טראָגט־אַריין גרויסן ריווח. אַניִשט האָט אים געדראָט פאַרטרייבונג און פאַרטיליקונג.

בכדי צו פאַרשאַפן פאַר די „שוץ־הארן" די געלט־מיטלען, וועלכע מען האָט פון דעם יידן אומבּרחמנותדיק געצאַפּט, האָט דער

לעצטער געהאַט בלויז איין ברירה: וואוּכערן, דאָס הייסט אויס-צוזויגן דורך וואוכעריי-געשעפטן די קאַפּיטאַלן פון דער סביבה. אויף אַנדערע וועגן האָט ער די נויטיקע קאַפּיטאַלן נישט געקאָנט שאַפן, מחמת זיי זענען געווען פאַר אים ענטוועדער פאַרשלאָסן, אָדער געפאַלדיק באַשווערט. צו קיין אַמטן האָט מען אים לגמרי נישט צוגע-לאָזט. ביישפּילן פון יידישע „קאַמער-גראַפן", וועלכע מיר באַגעגענען אין דער פאַריקער תקופה, זענען איצט נישט מער צו געפינען. אויך אַזעלכע אַמטלעכע באַשעפטיקונגען, ווי, אַ שטייגער, די באַשעפטי-קונגען פון געשוואוירענע מינצמייסטער, ווערן איצט אַלץ זעלטע-נער אָנגעטרויט די יידן. מיט איין איינציקער אויסנאַם פון דעם יידישן מינצמייסטער ליפּאָלד, וואָס האָט ביים סוף פון 15-טן און אָנהייב 16-טן י"ה געלעבט אין בראַנדענבורג, זענען אונז קיין אַנדערע יידן אויף אַזעלכע אַמטן נישט באַקאַנט.

עס זענען אַלץ מער און מער פאַרגרעסערט געוואָרן די שוועריקייטן אויף אַזעלכעווירטשאַפטס-געביטן, ווי האַנדל, מלאכה, אומ-באַוועגלעכער באַזיץ אין די דערפער וכדומה. מיר האָבן זיך ביי זיי אָפּגעשטעלט אינם פאַריקן קאַפּיטל און מיר האָבן געזען, ווי די קריסטלעכע סוחרים, וואָס האָבן געהערשט אין די שטאָט-ראַטן, האָבן קאָנסעקווענט געשטרעבט צו פאַרשטויסן די יידן פונם האַנדל מיט מאסן-אַרטיקלען (תבואה, שטאָפן, ווייַן וכדומה), באַזונדערס אָבער פונם קליין-האַנדל.

זייער אומגינסטיק זענען אויך געווען די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישע מלאכות. די קריסטלעכע האַנטווערקער-צעכן זענען געווען נעסטן פונם שאַרפסטן יידן-האַס און זיי פלעגן אָנווענדן אַלע מיטלען, אום נישט צו דערלאָזן צו דער אויסבילדונג פון אַ יידישן האַנטווערקער-קלאַס. נאָך מער: זיי פלעגן זיך אַנטקעגנשטעלן אפילו אַזעלכע פרואוון, ווי דער פרואוו פון יידישע סוחרים-אונטער-נעמער צו באַנוצן זיך מיט קריסטלעכע האַנטווערקער ביים פּראָדו-צירן האַנדלס-סחורות.

דאָס נערדלינגער ביישפּיל, וואָס מיר האָבן געבראַכט אינם פאַריקן קאַפּיטל, איז אין דעם פּרט זייער כאַראַקטעריסטיש און עס ווייזט אונז, ווי פאַלש עס איז די מיינונג פון מאַנכע ווירטשאַפטס-היסטאָריקער (ווי, אַ שטייגער, Schulte, דעם מחבר פונם ווערק:

Geschichte des mitterlichen Handels u. Verkehrs zwischen West-deutschland u. Italien, פאַרגל. באַזונדערס דעם באַנד I, ז. 152 און ווײַ-טער), אַז די ייִדן האָבן נישט געפּרואווט זיך צו פאַרבינדן מיט די האַנטווערקער, אַזוי ווי עס האָבן דאָס געמאַכט די קריסטלעכע סוחרים-אונטערנעמער, און אַז פאַרלירנדיק צוליב דעם די האַנדלס-פּאָזיציעס, האָבן זיי זיך געמוזט נעמען צו וואוכערײַ-געשעפטן.

ווי מיר האָבן געזען, זענען מצד די ייִדישע סוחרים יאָ גע-ווען אַזעלכע פּרואוון, און אויב די פּרואוון האָבן זיך אין אַלגעמיין נישט אײַנגעגעבן, איז עס נישט געווען די שולד פון ייִדן.

די אַלע געבראַכטע מאָמענטן זענען אונז, ווי שוין באַטאָנט, קלאָר געוואָרן נאָך אין די פאַריקע צוויי קאַפּיטלען. פאַראַן אָבער נאָך אַ רײ וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס קומען אין באַטראַכט אין צו-זאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון די ייִדישע וואוכערײַ-געשעפטן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה. זיי זענען צום טייל פון אַן אַלגע-מײַנעם כאַראַקטער, צום טייל ספּעציפיש, וואָס דער מקור זייערער איז די אייגנאַרטיקע לאַגע פון די ייִדן.

וואָס שייך די אַלגעמײַנע פאַקטאָרן, מוז קודם-כּל גענומען ווערן אין אַכט, אַז מיטן אויפבלי פון די דײַטשע שטעט איז די באַ-דײַטונג פון די באַנקיר-געשעפטן געוואַלדיק געשטיגן. מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעמערקט, אַז נאָכן „שוואַרצן טויט" האָט זיך אָנגערוקט אַ צײַט, ווען דער דײַטשער האַנדל האָט אָנגעהייבן פאַרנעמען דעם וועלט-מאַרק. דערמיט דערקלערט זיך אויך די דער-שײַנונג, וואָס דאָס רײַכע קריסטלעכע סוחרטום, וועלכעס איז געזעסן אין די שטאָט-ראַטן, האָט זײַן ייִדן-פּאָליטיק געפירט אין אַזאַ ריכטונג, אַז די ייִדישע „פאַקט-בירגער" זאָלן האָבן פאַר אים גרייט וואָס מער קאַפּיטאַלן אויף צו מאַכן אים הלוואות.

די שטעט מיט זייערע אַלץ מער פאַרצווײַגטע האַנדלס-באַציונ-גען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַלץ גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר קרעדיט-געשעפטן, אַזוי, אַז עס האָט די ייִדן אַלץ מער געלוינט זיך צו קאָנצענטרירן אויפן דאָזיקןווירטשאַפטס-פעלד. ווי גרויס עס איז געווען דאָס קרעדיט-באַדערפעניש אַפילו אין אַזאַ רײַכער האַנדלס-שטאָט, ווי נירנבערג, ווײַזן אונז פאָלגנדיקע ווערטער, וועלכע קיסר פ ר י ד ר י ך III האָט אָנגעשריבן אין אַ דאָקומענט פון 4-טן סעפּ-טעמבער 1470 : „די שטאָט נירנבערג — לייענען מיר דאָרט — ליגט

אויף אַ זאַמדיקן, אומפּרוכטבאַרן, טרוקענעם באָדן, דעריבער איז דער וואוילשטאַנד פון דער שטאָט אָפּהענגיק פון דעם קרעדיט, פון וועלכן עס געניסן די סוחרים און האַנטווערקער, צו פירן זייער האַנדל און מלאכה". נאָך אַזאַ הקדמה קומען די אויספירונגען, אַז די יידישע וואוכערײ-געשעפטן זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר דער שטאָט און אַז עס איז גלייכער איבערצולאָזן די יידן ביי דער וואוכערײ, איידער צו שאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די קריסטן זאָלן זיך מוזן דערמיט פאַרנעמען.

נישט קלענער זענען געווען די קרעדיט-באַדערפענישן אויך אויפן פלאַכן לאַנד. צוליב די כסדרדיקע מלחמות און דער גרויסער עשירות און גלאַנץ, וואָס האָבן אויסגעפילט דאָס לעבן אין די פּאַ-לאַצן פון די שררות, האָבן זיך די אַדל-לייט כסדר גענויטיקט אין געלט. אויב מען האָט די יידן באַלד נאָך די „יידן-שריפות" פון די יאָרן 1348—1350 צוריק גענומען פאַרבעטן אין די ממשלה-געביטן, איז דאָס דערעיקרשט געשען צוליבן געלט-מאַנגל, וועלכן מען האָט געהאָפט צו באַזייטיקן מיט דער היקף פון די יידישע וואוכערער.

אַזוי, אַ שטייגער, באַשליסט אין י. 1352 דער מאַרק-גראַף לודוויג פון בראַנדענבורג אויפצונעמען אין זיינע טעריטאָריעס יידן „צוליב דער געלט-נויט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לאַנד זינט מען האָט די יידן פאַרטיליקט" „um des Gebrechens willen, das im Lande gewesen um Geld seit der Zeit, als die Juden verderbt sind".

אין י. 1451 איז זיך קיסר פרידריך III משתדל ביים פּויפּסט ניקאָלאַוס V וועגן אַ פּריווילעגיע פאַר די יידן, אַז זיי זאָלן מעגן אין עסטרייך וואוינען און וואוכערן „צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די אַדל-לייט".

די יידישע וואוכערײ האָט אָבער פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ „באַקוועמלעכקייט" נישט בלויז פאַר די אַדל-לייט. אויך פּויערים האָבן געמוזט עפּטער אָנקומען צו די יידן נאָך קרעדיט. אין דער באַהאַנדלטער תקופה קומען פאַר יאָרן פון אַ געוואַלדיקן יקרות: עס שטייגן די תבואה-פּרייזן און מיט זיי אויך די פּרייזן פון שטאָטישע פּראָדוקטן, אַזוי, אַז דער פּויער מוז זוכן קרעדיט, אום זיך צו קאָנען פאַרשאַפן דאָס נויטיקע געצייג און נישט זעלטן אויך פּשוטע דערנערונג.

אָבער אויך אין די יאָרן פון גערעטעניש איז דער פויער גע־ווען געענגט אין געלט, מחמת דער שטייער־דרוק מצד די שררות איז כסדר געוואקסן און די שררות האָבן פון זייערע אונטערטאַנען פאַרלאַנגט געלט־אָפּצאָלונגען, אַנשטאָט אָפּצאָלונגען מיט לאַנד־פּראָדוקטן.

ווי מיר זעען, אַזוי, האָט די אַלגעמיינע לאַגע אין דייטש־לאַנד, סיי אין די שטעט, סיי אויפן לאַנד, געשאַפן אין אונזער תּקופה באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען פאַר יידישע וואוכער־געשעפטן. די געלט־נויט האָט אַרומגעכאַפּט נישט בלויז די אַדל־לייט, נאָר אויך דעם שטאָטישן מיטל־שטאַנד און דעם פויערים־קלאַס און זי האָט געהאַלטן אין איין וואקסן צוליב אַ פּראָצעס, וואָס טרעט אַרויס ביים סוף פונם דייטשן מיטלאַלטער אין זייער שאַרפע פאָרמען: מיר מיינען דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע. אַ דאַנק פאַרשיידענע אונטערנעמונגען (בערג־אַרבעט, האַנדל מיט אויס־לאַנד, גרויסע פינאַנץ־אָפּעראַציעס וכדומה), קומט אויף אין דייטש־לאַנד, ביים סוף פון מיטלאַלטער, אַ ריי פּאַטריציער־משפחות, וואָס קאָנ־צענטרירן אין זייערע הענט אומגעהייערע קאַפּיטאַלן.

אַזוי, אַ שטייגער, האָט אין אויגסבורג אין י. 1467 גע־לעבט אַ הייפעלע פּאַטריציער, סך הכל 39 משפחות, וואָס האָבן צו־זאַמען פאַרמאָגט פון 232.209 ביז 464.418 גילדן. אין י. 1498 באַ־טרעפט די צאָל גבירים אין אויגסבורג שוין גאַנצע 99 משפחות מיט אַ פאַרמעגן, וואָס באַטרעפן צוזאַמען קנאַפּע 2 מיליאָן גילדן.

מיט אַזעלכע גבירים, ווי די אויגסבורגער פיגער אָדער וועלזער האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן קיין שום פעאָדאַלע מאַכט־האָבער אין דייטשלאַנד. באַרימט מיט זייערע גרויסע פאַרמעגנס זענען אויך געווען אַזעלכע דייטשע פּאַטריציער־משפחות, ווי די גאָסענבראָטס, מענטינגס, בימעלס, העכשטעטערס, הערבראָטס, קראַפטערס, מונטבראַטס, (פון קאָנסטאַנץ) וכדומה. ביי דיזאָזיקע גבירים קאָנצענטרירט זיך דער גרעסטער טייל פון די באַוועגלעכע קאַפּיטאַלן אין לאַנד און דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס גורם דערצו, אַז די געלט־נויט ווערט סיי ביים אַדל, סיי ביים מיטלשטאַנד און פויערים־קלאַס פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער און גרעסער.

שוין אין דער צייט פון קיסר זיגמונד (אָנהויב 15-טעס י"ה) איז די פראַגע פון דער „אומגלייכער פאַרמעגנס-פאַרטיילונג" געווען זייער אַן אָנגעווייטיקטע און זי האָט אפילו אַרויסגערופן אַ סאָציאַל-פּאָליטישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך מיט איר פאַרנומען, ווי מיט אַ שווערן אומגליק פונם לאַנד.

צו די אָנגעמערקטע אַלגעמיינע פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַגינסטיקט די אויפבליונג פון דער יידישער וואוכעריי, זענען, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעצייכנט, צוגעקומען נאָך אייניקע ספּעציפישע מאָמענטן, וואָס האָבן געווירקט אין דערזעלבער ריכטונג. די יידישע וואוכעריי האָט גענאָסן פון אַ ספּעציעלער פּראָטעקציע מצד די שוץ-הארן און פּראָטעזשירט האָבן זיי איר נישט בלויז צוליב דעם גרויסן מאַטעריעלן נוצן, וועלכן זיי האָבן געצויגן פון די יידישע וואוכערניקעס, נאָר אויך צוליב אינערלעכע פּאָליטישע טעמים.

דער יידישער וואוכערניק איז פאַר די שוץ-הארן געווען אַ וויכטיקער פּאָליטישער כלי-זיין, וואָס אַמאָל האָט מען זיך מיט אים באַנוצט, כדי אָפּצושוואַכן דעם קעגנער, און אַמאָל, ווידער, צו באַרואיקן אים און אָפּצווועגדן פון זיך די סכנה.

אַזוי, אַ שטייגער, פלעגט דער קיסר פּראָטעזשירן זיינע „ליבע קאַמער-קנעכט", אום מיט דער הילף פון דער יידישער וואוכעריי אָפּצושוואַכן די פינאַנציעלע מיטלען פון די שררות און שטעט, וואָס האָבן געגאַרט נאָך „מאַכט-האָהייטן".

טיילמאָל פלעגט ער אויך מיט די פאַרמעגנס פון די יידישע וואוכערניקעס באַלוינען די שטעט אָדער פירשטן דערפאַר, וואָס זיי זענען מיט אים אַריינגעטרעטן אין אַ פּאָליטישער פאַרבינדונג. בכדי נאָך אַזאַ געלט-צאַפּונג ווידער צו פאַרפולן דעם יידישן שוואָם, פלעגט דער קיסר באַלד דערויף אַרויסגעבן כלערליי פאַראָרדענונגען אויף צו שטיצן די וואוכערניקעס.

אַזוי, אַ שטייגער, האָט פרידריך III אין י. 1480 באַפוילן דעם רעגענסבורגער שטאָט-ראַט צו באַהאַנדלען די יידן אויף אַן אָנטשפּרעכנדיקן אופן, בכדי זיי זאָלן קאָנען אינגיכן קומען צו פאַרמעגנס און באַצאָלן דעם קיסר 10.000 גילדן. און פונקט ווי דער קיסר אין קאַמף מיט די שטעט, פלעגן אויך די שררות זיך באַנוצן מיט דער יידישער וואוכעריי, ווי מיט אַ כלי-זיין אין קאַמף מיט די שטעט.

דאָסזעלבע האָבן אויך געטון די פּאַטריציער-משפּחות אין די שטעט, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו קעמפן מיטן שכנותדיקן אדל אָדער מיט די אויפגערודערטע האַנטווערקער-צעכן ביי זיך אינ-דערהיים. אַזויאַרום האָבן די אינערלעכע קאַמפן געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר יידישע וואוכעריי-געשעפטן, צושאַנצנדיק די יידישע וואו-כערניקעס פּראָטעקטאָרן סיי מצב דעם אַדל, סיי מצב די פּאַטריצישע שטאָט-רעגירונגען.

§82 דער פּאַרנעם פון די וואוכעריי-געשעפטן.

צום בעסטן אינפאָרמירט אונז איבער די יידישע וואוכעריי-גע-שעפטן דער קוועלן-מאַטעריאַל פון די יאָרן 1385, 1390 און 1391, ווען עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די תּביעות-סקאָסירונגען, וועלכע עס האָט פאַראָרדנט קיסר ווענצל. מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ בינטל אינטערעסאַנטע ציפערן, וואָס לאָזן זיך אַרויסבאַקומען פון די נירנבערגער, אולמער, רעגענסבורגער און פראַנקפורטער אַקטן פון יענער צייט.

אויפן סמך פון דערדאָזיקער פאַראָרדענונג פון קיסר ווענצל האָט די שטאָט נירנבערג אין י. 1385 געשלאָסן 29 אָפּמאַכן מיט אירע יידישע „פּאַקט-בירגער”, לויט וועלכע די לעצטע האָבן זיך מתחייב געווען איבערצוגעבן דער שטאָט געלט-תּביעות אויף אַ סומע פון 80.986 גילדן (לערך 320.000 דאָלאַר). דערדאָזיקער סכום האָט דעמאָלט באַטראָפן מער, ווי אַלע הכנסות פון דער רייכער שטאָט אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. אין צוזאַמענהאַנג מיטן איינמאָנען דאָס געלט, ווערן אין די נירנבערגער אַקטן פאַרנאָטירט פאָלגנדיקע יידישע תּביעות:

1. פון דער שטאָט גופא איז די יידן געקומען צוזאַמען 7000 גילדן.

2. פון די שטאָט-לייט (סוחרים און האַנטווערקער) 22.591 ג. גילדן.

3. פונם לאַנד-אַדל (אויפן סמך פון 22 שולד-בריוו) 72.580 ג. גילדן.

4. פונם נירנבערגער בורג-גראַף — 8.000 ג.

דורכשניטלעך האָט אַ חוב פון אַ שטאָט-מענטש אויסגעמאַכט 282 גילדן, פון אַן אַדל-מאַן — 1672 גילדן. צום מערסטן זענען גע־ווען פאַרשולדיקט ביי די נירנבערגער יידן, אַ חוץ דעם בורג-גראַף (8000 ג.) און דער שטאָט (7000 ג.), דער בישאָף פון באַמבערג (5.845 ג.), דער הערצאָג פרידריך פון בייערן (3.813 ג.), די גראַפן פון עטינגען (1.800 ג.) און דער בישאָף פון אייכשטעדט (1.740 ג.). פון די שטאָט-לייט האָבן ביי די יידן געשטעקט אין חובות צום מערסטן די פּאַטריצישע משפחות, צום ווייניקסטן האַנטווערקער.

פון אולם זענען אונז פון י. 1385 אויפגעהיט געוואָרן 87 יידישע שולד-בריוו, וואָס האָבן באַלאַנגט צו 3 יידישע באַנקהייזער. זיי באַטרעפן צוזאַמען אַ סכום פון 17.302 גילדן, לערך 90% דער־פון (15.581 ג.) זענען שולדיק געווען אַדל-לייט, דעם רעשט—שטאָט־לייט (ס'רוב האַנטווערקער).

פון דערזעלבער צייט ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז רופּ־רעכט I, דער קור-פירשט פון דער פפאַלץ איז געווען פאַרשולדיקט צו אייניקע יידן אין שטראַסבורג אויף אַ סומע פון 15.400 גילדן.

זייער אינטערעסאַנט זענען אויך די ידיעות וועגן דער באַשול־דיקונג ביי יידן, וועלכע מיר געפינען אין די פראַנקפורטער אַקטן. אין דידאָזיקע אַקטן זענען אויפגעהיט געוואָרן רשימות פון יידישע תביעות פאַר די יאָרן 1389—1390. זיי נעמען אַרום סך-הכל 298 פּאָזיציעס. דערפון באַלאַנגען לערך 90% צו תביעות, וואָס יעדע פון זיי שטייגט נישט אַריבער די סומע פון 50 גילדן. מיר האָבן דאָ, אַגב, צו טון בלויז מיט חובות פון שטאָט-לייט. דאָס בילד לאָזט זיך אָבער דערגאַנצן דורך אַ רשימה פונם י. 1391, וואָס נעמט אַרום חובות פון אַדל-לייט און קירכלעכע פירשטן. די רשימה האַלט 279 פּאָזיציעס, וואָס באַטרעפן צוזאַמען 17.848 גילדן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט קיסר ווענצלס פאַראָרדענונג וועגן סקאַ־סירן יידישע תביעות, וואָס איז אַרויס אין י. 1390, ווערן אין די נירנבערגער אַקטן פאַרצייכנט יידישע תביעות אויף אַ סומע פון לערך 35.000 גילדן. אין דעמזעלבן יאָר האָט אין רעגענסבורג דער שטאָט-ראַט באַצאָלט דעם קיסר 15.000 גאָלד-גילדן (דאָס האָט אויסגעמאַכט 15% פון די תביעות) פאַר דעם רעכט איינצומאָנען פאַר זיך אַלע סקאַסירטע געלט-תביעות פון די רעגענסבורגער יידן.

די פאַרשולדיקונג ביי די רעגענסבורגער יידן האָט, אַלזאָ, באַטראָפן אין יענער צייט מינימום 100.000 גאָלד-גילדן.

זייער גרויס איז אויך געווען דער סכום, וועלכן מען איז דעמאָלט שולדיק געווען די יידן אין די ממשלה-געביטן פונם הערצאָג פרידריך פון ביירן, פונם ערצבישאָף פון ווירצבורג און פונם גראַף פון עטינגען. די דערמאָנטע דריי האָבן האָבן, געמיינט, באַצאָלט דעם קיסר פאַרן אָפּטרעטן זיי די יידישע געלט-תביעות צוזאַמען 45.000 גילדן, וואָס דאָס לאָזט — ענלעך, ווי אינם רעגענסבורגער פאַל — משער זיין אַ סכום פון געלט-תביעות אויף מינימום 300.000 גילדן.

נאָך די מוראדיקע געלט-אויספּרעסונגען, וואָס זענען ביים סוף פון 14-טן און אָנהויב 15-טן י״ה דורכגעפירט געוואָרן דורך די קיסערלעכע „שוץ-האַרן", איז די קאַפּיטאַל-קראַפט פון די דייטשע יידן געבראָכן געוואָרן ביז גאָר, און די יידן טרעטן אויף אַלץ זעלטענער אַלס באַנקירן פון שררות. זיי אָפּערירן נישט מער מיט אַזעלכע גרויסע פאַרמעגנס, ווי ביים סוף פון 14-טן י״ה און זיי מוזן זיך באַנוגענען מיט קליינע וואוכעריי-געשעפטן צווישן „קליינע מענטשן", צווישן האַנטווערקער און פויערים. לויט אַ רשימה פון לערך דער העלפט פון 15-טן י״ה האָבן אין דער שטאָט באַמבערג און אין גאַנצן באַמבערגער קרייז אַלע יידישע תביעות אויסגעמאַכט צוזאַמען 2.640 גילדן און 7.738 פונט. די צאָל יידן-וואוכערניקעס, צו וועלכע ס'האָבן באַלאַנגט דידאָזיקע תביעות, האָט באַטראָפן 76, אַזוי, אַז עס פאַלן אויס אויף איין וואוכערניק דורכשניטלעך תביעות אין דער הויך פון 102 פונט און 35 גילדן. דאָס זענען אַלץ סכומים, וואָס טראָגן אויף זיך אַ בולטן שטעמפּל פון פאַראָרעמונג.

ווען די שטאָט באַמבערג האָט געוואָלט אויפנעמען גרעסערע הלוואות ביי יידן, האָט זי זיך געמוזט ווענדן קיין ווירצבורג אָ. ער נירנבערג. אַזוי, אַ שטייגער, האָט איר אין יאָר 1444 אַ נירנבערגער ייד בשותפות מיט אַ יידן פון עבערן אויסגעבאָרגט 1.550 גילדן. אין י. 1447 האָבן יידן געהאַט צו דער שטאָט באַמבערג געלט-תביעות אויף אַ סומע פון 6.629 גילדן און 1.777 פונט, דערפון איז דער גרעסטער טייל געקומען די יידן פון נירנבערג און ווירצבורג.

פון ערפורט, וואָס איז אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן

י״ה געווען די רייכסטע קהילה אויפן טירינגיש־זאַקסישן שטח, זענען אונז פאַר די יאָרן 1440—1419 פאַרבליבן 55 אָריגינעלע שולד־בריוו, וואָס האָבן באַלאַנגט צו צוויי דאָרטיקע יידישע משפחות (צו היימאַן גאַנס און צו משה פון אַרנשטאַדט מיט זיין ווייב און זון), און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז די הלוואות, וועלכע ביידע באַנקיר־משפחות פלעגן געבן, האָבן באַטראָפן פון 4 ביז 20 גילדן אַ יעדע. דערביי איז זייער קליענטעלע דערעיקרשט באַשטאַנען פון האַנטווערקער און קרעמער.

אין רעגענסבורג זענען די יידן אין י. 1481 געווען אַזוי פאַר־אָרעמט און פאַרשולדיקט, אַז דער קיסר האָט זיי געמוזט באַוויליקן אַ מאָראַטאָריום אויף אַ גאַנץ יאָר. אין עסטרייך אָפּערירן יידישע וואוכערניקעס זינט דעם ווינער גירוש פון י. 1421, ס׳רוב צווישן פויערים, וואָס דאָס באַווייזט נאָר, אַז זייער קאַפּיטאַל־קראַפט איז נישט געווען קיין איבעריק גרויסע.

רעזומירנדיק, קאָנען מיר אויפן סמך פון די געבראַכטע פרטים פעסטשטעלן אָט וואָס: נישט געקוקט דערויף, וואָס די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער וואוכעריי זע־נען בעתן 15־טן י״ה געווען פונקט אַזוי גינסטיק, ווי אין דער צוויי־טער העלפט פון 14־טן י״ה, האָבן אָבער די יידן אין משך פון 15־טן י״ה נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען אַזאַ ברייטע קרעדיט־טעטיקייט, ווי פריער. די הויפּט־סיבה דערפון דאַרף מען זוכן אין די מאַסן־אויס־פלינדערונגען, וועלכע די דייטשע יידן זענען אויסגעשטאַנען אין דער צייט פון קיסר ו ע נ צ ל, קיסר ז י ג מ ו נ ד און אַ ל ב ר ע כ ט II. די אַזויגערופענע „יידן־שולד־טילגונגען״ (סקאָסירונגען פון יידישע תביעות) ווי אויך דער שטייער־דרוק, וואָס איז דעמאָלט דערפירט געוואָרן צו דער העכסטער מדרגה, האָבן געבראָכן די קאַפּיטאַל־קראַפט פונם דייטשן יידנטום.

דאָס איז געווען די אַנטשיידנדיקע סיבה, וואָס האָבן גורם געווען צו דער ווענדונג אין דער יידישער קרעדיט־טעטיקייט. אַ חוץ איר האָבן אָבער אין דערזעלבער ריכטונג מיטגעווירקט אויך אַ ריי אַנדערע פאַקטאָרן, פון צווייטן און ווייטערן ראַנג. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי זיי אין די ווייטערע פּאַראַגראַפן פונם דאָזיקן קאַפּיטל.

§83 דער צינז-פוס און די פאָרמען פונם יידישן קרעדיט.

אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן, וואָס אילוסטרירן אונז די אַנטוויקלונג פונם צינז-פוס ביי די יידישע קרעדיט-אָפּעראַציעס, לאָזן זיך פאַר דער באַהאַנדלטער תקופה פעסטשטעלן פאָלגנדיקע פאַקטן און טענדענצן:

א) אין אַלגעמיין מערקט זיך אין משך פון 15-טן י"ה אַ טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם יידישן צינז-פוס און נערדלינגען. וואו דער יידישער צינז-פוס האָט צווישן די י"י 1388 — 1433 באַטראָפן פון $43\frac{1}{3}\%$—$27\frac{1}{2}\%$, באַטרעפט ער אין די יאָרן 1447 — 1453 בלויז $17\frac{1}{3}\%$ יערלעך. אין פראַנקפורט ביים מאַין זענען די ציפערן אַזעלכע: אין XIV-טן י"ה—פון $32\frac{1}{2}\%$ ביז $43\frac{1}{2}\%$, אין XV-טן י"ה — לויט די „יידן-שטעטיקייטן" — נישט מער, ווי $21\frac{2}{3}\%$.

אין די שווייצער שטעט, ווי ציריך, שאַפהאַוזען, פרייבורג און ווינטערטור: $43\frac{1}{2}\%$ אין משך פון 14-טן י"ה, דאַקעגן $21\frac{2}{3}\%$ לויט די פאַראָרדענונגען וועגן צינז-רעדוקציע פון די צוואַנציקער יאָרן פונם 15-טן י"ה. אין שטייערמאַרק און קערנטען: $86\frac{2}{3}\%$ אין משך פון 14-טן י"ה, דאַקעגן אין 15-טן י"ה אַ צוריקגאַנג פון 65% ביז $43\frac{1}{3}\%$ און אַפילו ביז $21\frac{2}{5}\%$.

ב) די שטאָט-ראַטן באַשטימען ביים אויפנעמען יידישע „פּאַקט-בירגער" געוויסע נאָרמען פאַר זייערע וואוכעריי-געשעפטן און נעמען דערביי אין אַכט דעם אינטערעס פון דער שטאָט, אַז די שטאָט-לייט זאָלן האָבן אַ ביליקערן קרעדיט, ווי די קליענטעלע מחוץ דער שטאָט. זיי באַשטימען נישט קיין גרענעצן פאַר דעם יידישן צינז-פוס ביי אויסלענדישע הלוואות, ווייל זיי אַליין זענען דערין פאַראינטערעסירט, אַז די אויסלענדישע קליענטעלע, וואָס איז ס'רוב באַשטאַנען פון דעם אָרעמיקן אַדל, זאָל וואָס מער אויסגעוואוכערט ווערן און פאַרלירן איר שטויס-קראַפט אינם אינערלעך פּאָליטישן קאַמף.

אין פראַנקפורט ביים מאַין, אַ שטייגער, איז אין 15-טן י"ה די יידן געווען דערלויבט צו נעמען פון די שטאָט-לייט נישט מער ווי $21\frac{2}{3}\%$, דאַקעגן האָבן זיי געמעגט נעמען פון אויסלענדישע קליענטן, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אין נערדלינגען, וואו די

יידן האָבן זיך אין די קרעדיט-געשעפטן מיט שטאָט-לייט געמוזט באַנו-גענען מיט $17\frac{1}{3}\%$ (זינט דער העלפט פון 15-טן י"ה), טרעפט, אַז זיי נעמען ביים אַרומיקן אַדל פון $69\frac{1}{2}\%$ ביז 208%.

ג) מאַנכע שטאָט-ראַטן באַשטימען, אַז דער יידישער צינז-פוס זאָל זיין אַ קלענערער ביי גרויסע הלוואות, דערפאַר אָבער אַ גרע-סערער ביי קליינע הלוואות. אַזוי, אַ שטייגער, באַשטימט דער נירנ-בערגער שטאָט-ראַט אין י. 1391, אַז די גרויס פונם יידישן צינז-פוס דאַרף באַטרעפן: ביי גרויסע הלוואות פון 10% ביז $13\frac{1}{2}\%$, ביי קליינע הלוואות $21\frac{2}{3}\%$. דעם נירנבערגער ביישפּיל מאַכט נאָך דער רעגענסבורגער שטאָט-ראַט אין י. 1392, באַשטימענדיק דעם יידישן צינז-פוס ביי גרויסע הלוואות אויף $42\frac{1}{3}\%$, און ביי קליינע הלוואות— אויף $86\frac{2}{3}\%$.

דער זין פון אַזעלכע באַשטימונגען ווערט קלאָר, ווען מיר נעמען אין אַכט, פון איין זייט, אַז נאָך קליינע הלוואות פלעגט צו יידן אָנקומען דערעיקרשט דער האַנטווערקער — און פון דער צווייטער זייט, אַז די שטאָט-רעגירונגען אין די דערמאָנטע שטעט זענען דעמאָלט באַשטאַנען פון אַ רייכן פּאַטריציאַט, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט, אָפּצושוואַכן די כוחות פונם האַנטווערקער-קלאַס.

ד) מאַנכע שטאָט-ראַטן ציען פון זייערע „פּאַקט-יידן" אַ נוצן דורך דעם, וואָס זיי צווינגען זיי צו געבן די שטעט, וועלכע זיי רעפּרעזענטירן, הלוואות אויף באַזונדערס נידעריקע — ווי פאַר יענער צייט — פּראָצענטן. אַזוי, אַ שטייגער, באַטרעפט דער צינז-פוס ביי הלוואות, וועלכע די שטאָט פ ר אַ נ ק פ ו ר ט פלעגט נעמען ביי אירע יידישע „בירגער": אין י. 1365 — 18%, אין י. 1369 — 25%, אין די יאָרן 1375—1380—פון $9_{3}\%$ ביז 18%, אין די יאָרן 1380—1400— בדרך כלל $26\frac{1}{3}\%$.

ה) ביז לערך דעם סוף פונם 14-טן י"ה האָבן די יידן געמעגט פאַררעכענען צינזן צום קאַפּיטאַל און פון דער אַזויאַרום פאַרגרעסער-טער הלוואה-סומע נעמען ווייטערע צינזן. ביי דערדאָזיקער מאַניפּו-לאַציע איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבן גענומען צינזן פון צינזן.

אין משך פון 15-טן י"ה הויבט זיך אויף אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע קעגן אַזעלכע וואוכעריי-געשעפטן. מיט דער אָפּאָזיציע האָט אָנגע-פירט די קירכע און די יידן ווערן אָפּט צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרט-

לעכקייט דורך קירכלעכע טריבונאַלן פאַר נעמען „וואוכער פון וואוכער".

אין פראַנקפורט ביים מאַין זענען די יידן אין יאָר 1467 צוליב זייער וואוכעריי אָנגעקלאָגט געוואָרן נישט בלויז פאַרן שטאָט-ראַט, נאָר אויך פאַרן ערצבישאָף פון מאַינץ און אַפילו פאַרן פויפסט אַליין. אין עסטרייך מישט זיך אַריין אין דעם ענין קיסר פרידריך III, וועלכער פאַראָרדנט, אויפן פאַרלאַנג פונם לאַנד-אַדל, אַז „די יידן טאָרן אויף להבא נישט נעמען קיין צינזן פון צינזן" (1468).

האַנדלדיק אויף אַזאַ אופן פעסטגעשטעלט די ווענדונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן צינז-פוס אין משך פון 15-טן י"ה און וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז די יידישע וואוכעריי-געשעפטן זאָלן געבן ווייניקער הכנסה, ווי אין 14-טן י"ה, — וועלן מיר דיזעלבע דערשיינונג אויך קאָנען באַמערקן אין דער אַנטוויקלונג, וועלכע עס האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה דורכגעמאַכט די פאָרמען פון די יידישע קרעדיט-געשעפטן.

קודם-כל לאָזט זיך מערקן אַ צוריקגאַנג פון אַזעלכע פאָרמען, ווי דאָס אויסלייען אויף פאַרמשכונטע הכנסות פון צאָל-אָפּצאָלונגען און שטייערן. די לעצטע ביישפילן פון אַזעלכע משכנות אין יידישע הענט באַגעגענען מיר אין דייטשלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה. אויפן שווייצארישן באָדן באַווייזט זיך אין די יאָרן 1355 און 1359/8 אַ געוויסער ייד מיטן נאָמען מאַנאָסע (מנשה), צו וועלכן ס'זענען אין יענער צייט פאַרמשכונט די צאָל-אָפּצאָלונגען פון סחורות, וואָס ווערן אַריינגעפירט אין לאַנד פון איטאַליע און פראַנקרייך. אין י. 1379 ווערן דורך עבערהארד פון איזענבורג פאַרמשכונט צו יידן הסכנות פונם צאָל ביי קאַוב (Caub). פון י. 1384 ביזן י. 1390 איז געווען צו יידן פאַרמשכונט דער צאָל ביי קאָבלענץ, וואָס האָט באַלאַנגט צום ערצבישאָף פון טריער. אין י. 1385 אַנטלייט פפאַלצגראַף רופּרעכט I אַ סכום פון 15.400 גילדן ביי אייניקע שטראַסבורגער יידן און ער פאַרמשכונט צו זיי די יידן-שטייערן פון היידעלבערג, ווײַנהיים און ניישטאַדט.

אַלץ זעלטענער און זעלטענער קומען אויך פאָר אין 15-טן י"ה הלוואות אויף אומבאַוועגלעכע משכנות. איז דער שווייץ

זענען זיי בלויז אין איינציקע שטעט דערלויבט (אַ שטייגער, אין באַזעל און ציריך). אין י. 1489 ווערט דורכן צוזאַמענפּאָר אין באַדען פעסטגעשטעלט פאַר דער גאַנצער שווייץ, אַז צו יידן טאָרן נישט איבערגעגעבן ווערן קיין אומבאַוועגלעכע משכנות.

אין פראַנקפורט ביים מאַין ווערט אין י. 1428 די יידן פאַרבאָטן צו לייען אויף אומבאַוועגלעכע גיטער. דער פאַרבאָט ווערט אָבער ערשט אין די לעצטע 30 יאָר פונם 15-טן י"ה שטרענג דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק. אַן אויסדריקלעכער פאַרבאָט בנוגע אומבאַוועגלעכע משכנות איז אויך באַוואוסט פון ווירטעמבערג. אין קערנטען באַשטימט אַ טעריטאָריאַל געזעץ פון י. 1444, אַז פויערים טאָרן נישט אָן דער הסכּמה פון זייערע הערן פאַרמשכּונען זייער אומבאַוועגלעכן באַזיץ.

אָנטרעפנדיק כּסדר אויף אַלץ גרעסערע שוועריקייטן אויפן געביט פון קרעדיט-געשעפטן מיט היפּאָטעקאַרישע פאַרזיכערונגען, ווערן די יידן אַלץ מער געשטויסן אין דער ריכטונג פון קרעדיט-אָפּעראַציעס אויף שולד-בריוו און באַוועגלעכע משכּנות.

אָבער אויך דאָ שטויסן זיי זיך אָן אין משך פון 15-טן י"ה אויף געוויסע באַגרענעצונגען, וואָס ווירקן אומגינסטיק אויף דעם פאַרנעם פון זייערע קרעדיט-אונטערנעמונגען. אַזוי, אַ שטייגער, איז די יידן, ביז לערך דעם סוף פון 14-טן י"ה, נאָך געווען דערלויבט צו פירן אַ פרייען האַנדל מיט שולד-בריוו.

ביי אַזאַ מין שולד-בריוו פלעגט זיך דער בעל-חוב מתחייב זיין צו באַצאָלן דעם שולדיקן סכום יעדן איינעם, וואָס וועט דעם שולד-בריוו האָבן אין זיין באַזיץ, אָן אונטערשייד, צי דער בעל-חוב האָט דאָס געלט דירעקט אַנטליען פונם באַזיצער, צי נישט. ביים סוף פון 14-טן י"ה מערקט זיך אַ ווענדונג אין דערדאָזיקער פּראַקטיק. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט די יידן אין פראַנקפורט אין י. 1393 אויסדריקלעך פאַרבאָטן, צו טרייבן אַ האַנדל מיט שולד-פאַרשרייבונגען.

ענלעכע פאַרבאָטן לאָזן זיך נאָכווייזן זינט דעם סוף פון 14-טן י"ה אויך אין אַנדערע שטעט. אַ ווייטערע באַגרענעצונג, וואָס באַווייזט זיך אַרום דערזעלבער צייט, איז דאָס איינפירן פון ספּעציעלע „יידן-ביכער", אין וועלכע ס'האָבן געמוזט פאַרשריבן ווערן די שולד-בריוו, אַז זיי זאָלן אָנערקענט ווערן דורך די געריכטן. אַ פאַראָרדענונג, וואָס איז געווען באַוואוסט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד

שוין אין 12-טן און 13-טן י"ה! אין דייטשלאַנד לאָזן זיך אירע ערשטע שפּורן אויפזוכן אין י. 1396. אינם דאָזיקן יאָר האָט, נעמלעך, דער עסטרייכישער הערצאָג ווילהעלם פאַראָרדנט פאַר אַ רייַ שטעט, אַז יידישע שולד-בריוו זענען בלויז דעמאָלט גילטיק, ווען זיי ווערן פאַררעגיסטרירט און געשטעמפּלט דורכן שטאָט-ריכטער און דעם יידן-ריכטער. ענלעך פאַראָרדנט אין י. 1420 דער ערצבישאָף פון ווירצבורג, אַז יידישע שולד-בריוו מוזן פאַררעגיסטרירט ווערן אין דער בישאָפלעכער קאַנצעלאַריע און אַז זיי מוזן דאָרט געשטעמפּלט ווערן מיטן בישאָפלעכן זיגל, כדי צו באַקומען פולע באַווייזקראַפט. די עלטסטע „יידן-ביכער", וואָס זענען צו אונז דערגאַנגען פונם דייטשן מיטלאַלטער, שטאַמען פון דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה. אַזוי, למשל, איז אונז אויפגעהיט געוואָרן פון י. 1489 אַ "Juden-Buech" („יידן-בוך"), וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן שטיפט ריין (Rein). דאָס מוז אַוודאי זיין דאָס עלטסטע „יידן-בוך", וואָס איז באַוואוסט פון עסטרייך.

וואָס שייך די באַגרענעצונגען פון יידישע קרעדיט-געשעפטן אויף באַוועגלעכע משכנות, האָבן מיר די וויכטיקסטע פון זיי שוין דערמאָנט אינם פאַריקן קאַפּיטל, בעת מיר האָבן אַרומגערעדט דעם יידישן משכנות-האַנדל. דאָ אונטערשטרייכן מיר בלויז דעם פאַקט, אַז די פאַרבאָטן, וואָס באַלאַנגען צו אַזעלכע משכנות, ווי וואָל, באַוול, אויסאַרבעטונגען פון האַנטווערקער, קאָרן וכדומה, באַווייזן זיך ערשטביים אָנהויב פון 15-טן י"ה. אין די טעריטאָריעס, וואו די יידן האָבן געוואוכערט צווישן פויערים, האָט מען פאַרבאָטן צו פאַרמשכונען אַקער-אייזנס, פערד-געשפאַנען וכדומה (אַזעלכע פאַרבאָטן זענען אונז באַוואוסט פון דער שווייץ און פון עסטרייך).

§ 84 דער קאַמף קעגן יידישע וואוכער-געשעפטן אין משך פונם 15-טן י"ה.

די באַגרענעצונגען פון די יידישע וואוכעריי-געשעפטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט אין דעם פאַריקן פּאַראַגראַף, זענען געווען אַ פועל-יוצא נישט בלויז פון די קלאַסן-אינטערעסן פונם פּאַטריציאַט, וואָס האָט געהערשט אין די שטעט, נאָר אויך אַ רע

זולטאַט פון אַ סיסטעמאַטישן קאַמף, מיט וועלכן ס'האָט אין משך פון 15-טן י"ה אָנגעפירט די קירכע, געפינענדיק אַ שטיצע אין יענע קלאַסן, וואָס זענען צום מערסטן געשעדיקט געוואָרן פון וואוכעריי, ווי, אַ שטייגער, דער האַנטווערקער און דער פּויערים-קלאַס.

אויפן באַרימטן צוזאַמענפאָר פון קירכלעכע פאָרשטייער, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָנסטאַנץ (1418—1414), האָט מען צווישן אַנדערע ענינים אויך באַטראַכט די פראַגע פון די יידישע וואוכעריי-געשעפטן און עס איז אַרויסגעשוואומען ביי דער געלעגנהייט דער געדאַנק, אַז מען זאָל די יידן דורך מלוכהשע פאָראָרדענונגען צווינגען צו אַ פּראָפעסיאָנעלער איבערשיכטונג און בפרט צו אַן איבערגאַנג פון וואוכעריי צו מלאכה און ערד-אַרבעט.

דער כוח פון דער ווירטשאַפט, וואָס איז דעמאָלט ענג געווען צונויפגעבונדן מיטן קרעדיט, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אַ סך שטאַרקער, ווי די שטרעבונג פון דער קירכע צו באַזייטיקן דורכ-אויס די יידישע וואוכעריי. אגב, האָבן זיך די וועלטלעכע האַרן, וואָס האָבן פון די יידישע וואוכער-געשעפטן געצויגן גרויסע פראָ-פיטן, נישט אַזוי לייכט געוואָלט זיך צופאַסן צו די קירכלעכע פאָ-דערונגען.

נישט געקוקט דערויף, איז אָבער דער קירכע פאָרט געלונגען, צו שאַפן אין דער פּראַקטיק אַ סך שטערונגען פאַר דער אַנטוויק-לונג פון די יידישע קרעדיט-אָפּעראַציעס. איינע פון די הויפּטשטע-רונגען, צו וועלכער ס'האָט גורם געווען די קירכלעכע אַגיטאַציע, איז געווען די אַקציע, וועלכע די קירכע האָט אַליין ענערגיש געגומען פירן קעגן יענע קריסטן, וואָס פלעגן די יידן אויסבאָרגן קאַפּיטאַלן אויף צו טרייבן מיט זיי וואוכעריי-געשעפטן. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אין י. 1426 פאַרטריבן פון דער שטאָט נערדלינגען דער דאָרטיקער קריסטלעכער רופא האַנס וויבּ-טער, מחמת ער האָט דעם ייד פייוולמאַן (Vifelman) אַנטליען געלט אויף צו פירן דערמיט געשעפטן. דער רופא האָט מיט זיין משפחה געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט אויף גאַנצע 10 יאָר.

אין י. 1456 ווערט אין דערזעלבער שטאָט אַן אַנדערער ביר-גער מיטן נאָמען קינטעל געשטעלט צום שאַנד-סלופּ און פאַרטריבן אויף 3 יאָר, ווייל ער האָט אונטערגעשטיצט „די יידישע פּראָפעסיע"

("Judengewerb"). פון רעגענסבורג און פון אַ ריי אַנדערע שטעט זענען אונז פאַרבליבן ידיעות, אַז די קירכע האָט געדראָט אָנצו-ווענדן שווערע קירכלעכע שטראָפן קעגן זייערע שטאָט-ראַטן און מאַגיסטראַטן, אויב זיי וועלן ווייטער טאָלערירן יידישע וואוכער-געשעפטן.

פון רעגענסבורג ווערט אונז, אגב, אויך איבערגעגעבן, אַז עס איז דאָ אויסדריקלעך געווען פאַרבאָטן, אַז קריסטן זאָלן אריינלייגן זייערע געלטער אין יידישע באַנק-הייזער. אין דעמזעלבן צוזאַמענ-האַנג זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער באַשלוס פונם באַמבערגער קירכן-סינאָד פון י. 1491, וואָס דראָט מיט אויסשליסן פון דער קריסטלעכער געמיינשאַפט אַ יעדן קריסט, וועלכער גיט איבער זיין געלט צו יידן אָדער וואָס נעמט ביי יידן צינזן אָדער וואָס טרייבט לויטן יידישן שטייגער אַליין וואוכעריי-געשעפטן". "qui apud Judeos pecuniam suam locdut aut a Judeis usuram recipiunt, vel ut Judei eandem pecuniam mutuent".

ענלעכע באַשלוסן זענען נאָך פריער אָנגענומען געוואָרן דורך קירכלעכע סינאָדן אין פרייזינג (1440) און אין דעמזעלבן באַמבערג (1451). אַן אָפּשפיגלונג פון די געשילדערטע טענדענצן, צו באַזייטיקן דעם יידישן וואוכער אָדער צום וויניקסטנס צו צעשטערן די שטיצע, וועלכע ער האָט געהאַט מצד דעם קריסטלעכן קאַפּיטאַל, באַגעגענען מיר אין דער רבנישער ליטעראַטור פון 15-טן י"ה. אַזוי, אַ שטייגער, דערציילט אונז דער „לקט משר", אַז ר' שלום (וועלכן מהרי"ל און אַנדערע גדולי-הדור האָבן געהאַלטן פאַר זייער רבין) זאָל זיך האָבן וועגן דער טענדענץ קעגן דער יידישער וואוכעריי אַזוי אויסגעדריקט: „דאָס, וואָס די גוים ווילן איצט פאַרווערן דעם וואוּ-כער, קומט אונז דערפאַר, ווייל מ'העלפט נישט די תורה-לערנער".

די דערמאָנטע קירכלעכע החלטות וועגן דעם יידישן וואוכער באַשטעטיקן אונז דעם פאַקט, אַז עס האָבן זיך אין 15-טן י"ה גענומען פאַרשטאַרקן די טענדענצן קעגן די יידישע קרעדיט-געשעפטן. אויך פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט די קריסטלעכע וועלט אַלץ מער גענומען אָראָפּטרייסלען פון זיך די וואוכעריי-פאַרבאָטן, מיט וועלכע די קירכע האָט געפּענטעט דאָס ווירטשאַפטס-לעבן, און אַליין אָנגעהויבן ... צו וואוכערן. כאַראַקטעריסטיש איז אינם דאָזיקן פּרט די שטעלע אינם ציטירטן באַמבערגער סינאָדאַל-באַשלוס, וואו עס

רעדט זיך וועגן קריסטן, וואָס טרייבן אויפן יידישן שטייגער וואו־כעריי־געשעפטן".

נאָך בולטער קומט עס צום אויסדרוק אין דער דייטשער לי־טעראַרישער פּראָדוקציע פון 15־טן און אָנהויב 16־טן י"ה. אַזוי, אַ שטייגער, האַלט סעבאַסטיאַן בראַנט אין זיין באַרימטן „נאַרן־שיף", אַז די קריסטלעכע וואוכעריי איז ערגער פאַר דער יידישער און ער גיט אויך קלאָר אָנצוהערן, אַז מיט די יידישע גירושים, וואָס האָבן זיך פאַרמערט אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י"ה, זענען קריסטן אויסן געווען פטור צו ווערן פון דער יידישער קאָנקורענץ אינם וואוכער־געשעפט. „ס'איז שווער — שרייבט ער אין גראַמען — אויסצושטיין דעם יידישן וואוכער, לאָזט מען אָבער די יידן מער נישט בלייבן, די קריסטן־וואוכערניקעס, וואָס זיי (די יידן) פאַרטרייבן, אליין זיי לויפן מיטן יידן־שפּיז (וואוכערן)".

דאָסזעלבע זאָגט אויך טאָמאַס מורנער אין זיין „נאַרן־באַשווערונג": „ווייניק, וואָס עס זענען פאַראַן יידן אויף דער וועלט, ווערן נאָך קריסטן וואוכערניקעס. וויל אַזאַ קריסט טרייבן וואוכער, זאָל ער טראָגן, ווי די יידן, דעם יידן־רינג (געלע לאַטע)".

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט אין דער ווירטשאַפטס־געשיכטלעכער ליטעראַטור, אַז די קאַפּיטאַל־בילדונג, וואָס איז פאַר־געקומען אין די קרייזן פונם דייטשן פּאַטריציאַט אין משך פון 15־טן י"ה, האָט צווישן אַנדערע מקורים געהאַט אויך אַזאַ מקור, ווי דאָס אָנטלייען געלט אויף ציינזן. בקיצור: עס וואַקסט אינם דאָזיקן י"ה די קאָנקורענץ, וועלכע דאָס יידישע וואוכער־געשעפט האָט געהאַט אויסצושטיין פון די קריסטלעכע וואוכערניקעס!

אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן י"ה פלעגט מען נאָך אויפן אָרט פון די פאַרטריבענע יידן אָדער לעבן דעם יידן אַרויס־פאָדערן אויסלענדישע וואוכערניקעס, ווי די „קאַהאָרסינער" אָדער „לאַמפּאַרטן", דהיינו, סוחרים־באַנקירן פון דעם שטעטל Cahors אָדער פון לאָמבאַרדיע.

אַזוי האָבן עס געטון די שווייצער שטעט לוצערן (1383), בערן (1391), פרייבורג, ביעל וכדומה.

אין 15־טן י"ה האָט מען אין די דייטשע שטעט אייגענע „קאַ־האָרסינער" — „לאַמפּאַרטן", מענטשן פונם אייגענעם פּאַטריציאַט און טיילמאָל אויך אַדל־לייט, וואָס „גייען אַרום מיטן יידן־שפּיז"...

אינם קאָנקורענץ-קאַמף מיט די שטאַטישע פינאַנץ-מאַגנאַטן האָבן די יידן פאַרלוירן אַזעלכע וויכטיקע און הכנסהדיקע פּאָזיציעס, ווי די וואוכעריי צווישן שררות. ביים סוף פון 15-טן י״ה הויבן זיך אָן צו וואַקלען אויך די קליינע וואוכעריי-געשעפטן, וועלכע זיי האָבן געטריבן צווישן האַנטווערקער און פויערים. אין די גרעסערע דייטשע שטעט באַווייזן זיך דעמאָלט די ערשטע שטאָטישע בענק, וואָס אַנטלייען געלט אויף ביליקע צינזן. טיילמאָל קומען אויף די בענק אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גלייכצייטיקער פאַרטרייבונג פון די יידישע וואוכערניקעס. אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער דייטשער קיסר אין י. 1498 (21/7) באַוויליקט, אַז נירנבערג זאָל פאַרטרייבן אירע יידן און ער האָט גלייכצייטיק פאַראָרדנט, אַז עס זאָלן אין דער שטאָט געשאַפן ווערן אין פאַרשיידענע גאַסן וועקסל-בענק אויף צו באַזאָרגן די שטאָט-לייט מיט ביליקן קרעדיט.

דאָסדאָזיקע נירנבערגער ביישפּיל איז סימבאָליש פאַר אַ גאַנצן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס!

ביים אויסגאַנג פון מיטלאַלטער נעמט אַ סוף צו דער היסטאָרישער ראָלע, וועלכע דער ייד האָט געשפּילט אויפן דייטשן באָדן אַלס פיאָנער פונם קרעדיט-לעבן. די קריסטן האָבן דעמאָלט שוין גע־האַט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט דעם „וואוכער-שפּיז״.

„קינדער — שרייבט אַ דייטשער מוסר-זאָגער פון יענער צייט (האַנס ווילהעלם קירכהאָף, דער מחבר פון „Wendunmut״)— מוזן צאָלן צינזן זייערע עלטערן, דער זון אָדער די טאָכטער וויסן נישט, וויפל זיי זאָלן צאָלן צינזן זייערע עלטערן און קרובים... קיינער וויל נישט וויסן פון דעם געזעצלעכן צינז-פוס. מ׳נעמט אַזוי־פיל, וויפל מ׳וויל... באַשרייבן אָדער מאָלן די וואוכערניקעס, וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ גאַנץ בוך!״

און געזאָגט ווערט דאָס אַלץ וועגן קריסטן, וואָס האָבן איבער־גענומען פון די יידן דעם אָרט אינם קרעדיט-לעבן....

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

קאַפּיטאַל־בילדונג ביי די דייטשע יידן אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן יאָרהונדערט און די פאַראָרעמונג אין 15־טן יאָרהונדערט.

§ 85 דער פאַרנעם פון דער קאַפּיטאַל־בילדונג ביי די דייטשע יידן.

דער אינטערעסאַנטסטער שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם אויפבלי פון די יידישע קרעדיט־געשעפטן בעת דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה, איז דער אויפקום פון גרויסע יידישע באַנק־הייזער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר צענטערס פון אַ גרויסער אימפּאָזאַנטער פאַרמעגנס־אַקומולאַציע. אַ באַגריף וועגן זייער געשעפטלעכן פאַרנעם און וועגן זייערע פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן גיבן אונז די אַקטן פאַר דער צייט פונם טרויעריק־באַרימטן קיסר וועניצל, וואָס האָט מיט זיינע יידן־אויספּרעסונגען און אויסרויבונגען דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפע נישט איינעם פון דידאָזיקע „גרויס־יידן".

די באַדייטנדסטע יידישע באַנקהייזער באַגעגענען מיר אין די גרויסע דרום־דייטשע האַנדלס־שטעט, ווי נירנבערג, רעגענס־בורג, אולם און אויך אין די מערב־דייטשע שטעט, ווי פראַנק־פורט ביים מאַין און שטראַסבורג. סך־הכל איז די צאָל פון די „ראָטשילדס" פון יענער צייט נישט קיין גרויסע, זי מאַכט אויס צו 2—3 באַנקיר־משפחות אין יעדער פון די אויסגערעכנטע שטעט. זיי פאַרמאָגן אָבער אַזאַ רייכטום, אַזעלכע פאַרצווייגטע געשעפטס־פאַרבינדונגען צווישן אַדל־לייט און פּאַטריציער, אַז מען קאָן זיי

גרייטען באַצייכענען אַלס פירנדיקע משפחות אינם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן פון יענער תקופה.

מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ בינטל ציפערן און פרטים, וואָס מאַכן קלאָר זייער באַדייטונג.

אין נירנבערג האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה געציילט צו די רייכסטע יידישע משפחות די משפחות פון יעקב פון אולם, פון יוטא, דער אלמנה נאָך יעקב ראַפּ (זי ווערט אין די אַקטן טייל-מאָל אויך גערופן „Reppin" לויט דעם נאָמען פון איר מאַן) און פון ר' מאיר פון ערפורט, וואָס איז אידענטיש מיט דעם באַ-רימטן ר' מאיר בן ברוך הלוי, דעם כלומרשטן שאַפער פונם מורנו-טיטל. ווי גרויס עס זענען געווען די פאַרמעגנס פון דידאָ-זיקע דריי באַנקיר-משפחות, באַווייזט באַזונדערס בולט דער פאַקט, אַז זיי האָבן צוליב דער באַוואוסטער תביעות-סקאַסירונג פון י. 1385 אַריינגעטראָגן לטובת דער שטאָט נירנבערג מער, ווי די העלפט פונם סכום 80.986 גילדן, וועלכע די שטאָט האָט דעמאָלט אַרויסבאַקומען פון אַלע אירע יידן. מיט אַנדערע ווערטער: די דערמאָנטע דריי משפחות זענען געווען מער באַמיטלט, ווי אַלע איבעריקע נירנבערגער יידן צוזאַמען.

ר' יעקב האָט שוין אין י. 1376 געפירט אַזעלכע גרויסע גע-שעפטן, אַז עס האָט זיך אים געלוינט אָנצודינגען דעם מעכטיקן פפאַלצגראַף, בכדי דער לעצטער זאָל מיט דער היקף פון זיינע באַ-וואָפנטע חיילות צווינגען די אַדל-לייט — בעלי-חובות צו באַצאָלן דעם באַנק-הויז אַלץ, וואָס זיי זענען אים געבליבן שולדיק. ענלעך האָבן אויך די זין פון ר' יעקלען, ר' יצחק און ר' פייוויש, נאָך דער תביעות-סקאַסירונג פון י. 1390 אָפּגעמאַכט מיט אַ ריטער, אַ געוויסן אולריך פון עמפטס, ער זאָל מאַכן אַן אָנפאַל אויף נירנבערג דערפאַר, וואָס דער שטאָט-ראַט האָט ביי זיי צוגענומען זייערע הייזער.

דאָס רייכע באַנקהויז פון דער אלמנה יוטא ראַפּ האָט עק-זיסטירט אין נירנבערג ביז דעם אָנהויב פון 15-טן י"ה.

לויט אַ ידיעה פון י. 1384 האָט דאָסדאָזיקע באַנקהויז איינגע-צאָלט דער שטאָט נירנבערג 1000 גילדן פון אַ סכום 4000 גילדן, וועלכן עס האָבן געזאָלט איינצאָלן אַלע נירנבערגער יידן צוזאַמען.

אַ ראיה, אַז מען האָט דאָס באַנקהויז איינגעשאַצט אויף איין פערטל פון אַלע יידישע פאַרמעגנס אין דער שטאָט!

אַרום י. 1409 באַגעגענען מיר די אלמנה מיט צוויי זין און אַ טאָכטער אין דער איטאַליענישער שטאָט אנקאָנאַ, פון וואַנען זיי האָבן אָנגעקלאָגט די שטאָט נירנבערג וועגן 2000 מאַרק אין גאָלד (לערך 80.000 הייַנטיקע גאָלד-מאַרק), וועלכע מען האָט ביי איר אָן אַ שום גרונט צוגענומען אין י. 1390.

אַ דריטער זון פון דער אַלמנה האָט אין דערזעלבער צייט געלעבט אין טרעוויזאָ. ר' מאיר פון ערפורט האָט געפירט זיינע באַנק-געשעפטן אין נירנבערג פון י. 1383 ביזן י. 1385. ער איז דאָ אַהערגעקומען פון פראַנקפורט ביים מאַין. אין י. 1385 באַזעצט ער זיך צוריק אין פראַנקפורט און לעבט דאָ לערך 10 יאָר. ביים סוף פון 14-טן י"ה באַגעגענען מיר אים אין ווין, וואו עס האָט געלעבט דער שווער זיינער, דער רייכסטער ווינער ייד, ר' דוד שטייס (Steuss).

אין רעגענסבורג באַלאַנגט אַרום י. 1390 צו די רייכסטע יידן אַ געוויסער ר' קלמן (Chalman). וועגן דער גרויס פון זיינע געשעפטן גיט אונז אַ באַגריף אַ ידיעה, אַז מען האָט ביי אים אין י. 1391 — צוליב דער באַוואוסטער „יידן-שולד-טילגונג" פון קיסר ווענצל — סקאַסירט 9 שולד-בריוו אויף אַ סומע פון 13.000 גילדן, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט לערך 13 % פונם גאַנצן שולד-בריוו-סכום פון די רעגענסבורגער יידן.

אין אולם באַגעגענען מיר — פונקט ווי אין נירנבערג — דריי גרויסע יידישע באַנקהייזער. זיי באַלאַנגען צו ר' שמריה פפעפערקאָרן, אַ יידישן קאַפיטאַליסט, וואָס האָט פריער געוואוינט אין ציריך (1378), צו ר' ווידעל (Videl) בן משה פון עהינגען, אַ שוואָגער פון דעם אונז שוין באַקאַנטן ר' יעקל פון אולם און צו ר' משה פון ווינדהיים. על פי צופאַל זענען אונז פון י. 1385 אויפגעהיט געוואָרן 87 שולד-בריוו, וואָס האָבן געהערט צו די דאָזיקע דריי באַנקירן. לויט די שולד-בריוו האָבן זייערע געלט-תביעות באַטראָפן צוזאַמען 17.302 גילדן, דערפון זענען די אַדל-לייט אַליין געווען שולדיק 15.581 גילדן, לערך 90 %.

וואָס שייך די יידן אין פראַנקפורט, איז אַרום יאָר 1390 געווען צווישן זיי בלויז איין רייכע משפחה, דהיינו, די משפחה פון

דער יידישקע צאָרלינע (Zorline). פון דערדאָזיקער משפחה ווערן אין די אַקטן דערמאָנט: צאָרלינעס ערשטער מאַן, ר' פייוול פון דיעבורג (Fizelin von Dieburg), איר צווייטער מאַן, דער גביר ר' זיסקינד פון ווײַנהײַם, ווי אויך אירע 3 זין: קלמן, וואָלף און פייוויש (Fizis). ווען עס איז אין י. 1391 דורכגעפירט די „יידן-שולד-טילגונג", האָבן אַלע סקאַסירטע תביעות פון פראַנקפורטער יידן אויסגעמאַכט צוזאַמען אַ סכום פון 17.848 גילדן. דערפון האָבן די תביעות פון צאָרלינען באַטראָפן לערך 41%, פון אירע דריי זין 8%, פון איר מאַן, ר' זיסקינד לערך 10%, אַזוי, אַז פון דעם דערמאָנטן סכום 17.848 גילדן האָבן כמעט דריי פינפטל געשטאַמט פון צאָרלינעס משפחה.

ביי צאָרלינען האָט מען דעמאָלט צוגענומען 99 שולד-בריוו. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ טייל דערפון, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, וואָרים עס ווערט נאָך דערמאָנט אַ ריי שולד-בריוו, וואָס איז נישט פאַררעכנט געוואָרן צו די סקאַסירטע, ווי, אַ שטייגער, איינער אַ שולד-בריוו אויף 2000 גילדן, אַ צווייטער, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן פונם מאַינצער ערצבישאָף אויף 1000 גילדן וכדומה.

פון שטראַסבורג איז אונז באַוואוסט פון דער באַהאַנדלטער תקופה בלויז איינער, אַ גרויסער יידישער באַנקיר. ער האָט געהייסן שמעון און ער איז אין יאָר 1385 געווען בכוח דורכצופירן אַזאַ גרויסע טראַנזאַקציע, ווי די הלוואה אין דער גרויס פון 15.400 גילדן, וועלכע ער האָט געגעבן דעם פפאַלצגראַף רופּרעכט I. אגב, האָט ער געהאַט אייניקע שטראַסבורגער יידן אַלס שותפים. דעם גרעסטן חלק האָט ער אָבער אַליין אַריינגעלייגט אינעם געשעפט.

ס'איז אויך כדי צו דערמאָנען אַ גרויסן יידישן באַנקיר, וואָס האָט געלעבט אין באַזעל. זיין נאָמען ווערט אונז נישט איבערגעגעבן. מיר ווייסן וועגן אים בלויז אַזוי פיל, אַז ער האָט אין יאָר 1377 אַנטליען דעם באַזעלער שטאָט-ראַט אַן אימפּאָזאַנטן סכום פון 4000 גילדן, בעת אַלע איבעריקע באַזעלער יידן צוזאַמען האָבן קוים געקאָנט צונויפשלאָגן 1000 גילדן.

אַרום יאָר 1367 האָבן צו די רייכסטע יידן אין עסטרייך באַלאַנגט צוויי יידן: ר' משה (Musch) פון וואַרבורג און דער ברודער זיינער ר' חיים (Chadgim) פון צילי (Cilly). מען האָט ווייערע פאַרמעגנס איינגעשאַצט אויף מינימום 20.000 גילדן; וויי-

ניקסטנס האָבן די עסטרייכישע הערצאָגן אויף אַזוי פיל באַרעכנט זייער שאָדן, ווען די ביידע ברידער זענען פלוצלונג נעלם געוואָרן פון עסטרייך.

§ 86 די פאַראָרעמונג אין 15-טן י״ה.

די „יידן-שולד-טילגונגען״, וואָס זענען ביים סוף פון 14-טן י״ה דורכגעפירט געוואָרן דורך די שוץ-הערן, באַזונדערס אָבער דורך די עסטרייכישע הערצאָגן און דורך קיסר ווענצל, האָבן געמאַכט אַ סוף צו די גרויסע יידישע באַנקהייזער, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה.

דאָס, וואָס מיר באַקומען אין משך פון 15-טן י״ה אָנצוהערן וועגן יידישע פאַרמעגנס, איז נישט מער, ווי אַ בלאַסער אָפּשיין פון די ציפערן, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַט צו טון ביז די 90-קער יאָרן פון 14-טן י״ה. אַ ווערטפולע ציפערן-אילוסטראַציע פאַר דעם חורבן גיט אונז די שוין באַוואוסטע איינשאַצונגס-טאַבעלע, וואָס איז אין י. 1438 צונויפגעשטעלט געוואָרן דורכן ווינער ייד נחום.

נחום האָט אויפן סמך פון שטייער-ליסטעס און אַנדערע אינפאָרמאַציע-מאַטעריאַלן אויסגערעכנט, אַז דער „דריטער פעניג״, וועלכן די דייטשע יידן האָבן אינם דאָזיקן יאָר געזאָלט אַריינטראָגן דעם קיסר, האָט געדאַרפט באַטרעפן צוזאַמען 137.300 *) היות, ווי דער „דריטער פעניג״ האָט באַטראָפן 1/3 פון אַלע יידישע פאַרמעגנס, קומט אויס, אַז נחום האָט געשאַצט די פאַרמעגנס פון די דייטשע יידן אַרום און אַרום לערך אין 411.900 גילדן. דערפון פאַלן אויס לויט נחומס איינשאַצונגען: א) 42.500 ג. שטייער אָדער 127.500 ג. פאַרמעגנס פאַר די קהילות אין נירנבערג (10.000 ג. שטייער), ערפורט (6000), רעגענסבורג (4000), אָפּענהיים (4000), מאַינץ (3.000), אולם (2.000) אויגסבורג (2.000), ראָטענבורג ביי דער טאַו-

*) נחומס אַ יסרעכענונגען באַטרעפן, אגב, צוזאַמען 156.100 גילדן. דערפון גייט אָבער אַראָפּ אַ סכום פון 18.800 גילדן, וועלכן עס האָבן געדאַרפט איינצאָלן די יידן פון אונגאַרן (5.000), שלעזיע (5.000), בעמען (3.800) און מאַילאַנד (5.000), אַזוי, אַז עס בלייבט פאַר די יידן אינם אייגנטלעכן דייטשלאַנד אַ סכום פון 156.100 ווייניקער 18.800, דהיינו, 137.300 גילדן.

בער (1.500), פראנקפורט ביים מאין (1.000) און פאר די 4 שווייצער קהילות — קאָנסטאַנץ, ציריך, שאפהאַוזען און װעלטקירכען (צוזאמען 9.000). ב) 67.400 גילדן שטייער אָדער 202.200 גילדן פארמעגנס פאלן אויס פאר די יידן אין אַזעלכע ממשלה-געביטן פון גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות, ווי עסט-רייך (18.000 גילדן שטייער), זאַקסען (15.000), בייערן (10.000), קעלן (10.000), בראַנדענבורג (6.000), עלזאַס (4.400), מאַג-דעבורג (2.000) און באַמבערג (2.000). ג) 27.400 גילדן שטייער אָדער 82.200 גילדן פארמעגנס פאלן אויס פאר די יידן אין די איבעריקע שטעט און ממשלה-געביטן. ווי אינטערעסאַנט די געבראַכ-טע ציפערן זאָלן נישט זיין, באַקומען זיי אַ באַדייטונג ערשט דע-מאָלט, ווען מען פארגלייכט זיי מיט דעם ציפערן-מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן געבראַכט אין פאָריקן פאַראַגראַף, אילוסטרירנדיק די פאר-העלטענישן אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה.

ביי אַזאַ פארגלייך באַקומען זיך פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן: אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די פארמעגנס פון די 13 קהילות, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט אויבן צום פונקט א), אויסגעמאַכט נישט קיין סך מער, ווי דער סכום שולד-בריוו, וועלכן ס'האָט אין י. 1391 בלויז איין קהילה, דהיינו, די קהילה אין רעגענסבורג געמוזט אָוועקגעבן צוליב דער „שולד-טילגונג" פון קיסר ווענצל.

דערדאָזיקער סכום שולד-בריוו האָט, נעמלעך, באַטראָפן לערך 100.000 גילדן, אַלזוי, קרוב 1/4 פון אַלע פאַרמעגנס, וועלכע נחום האָט אין יאָר 1438 אויסגערעכנט פאר אַלע יידן אין דייטשלאַנד.

אינטערעסאַנט איז אויך צו פארגלייכן די ציפערן, וואָס באַ-לאַנגען צו די יידן אין נירנבערג: לויט נחומען קומט אויס, אַז זיי האָבן אין י. 1438 צוזאַמען פארמאָגט לערך פון 30.000 ביז 36.000 גילדן (אין אַ צווייטן פראָיעקט שטעלט נחום אַוועק פאר נירנבערג אַנשטאָט 10.000 ג. שטייער — אַ סכום פון 12.000 ג.), דהיינו, מיט לערך 12.000—6.000 גילדן ווייניקער, וויפל ס'האָט באַטראָפן דער סכום שולד-בריוו, וואָס זענען אין י. 1385 צוגענומען געוואָרן בלויז ביי די באַוואוסטע דריי יידישע באַנקהייזער אין נירנבערג: ר' יעקב פון אולם, יוטא ראָפ און ר' מאיר פון ערפורט. נאָך

די דאַסמישער פּאַלט אויס דער פאַרגלייך פאַר אַזעלכע קהילות, ווי אולם, פראַנקפורט ביים מאַין, דאָס שוין דערמאָנטע רעגענסבורג וכדומה, אָדער ווען מען פאַרגלייכט דעם ציפערן-מאַטעריאַל, וואָס איז אונז באַוואוסט פון אַזעלכע ממשלה-געביטן, ווי עלזאַס און עסטרייך.

אַזוי, למשל, פאַרמאָגט די קהילה אין אולם לויט נחומס איינשאַצונג סך-הכל 6.000 גילדן, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאַר קוים 1/3 פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכן 3 יידישע באַנקהייזער אין אולם האָבן אין י. 1385 געהאַט צו מאָנען ביי זייערע בעלי-חובות. די פאַרמעגנס פון די פראַנקפורטער יידן שאַצט נחום איין אין קוים 3.000 גילדן, מיר ווייסן אָבער, אַז בלויז איין איינציקע פראַנקפורטער באַנקירשע (צאַרלינע) האָט אין י. 1391 פאַרמאָגט געלט-תביעות אויף איבער 10.000 גילדן.

די רעגענסבורגער יידן האָבן לויט נחומען געזאָלט אין י. 1438 פאַרמאָגן לערך 12.000 גילדן, איז דאָס מיט גאַנצע טויזנט גילדן ווייניקער, ווי די 9 געלט-תביעות פונם רעגענסבורגער גביר ר' קלמן, וואָס זענען סקאַסירט געוואָרן אין י. 1391. אין י. 1385 האָבן אַ פּאָר שטראַסבורגער יידן געקאָנט פאַר אַ טראַנזאַקציע צונויפברענגען אַ קאַפּיטאַל פון 15.400 גילדן. דאַקעגן האָט נחום אין י. 1438 איינגעשאַצט אַלע יידישע פאַרמעגנס אין עלזאַס אויף סך-הכל 13.200 גילדן.

אין עסטרייך האָבן — לויט נחומען — אין י. 1438 אַלע יידן צוזאַמען פאַרמאָגט נישט מער, ווי 54.000 גילדן, בעת אין י. 1367 האָבן בלויז צוויי יידישע גבירים פון מארבורג און צילי פאָרגעשטעלט פאַר די הערצאָגן אַ „ווערט" פון 20.000 גילדן.

עד כאן דאָס אַלגעמיינע בילד פונם פאַרמעגנס-מצב, אַזוי ווי עס האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער ערשטער העלפט פונם 15-טן י"ה. אַן אינטערעסאַנטע דערגאַנצונג גיט אונז די טאַבעלע דאָ ווייטער, וואָס ווייזט אונז די דיפערענצירונג פונם מאַטעריעלן מצב אין די ראַמען פון אַ קהילה. די טאַבעלע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט די אויפצייכענונגען פונם קיסרלעכן שאַצמייסטער ק אָ נ ר אַ ד פון ווינסבערג, וואָס האָט צווישן די יאָרן 1414—1420, צוליב פיסקאַלישע טעמים, געמאַכט אויספאָרשונגען איבער די יידישע פאַרמעגנס אין טירינגען און אין דער מאַרקגראַפשאַפט מייסן.

דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגן פון די יידן אין קאָבורג
צווישן 1414—1420

יידישע באַלע־באַטישקייטן	געלט־תביעות	גאָלד, זילבער און צירונג		יידישע באַלע־באַטישקייטן	געלט־תביעות	גאָלד, זילבער און צירונג	
	(גילדן)	גילדן	מאַרק		(גילדן)	גילדן	מאַרק
אברהם	2.400	24	12	מיכאל פון ליעבע	400	6	2
זעליגמאַן	1.400	16	5	משה פון קראַין	300	6	5
יאָהאַן (!)	900	12	5	אברהם פון ליכטענפעלס	300	6	2
שאָן (־שיינדל?)	700	100	—	פרידמאַן	200	5	1
בענעדיקט (־ברוך)	400	5	2	סך־הכל	7.000	180	34

די טאַבעלע ווייזט אונז, אַז אין אַ קהילה פון 9 יידישע באַ־לעבאַטישקייטן האָבן בלויז צוויי באַלעבאַטישקייטן פאַרמאָגט זייער אייגנס איבער 1.000 גילדן (ביז העכסטנס 2.430 גילדן), בעת פון די איבעריקע 7 האָבן 5 געהאַט פאַרמעגנס אונטער 500 גילדן און נאָר צווישן 800—900 גילדן. כאַראַקטעריסטיש איז דערביי אַ באַמערקונג, וואָס געפינט זיך אין די פאַרצייכענונגען פונם דערמאָנטן שאַצמייסטער, אַז פון די 7.000 גילדן געלט־תביעות, וואָס זענען געקומען די קאָ־בורגער יידן, זענען אַן ערך 2.000 גילדן געווען צווייפלהאַפטע *)

נישט קיין סך בעסער האָט אויסגעזען דער מאַטעריעלער מצב פון די יידן אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י״ה, הגם עס זע־נען אין דערדאָזיקער צייט נישט פאָרגעקומען אַזעלכע אויספלינדע־רונגען, ווי אין די איבערברוכס־יאָרן 1385—1438.

אַ באַגריף וועגן די פאַרמעגנס־פאַרהעלטענישן אין די דעמאָל־יקע „רייכע קהילות" גיבן אונז פאָלגנדיקע ציפערן, וועלכע מיר

*) די ציפערן פאַר דער טאַבעלע האָבן מיר גענומען פון Dietrich Kerler: Zur Geschichte der Besteuerung der Juden durch Sigmund u Albrecht II (אין 5. גייגערס „צייטשריפט פיר די געשיכטע דער יודען אין דייטש־לאַנד" III, ז. 12).

באַזיצן וועגן דער פראַנקפורטער קהילה פון די יאָרן 1464—1465. אינם י. 1465 האָבן די פ־אַנקפורטער יידן באַצאָלט דעם קיסר אַ שטייער, וואָס האָט באַטראָפן 5% פון זייערע פאַרמעגנס. ביים איינמאָנען דעם שטייער האָבן די יידן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו צאָלן דערויף אַ סכום פון 800 גילדן און אַז זיי קאָנען מיט זייערע ביכער דערווייזן, אַז די תביעות זייערע מאַכן אויס צוזאַמען נישט מער, ווי 16.000 גילדן.

סוף-כל-סוף האָט מען זיך געאייניקט אויף 1.000 גילדן, אַזוי, אַז מען קאָן משער זיין ביי דער פראַנקפורטער קהילה אַ פאַרמעגן פון צוזאַמען 20.000 גילדן. לויט ווי עס ווייזט אונז אָבער די טאַבעלע, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער, האָבן פאַקטיש די פראַנקפורטער יידן צוזאַמען פאַרמאָגט פון 26.000 ביז 32.500 גילדן.

אינטערעסאַנט איז דערביי, וויאַזוי דערדאָזיקער סכום האָט זיך פאַרטיילט אויף איינצלנע יידישע באַלעבאַטישקייטן. די טאַבעלע ווייזט אונז אַזאַ בילד: פון די 12 יידישע באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן געלעבט אין פראַנקפורט אין י. 1446, האָבן 6 פאַרמאָגט פון 3.000 ביז 4.000 גילדן, 3 האָבן געהאַט זייער אייגנס פון 2.000 ביז 3.000 גילדן און 3 אונטער 1.000 גילדן.

ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ צו טון על-פי-רוב מיט מיטעלע פאַרמעגנס (פון 2.000 ביז 4.000 גילדן). כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר איז דער פאַקט, וואָס צווישן די פראַנקפורטער יידן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אַזעלכע געלט-מאַגנאַטן, ווי די אונז שוין באַוואוסטע צ אָ ר ל י נ ע, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר משפחה פאַרמאָגט פאַר דער „תביעות-סקאַסירונג" פון י. 1391 צום ווייניקסטנס פון 14.000 ביז 15.000 גילדן, דאָס הייסט אַן ערך אַ העלפט פון די פאַרמעגנס, וועלכע מיר באַגעגענען אין י. 1464/5 ביי אַלע פראַנקפורטער יידן צוזאַמען.

אַזוי האָבן אויסגעזען די פאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן אין אַ קהילה, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה באַלאַנגט צו די רייכסטע אין דייטשלאַנד. לאָמיר איצט באַטראַכטן, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דער מאַטעריעלער מצב אין די צווייט-ראַנגיקע און אין די גאָר קליינע קהילות.

אַ געוויסן באַגריף קאָנען מיר זיך שאַפן וועגן דעם אויפן סמך פון אַ רשימה יידישע וואוכערניקעס, וואָס האָבן אַרום דער

פאַרמעגנס פון פראַנקפורטער יידן אין יאָר 1464-5 *)

יידישע שטייער־משפחות אין י. 1464	די גרויס פון דעם נאָרמאַלן יידן־שטייער (גילדן)	די גרויס פון די פאַרמעגנס (גילדן)	יידישע שטייער־משפחות אין י. 1664	די גרויס פון דעם נאָרמאַלן יידן־שטייער (גילדן)	די גרויס פון די פאַרמעגנס (גילדן)
לעווע פון ווערטהיים	80	—3.200 4.000	יואל, נתנ׳ס איידעם	60	—2.400 3.000
הירש מיט פרוי און מוטער	80	—3.200 4.000	יעקב פון נירנבערג	50	—2.000 2.500
ריקע	75	—3.000 3.750	יעקב פון עפשטיין	50	—2.000 2.500
דער פעטער יעקב	72	—2.880 3.600	שמעון, דער רב	20	—800 1.000
יאָסל פון קעלן	72	—2.880 3.600	ראובן	13	—520 650
סימל פון עפשטיין	68	—2.720 3.400	נענלין	10	—400 500

*) דידאָזיקע טאַבעלע האָבן מיר צונויפגעשטעלט אויפן פאָלגענדיקן אופן: די נעמען פון די שטייער־משפחות, ווי אויך די גרויס פון זייערע נאָרמאַלע „יידן־שטייערן" ברענגען מיר לויט י. קראַקויער: („די געשיכטע פון די יידן אין פראַנקפורט" 1925, באַנד I, ז. 219). ביי קראַקויערן געפינען מיר אויך אַ קוועלן־ציטאַט, אַז לעווע פון ווערטהיים, וועמענס נאָרמאַלער יידן־שטייער האָט באַטראָפן יערלעך 80 גילדן, איז אין י. 1465 איינגעשאַצט געוואָרן צו באַצאָלן 200 גילדן אויפן חשבון פון דעם 5%־טיקן פאַרמעגנס־שטייער. דאָסזעלבע לייענען מר דאָרט אויך, אַז יעקב פון נירנבערג, וואָס האָט געצאָלט 50 ג. יידן־שטייער, האָט לויט זיין באַהויפטונג פאַרמאָגט אַ פאַרמעגן, פון וועלכן עס איז געקומען נישט מער, ווי 100 גילדן אַלס 5%־טיקער פאַרמעגנס־שטייער. אויפן סמך פון דידאָזיקע ידיעות קומען מיר צום אויספיר, אַז די פראָפּאָרציע צווישן די יידן־שטייערן און פאַרמעגנס איז געווען, ווי 1 : 50 אָדער ווי 1 : 40 (דהיינו אַז פון 50 אָדער 40 גילדן פאַרמעגן איז געקומען 1 גילדן יידן־שטייער). נעמענדיק אָט די פראָפּאָרציע אַלס יסוד, באַרעכענען מיר לויט דער באַוואוסטער הויך פון די יידן־שטייערן, וועלכע עס האָט געצאָלט יעדע באַלעבאַטישקייט, די גרויס פון איר פאַרמעגן.

העלפט פון 15-טן י״ה אָפּעריִרט אין דער שטאָט באַמבערג און אינם באַמבערגער קרייז. די רשימה איז כולל סך-הכל 76 וואוכערניקעס און זי ווייזט אונז אַ סכום תּביעות פון צוזאַמען 7738 פונט און 2.640 גילדן, וואָס דאָס האָט באַטראָפן 9.368 ג. *). דערפון פאַלן אויס 7.425 גילדן (5.905 פונט—2.298 גילדן) אויף 24 וואוכערניקעס, וואָס האָבן געלעבט אין דער שטאָט באַמבערג, דאָס הייסט לערך 80% פונם גאַנצן סכום. די איבעריקע 52 וואוכערניקעס האָבן געוואוינט אין 13 קליינע שטעטלעך פונם באַמבערגער ערצבישאָפטום.

היות, ווי מיר באַגעגענען צווישן די וואוכערניקעס אויך רבנים, שמשים, שול-קלאַפּערס וכדומה, קאָן מען משער זיין, אַז די צאָל יידישע באַלעבאַטישקייטן האָט אינם גאַנצן באַמבערגער קרייז איינ-איינעם מיט דער שטאָט באַמבערג נישט אויסגעמאַכט מער, ווי די צאָל בעלי-תּביעות, וואָס ווערן געבראַכט אין דער רשימה.

באַנוצנדיק זיך מיט אָט דער השערה, שטעלן מיר צונויף דאָ ווייטער 2 טאַבעלעס, וואָס ווייזן פון איין זייט די קאַפּיטאַל-קראַפט פון די 24 באַמבערגער באַלעבאַטישקייטן און פון דער אַנדערער זייט — די פאַרטיילונג פון די קאַפּיטאַלן אין אַזעלכע צוויי קליינע ישובים פונם באַמבערגער קרייז, ווי קונשטאַדט און גונצענ-דאָרף, וואָס צוזאַמען האָבן זיי געציילט 12 באַלעבאַטישקייטן *).

די טאַבעלע, וואָס באַלאַנגט צו דער קהילה אין באַמבערג, ווייזט אונז 5 גרופּעס באַלעבאַטישקייטן: די רייכסטע גרופּע איז באַ-שטאַנען סך-הכל פון 3 באַלעבאַטישקייטן, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט איינצומאָנען תּביעות פון 1.075 ביז 1.300 גילדן. די ווייטער-דיקע דריי גרופּעס ציילן צוזאַמען 10 באַלעבאַטישקייטן מיט תּביעות פון 150 ביז 600 גילדן אַ יעדע; די צאָלרייכסטע איז די גרופּע V, זי איז צוגלייך אויך די אָרעמסטע: זי ציילט 11 באַלעבאַטישקייטן מיט צוזאַמען 256 גילדן תּביעות, אַזוי, אַז עס פאַלן אויס דורכ-שניטלעך אויף איין באַלעבאַטישקייט קוים 23 גילדן געלט-תּביעות.

*) 1 גילדן האָט באַטראָפן 23 סאָלידי, בעת איין פונט בלויז 20 סאָלידי; 1 גילדן באַטרעפט אַלזוי 20/23 פונט.

*) די טאַבעלן שטעלן מיר צונויף אויפן סמך פון דער נאָמענטלעכער רשימה, וואָס ווערט געבראַכט אין דעם ווערק פון ד״ר א. עקשטיין: („די געשיכטע פון די יידן אין באַמבערג,“ 1898, ז. 235—287).

פאַרגלייכנדיק אונזער טאַבעלע מיט דער פריער געבראַכטער פראַנקפורטער טאַבעלע, קומט מען צום אויספיר, אַז די באַמבערגער קהילה, וואָס איז לויט דער צאָל באַלעבאַטישקייטן געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די פראַנקפורטער, האָט פאַרמאָגט אין בעסטן פאַל 1/8 פון די פראַנקפורטער קאַפּיטאַלן. ס'איז כדאי אויך אונטערצושטרייכן, אַז די צאָל גאַנץ אָרעמע באַלעבאַטישקייטן (גרופּע V) האָט אין באַמבערג באַטראָפן כמעט אַ העלפט פונם גאַנצן קהילה-באַשטאַנד (11 אויף 24).

קאַפּיטאַלן פון באַמבערגער יידן, וואָס זענען אַרום י. 1450 געלעגן אין הלוואה-געשעפטן.

גרופּעס פון באַלעבאַטישקייטן לויט דער גרויס פון זייערע קאַפּיטאַלן	די צאָל באַלעבאַטישקייטן אין יעדער גרופּע	דער סכום געלט-תביעות פון יעדער באַלעבאַטישקייט (גילדן)	דורכשניטלעך פאַלן-אויס אויף אַ באַלעבאַטישקייט געלט-תביעות (גילדן)	דער סכום געלט-תביעות פון יעדער גרופּע (גילדן)
I	3	1074, 1199, 1312	1195	3585
II	4	516, 523, 611, 515	541	2165
III	3	266, 301, 335	301	902
IV	3	151, 180, 186	172	517
V	11	13, 17, 46, 61, 75, 10, 10, 12, 13, 2, 9	23	256

צום טרויעריקסטן איז דאָס בילד אין די גאַנץ קליינע קהילות. די פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט אונז, אַז צווישן די 6 יידישע באַלעבאַטישקייטן פונם שטעטל קונשטאַדט האָט אַפילו קיין איינציקע נישט פאַרמאָגט קיין תביעות, וואָס זאָלן צוזאַמען דערגרייכן ביז 100 גילדן, און אינם שכנותדיקן אָרט גונצענדאָרף, אין וועלכן ס'האָט עקזיסטירט דיזעלבע צאָל באַלעבאַטישקייטן, האָבן זיך געפונען קוים 2

באַלעבאַטישקייטן, וואָס זייערע תביעות האָבן באַטראָפן איבער 100 גילדן, דערגרייכנדיק צוזאַמען אַ סומע פון 346 גילדן.

קאַפּיטאַלן פון קונשטאַדטער און גונצענדאָרפער יידן, וואָס זענען אַרום י. 1450 געלעגן אין הלוואה־געשעפטן.

קונשטאַדט			גונצענדאָרף		
צאָל באַלעבאַטישקייטן	זייערע געלט־תביעות (גילדן)	דורכשניטלעך פאַלן־אויס אויף איין באַלעבאַטישקייט געלט־תביעות אין דער גרויס פון	צאָל באַלעבאַטישקייטן	זייערע געלט־תביעות (גילדן)	דורכשניטלעך פאַלן־אויס אויף איין באַלעבאַטישקייט געלט־תביעות אין דער גרויס פון
3	54, 64, 84	67 ג.	2	154, 192	173 ג.
2	28, 48	38 ג.	2	86, 93	90 ג.
1	9	9 ג.	2	4, 10	7 ג.

די געבראַכטע טאַבעלן האָבן אַ באַדייטונג נישט בלויז פאַר דער פראַגע פון דעם מאַטעריעלן מצב פון די דייטשע יידן אין 15־טן י״ה. זיי דערקלערן אונז אויך איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, צוליב וועלכע ס'זענען אינם דאָזיקן טרויעריקן י״ה פאָרגעקומען אַזוי־פיל יידן־פאַרטרייבונגען פון די דייטשע שטעט און ממשלה־טערי־טאָריעס.

קאַפּיטל דרייסיק

דער קאַמף פון די קאַמערקנעכט קעגן דעם פיסקאַליזם פון די שוץ־האַרן
(אַ בליק אין די אינערלעכע פאַרהעלטענישן פונם דייטשן יידנטום פאַר די יאָרן 1350—1500)

§87 דער איבערברוך אין דער שטייער־פּאָליטיק פון די קהילות.

מיט קליינע אויסנאַמען פון די „רייכע קהילות", וואו מען פלעגט בדרך־כלל אויפנעמען אַלס מיטגלידער נאָר פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, איז אין דעם רוב קהילות דער פאַרמעגנס־אונטערשייד צווישן די באַלעבאַטישקייטן געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, עס זאָלן נישט האָבן פאָרגעקומען שאַרפע רייבונגען צווישן די מער פאַרמעגלעכע שיכטן און די מיטעלע אָדער גאָר אָרעמע. ליידער, שטומען דאָ די קוועלן, און ווען עס באַקומט זיך יאָ אַמאָל אַ ידיעה וועגן די אינערלעכע קאַמפן, איז עס נאָר על־פּי־מקרא. פאַר דער באַהאַנדלטער תקופה פאַרמאָגן מיר אייניקע אַזעלכע „גליקלעכע צופאַלן", און מיר ווען זיי דאָ פּרוּאוון צונויפפלעכטן אין אַ צוזאַמענפּאַסנדיק בילד.

געוויינלעך באַווייזן זיך די ידיעות, וואָס אינטערעסירן אונז דאָ, אין צוזאַמענהאַנג מיטן יידישן שטייער־וועזן, און דעריבער מוזן מיר זיך פריער פאַר אַלץ אָפּשטעלן ביי דער שטייער־פּאָליטיק, וועלכע די קהילות האָבן געפירט און דער באַהאַנדלטער תקופה. לויט ווי ס'איז אַרויסצודרינגען פון די קוועלן, איז ביז צום „שוואַרצן טויט" פאַר די קהילות געווען אַ סך לייכטער איינצואָרדענען אַ נאָרמאַלע

שטייער-פּאָליטיק, איידער אין דער צייט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1348—1350. דאָס שטייער-סיסטעם איז ביז דער קאַטאַסטראָפע געווען נאָרמירט דורך אַ ריי צוועקמעסיקע תקנות.

ביים אָנהויב פון 14-טן י״ה האָט אַן אָנגעזעענער זאַקסישער רב (ר׳ מנחם פון מערזעבורג) צונויפגעשטעלט די תקנות אין דער פאָרם פון אַ קאָדיפיקאַציע. פון די ברוכטיילן, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פונם דאָזיקן ווערק, באַקומט זיך אַזאַ בילד: אויף צו באַזעצן זיך אין אַ קהילה איז, צוליב דער געמיינזאַמער פאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר די שטייערן, געווען נויטיק דער הסכם פון קהל. קהילה-שטייערן האָט מען פון אַ ניי-אָנגעקומענעם געמאָנט אין 30 טעג אַרום נאָך זיין באַזעצן זיך, אָדער אין אַ יאָר אַרום. ביים אַרויסציִען זיך פון אַ קהילה האָט מען וועגן דעם געדאַרפט דורכ-קומען מיט די קהילה-פאָרשטייער און דעקן דעם שטייער-סכום, וועלכן מען איז געבליבן שולדיק.

קליינע פונקטן, וואָס האָבן גענאָסן פון די אַנשטאַלטן אין דער שכנותדיקער קהילה, האָבן געמוזט צו היקף קומען מיט שטייערן. די איינטיילונג פון דעם קהילה-שטייער פלעגט פאָרקומען לויט די פאַרמעגנס-דעקלאַראַציעס פון די שטייער-צאָלער. די ראשי-הקהילה האָבן אָבער אויך געקאָנט אַליין איינטיילן דעם שטייער.

די באַשטייערטע האָבן געהאַט אַ רעכט צו אַפּעלירן, אויב מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַן אומגערעכטן שטייער-סכום. אַ חוץ דעם נאָרמאַלן שטייער אויף אויסצוהאַלטן די אַנשטאַלטן פון דער קהילה, האָט נאָך יעדער קהילה-מיטגליד געמוזט צאָלן אַ חלק פון דער „שאַצונג״ (מס), וועלכע עס האָבן געמאָנט די שוץ-הערן. די פאַרטיילונג פון דעם מס איז געווען פאַרשיידן.

מייסטנס פלעגט זי דורכגעפירט ווערן לויט דער גרויס פון די הכנסות. הייזער און גיטער פלעגט מען דערביי נישט אַריינרעכע-נען. אגב, פלעגן אויך די שוץ-הערן ביי „שאַצונגען״ נישט אַריינ-רעכענען קיין אומבאַוועגלעכע גיטער, נאָר דאָס באַרע פאַרמעגן, וואָס האָט געשטעקט אין די געשעפטן.

אין יעדער קהילה האָבן עקזיסטירט ספּעציעלע איינשאַצונגס-קאָמיסיעס פון געבליבענע קהילה-פאָרשטייער.

דאָס סיסטעם, וועלכעס מיר האָבן דאָ געשילדערט, איז נאָך דעם „שוואַרצן טויט" צעפאַלן געוואָרן.

עס האָט זיך אַלץ מער איינגעבירגערט דאָס סיסטעם פון אינדיווידועלע אָפּמאַכן צווישן די שוץ־האַרן און די יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין זייערע ממשלה־געביטן. דער שוץ־האַר האָט זיך אַליין גענומען דאָס רעכט צו אַנטשיידן, ווער עס דאַרף אויפגענומען ווערן אין די קהילות פון זיין ממשלה־געביט און ער האָט אויך אַליין באַשטימט דעם סכום יידן־שטייערן, וועלכן עס דאַרף באַצאָלן דער ניי־אָנגעקומענער. דורכן דאָזיקן סיסטעם פון „פּאַקט־יידן" (דהיינו, יידן, וואָס באַקומען וואוינרעכט אויפן סמך פון „פּאַקטן" — אינדיווידועלע אָפּמאַכן מיט די האַרן) איז צו נישט געוואָרן דער וויכטיקסטער כלי־זיין, וואָס מיט זיין היקף פלעגן די קהילות פריער רעגולירן זייערע פינאַנצן: דאָס אויטאָנאָמע רעכט צו אַנטשיידן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די קהילה־גלידער. בלויז אין געציילטע ממשלה־געביטן באַגעגענען מיר נאָך אַ געוויסע צייט דאָס אַלטע סיסטעם. וואָס ווייטער אָבער, אַלץ גרינדלעכער ווערט עס פאַרטראָטן דורך דעם נייעם סיסטעם פון „פּאַקט־יידן". אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין אַ באַמבערגער דאָקומענט פון י. 1378 דערמאָנט „יידישע שטייער־מייסטער" אָדער „שאָס־מייסטער" (שאָס באַדייט אַזויפיל, ווי מס), אַ מין אויטאָנאָמע שטייער־קאָמיסיע פאַר די יידן אינם גאַנצן באַמבערגער ערצבישאָפטום, וואָס רעגולירט דאָס יידישע שטייער־וועזן און וואָס אָן איר הסכם קאָן מען נישט אויפגענומען ווערן אינם ערצבישאָפטום.

אָן ענלעכע אינסטיטוציע זעען מיר אין עסטרייך: די יידישע שטייער־קאָמיסאַרן ווערן דאָ גערופן „יידן־צעכמייסטער". מיר באַגעגענען זיי דאָס לעצטע מאָל אין י. 1415. נאָך פריער זענען פאַרשוואונדן די באַמבערגער „שאָס־מייסטער": דאָס לעצטע מאָל ווערן זיי דערמאָנט אין אַ דאָקומענט פון י. 1408. אויפן אָרט פון די אויטאָנאָם־געקליבענע יידישע „שטייער־מייסטער באַווייזן זיך אומעטום שטייער־איינשאַצער און שטייער־איינמאָנער, וואָס ווערן באַשטימט דורך די שוץ־האַרן אַליין, איבער די קעפּ פון די באַשטייערטע יידן. צום פריסטן באַגעגענען מיר זיי אין די 70־קער און 80־ער יאָרן פונם 14־טן י"ה, און לויט, ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון די באַטרעפנדיקע דאָקומענטן, פלעגן עס תחילת זיין

רייכע יידן־באַנקירן, צו וועלכע די שוץ־האַרן זענען געווען פאַר־שולדיקט אויף גרויסע געלטער.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין די יאָרן 1379—1380 צוויי יידן שוואַרצל פון לינץ און דוד פון עגענבערג) באַפולמעכטיקט דורך די עסטרייכישע הערצאָגן איינצוזאַמען „אַלע יידן און יידישקעס" אין די שטעט און דערפער און איינצומאָנען ביי זיי די שטייערן ביז אַ סכום פון 10.000 פונט ווינער פעניגן. דערביי ווערט אין דעם אַקט דערמאָנט, אַז די הערצאָגן זענען אַזאַ סכום שולדיק געווען די אָנגערופענע צוויי יידישע באַנקירן.

ענלעך האָט דער פפאַלצגראַף רופּרעכט אין י. 1385 באַפולמעכ־טיקט אייניקע רייכע יידן פון שטראַסבורג, איינצומאָנען די יידן־שטייערן פון די קהילות אין היידעלבערג, ווייַנהיים און נײַ־שטאַדט.

מיט די איינגעמאָנטע שטייערן האָט געזאָלט אָפּגעצאָלט ווערן אַ געלט־תּביעה אין דער גרויס פון 15.400 גילדן, וועלכע די שטראַס־בורגער באַנקירן האָבן געהאַט צום פפאַלצגראַף. זיך אומקערנדיק צו די עסטרייכישע פאַרהעלטעניש, איז כּדאַי נאָך צו דערמאָנען, אַז ספּאָראַדיש באַגעגענען מיר דאָ נאָמינירטע יידישע שטייער־איינ־שאַצער און איינמאָנער אויך אין די יאָרן 1389, 1397, 1402, 1403 און 1414.

דאָס נייע סיסטעם סטאַביליזירט זיך אין עסטרייך ערשט זינט דעם י. 1415, פון וועלכן ס'זענען אונז פאַרבליבן ספּעציעלע אינ־סטרוקציעס, וואָס די עסטרייכישע הערצאָגן האָבן אויסגעאַרבעט פאַר די יידישע „אַנשלאַהער" (Anslaher) און „אַבזאַמער" (Absamer), ווי עס האָבן דאָ געהייסן די נאָמינירטע שטייער־איינשאַצער און שטייער־איינמאָנער. גענויער וועלן מיר זיך ביי די אינסטרוקציעס אָפּשטעלן אין די ווייטערדיקע אויספירן. פריער מוז אונז באַשעפטיקן די פראַגע, ווי אַזוי די יידן האָבן רעאַגירט אויף דער איינפירונג פונם נייעם סיסטעם, וואָס האָט, אגב, אונטערגעגראָבן איינעם פון די יסודות, אויף וועלכע ס'האָט זיך געשטיצט די יידישע אויטאָנאָמיע.

§88 דער קאַמף קעגן די „יידן-הויכמייסטער" און „יידן-מייסטער".

ווי ס'איז משער צו זיין, האָט דאָס איינפירן נאָמינירטע שטייער-איינשאַצער און שטייער-איינמאָנער אַרויסגערופן אַ העפטיקע אָפּאָזיציע מצד די קהילות. דאָס איינקאַסירן די שטייערן איז געוואָרן שטאַרק באַשווערט און די נאָמינאַטן האָבן געהאַט אַ סך צרות מיט זייער אומדאַנקבאַרער אויפגאַבע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נויטיק צו שאַפן אַ צוואַנג, וואָס זאָל זיי פאַרלייכטערן די אַרבעט. בכדי דאָס אויסצופירן, נעמען זיך די שוצהארן צום צווייטן יסוד פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, דהיינו, צו דער אויטאָנאָמיע פונם יידישן געריכטס-וועזן. מיט דער המצאה טרעט אַרויס צום פריסטן דער העכסטער שוצהאַר — דער קיסר אַליין. אין י. 1402 האָט ער געהאַט אָנגעטרויט זיינע צוויי הויף-יידן, ר' אליה פון ווייַנהיים און ר' יצחק פון אָפּענהיים, וואָס „פלעגן וואויל און געטריי אויספירן די געשעפטן" פונם קיסר, אַז זיי זאָלן פון די יידן אינם פראַנקען-לאַנד איינמאָנען דעם „גאָלדענעם אָפּפער-פעניג". אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער צו זיי צוגעגעבן נאָך אַ דריטן ייד, דעם „קאַמער-קנעכט מאיר", וואָס איז געווען אַ רופא אין לאַנשטיין.

די שטייער-איינמאָנער האָבן זיך אָבער ביי די יידן אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. אום צו ברעכן די שטערונגען, נאָמינירט דער קיסר אין י. 1403 אויפן אָרט פון די דערמאָנטע דריי יידן אַנדערע צוויי (איינעם פון מאַינץ און אַ צווייטן פון אָפּענהיים) און ער גיט זיי אַ חוץ פיסקאַלישע אויך **געריכטלעכע פולמאַכטן**: זיי באַקומען דאָס רעכט צו משפטן די יידן אין אַלע שטרייט-ענינים, וועלכע זיי האָבן צווישן איינאַנדער אָדער מיט קריסטן. דאָס האָט, אַפּנים, נאָך מער פאַרשאַרפט די לאַגע, און ווען די פינאַנציעלע דערפאָלגן האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן אַזוי געראָטן, ווי עס האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט דער קיסר, איז דער לעצטער אַרויס מיט אַ נייער המצאה.

מיט אַ דעקרעט פון 3/5 1407 **נאָמינירט** ער אַ געוויסן ייד, **ר' ישראל פון נירנבערג**, אַלס העכסטן רב אָדער **„הויכמייסטער"** איבער אַלע יידן אין דייטשלאַנד און ער געטרויט אים אָן די אויפגאַבע אויפצומאָנען די יידן-שטייערן. ר' ישראל האָט זיך

קודם-כל אַ נעם געטון צו די פּאַרמעגלעכע באַלעבאַטים. האָט זיך אָבער אויפגעהייבן אַ שטורם קעגן דעם „הויכמייסטער", וואָס האָט געוואָגט איבערצונעמען אַזאַ שטעלע אָן דעם הסכם פון די קהילות.

מען האָט קעגן אים פאַרפירט משפּטים, אַז „ער איז געשפּרונגען איבער די יידן", דהיינו, אַז ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די יידישע דינים. סוף-כל-סוף האָט מען אים אַריינגעלייגט אין חרם. דאָ האָט שוין דער קיסר נישט געקאָנט מער שווייגן און ער איז דעם 23-סטן נאָוועמבער 1407 (קוים אַ האַלב יאָר נאָכן נאָמינאַציע-דעקרעט!) אַרויסגעטרעטן מיט אַ נייעם דעקרעט, מיט וועלכן ער האָט צונישט געמאַכט דעם חרם, גלייכצייטיק האָט ער די יידן געגעבן אָנצוהערן זיין ווילן, אַז ר' ישראל בלייבט ווייטער זייער „הויכמייסטער" און אַז ער האָט ווייטער דאָס רעכט איינצושאַצן זייערע פּאַרמעגנס און איינצומאָנען די שטייערן. און אַזוי איז אויך טאַקע געווען.

ר' ישראל איז געבליבן ביי זיין אַמט און ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין ראָטענבורג ביי דער טאובער, וואו מיר באַגעגענען אים אין די יאָרן 1406—1408. אין י. 1408 אָרדנט ער דאָ איין אַ קאַנצעלאַריע פאַר זיינע ענינים, אַ ראיה, אַז עס באַזעצט זיך אינם דאָזיקן יאָר אין דער שטאָט אַ געוויסער שלמה בר' אהרן הלוי, וואָס ווערט אין די אַקטן באַצייכנט אַלס „der juden-hochmeisters schreyber" אַלס „שרייבער פונם יידן-הויכמייסטער" *).

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן דעם הויכמייסטער געשטיצט געוויסע רבנים, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די סיטואַציע פאַר זייער אייגענער טובה און וואָס האָבן זיך איינאייניקעס אָפּגערעכנט מיט זייערע קעגנער צווישן די אָפּאָזיציאָנעלע גבירים.

דער באַרימטער ר' יעקב הלוי, וואָס איז באַוואוסט אונטער דעם געקירצטן נאָמען מהר"י, גיט וועגן דעם אַזויאַרום אָנצוהערן: „די האָר שטעלן זיך מיר קאַפּויר און איך ווער פאַרציטערט, ווען איך פאַרנעם די פאַרוויסטונג, די פאַרווילדערונג, דעם געוואַלד-געשריי און חילול-השם, וואָס ווערן איצט באַגאַנגען אין דער מדינה. און שולדיק זענען אין דעם לומדים, אַ טייל רבנים, וואָס האָבן זיך

*) פּערגל. ה. ברעסלאַו: Zur Gesch. der Juden in Rothenburg a. I. אין ל. גייגער'ס „Zeitschrift J. d. Gesch. Der Juden in Deutschland" באַנד III ז. 321—324.

איינגערעדט, אַז זיי קאָנען אַליין פּסקענען; פון זייער אייגענער טובה וועגן וואַרפן זיי אַרויף אויף די ווידערשפּע־ניקע קהילה־מיטגלידער גרויסע געלט־שטראָפן און זיי קריגן זיך אויף פּיפּיקע אופנים אַרייג־צוכאַפּן רייכע מענטשן אין זייער נעץ און רייסן פון זיי די הויט. זאָגט טאַקע דאָס פּאָלק, זעענדיק אַזאַ חילול־השם: דאָס איז די תורה און דאָס איז דער שכר אירער!״

די לעצטע שפּורן פונם „הויכמייסטער״ ר׳ ישראל געפינען זיך אין אַ דאָקומענט פון י. 1414 און מיר דערוויסן זיך ביי דער געלעגנהייט, אַז ער איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם קיסרלעכן שאַצ־מייסטער קאָנראַד פון וויינסבערג. היות, ווי עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער „הויכמייסטער״ מוז האָבן צו הילף אַ געהעריקן שטאַב רבנים — שטייער־איינמאָנער, וואָס זאָלן מיטן חרם אויספּרעסן פון די ווידערשפּעניקע שטייער־צאָלער די „שאַצונגען״, האָט דער קיסר אין דעמזעלביקן דעקרעט באַפולמעכטיקט זיין שאַצמייסטער, צו באַמינירן צוויי־דריי אַזעלכע „יידן־מייסטער״. אין די נאָענטסטע 20 יאָר זעען מיר טאַקע ביי דער אַרבעט אַ ריי „יידן־מייסטער״. זיי באַמיען זיך טאַקע שטאַרק ביים איינמאָנען אַלע אויסערגעוויינלעכע שטייערן, ווי דער קרוין־שטייער, הוסיטן־שטייער, בולן־געלטער וכדומה.

מיר גיבן דאָ אָן זייערע נעמען.

אין י. 1414 פאַרנעמען זיך מיטן איינמאָנען דעם „10־טן פּעניג״ די „יידן־מייסטער:״ מיכאַל פון קאָבלענץ, לעווע (יהודה) פון קעלן, פייוועלין פון גיענגען און חיים פון לאַנדסהוט

אין י. 1418 אַמטירן אַלס איינמאָנער פון די קאָנסטאַנצער „בולן־געלטער״ יוסף פון שלעטשטאַדט, רבי ליזער־יצחק (Rabbi Lazarus Isak) און לעווע פון קאָנסטאַנץ.

אין י. 1427 און 1431 ווירקן מיט ביים איינמאָנען דעם „הוסיטן־שטייער״ די „יידן־מייסטער:״ נחום פון זנאַים און אַ געוויסער ר׳ מענדל.

פאַר דער צייט פון קיסר זיגמונד (1437—1411) זענען נאָך באַוואוסט די „יידן־מייסטער:״ יעקב פון מאַינץ און נתן פון עגער. זיי ווירקן צוזאַמען מיט דעם פריער דערמאָנטן יידן־

מייסטער חיים פון לאַנדסהוט און האָבן אַן אויפטראָג „צו באַזייטיקן די אומאָרדענונג און אומערלעכקייט" צווישן די יידן.

די אַלע אויסגערעכנטע „יידן-מייסטער" האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן חרם קעגן די ווידערשפּעניקע שטייערצאָלער און זענען נאָמינירט געוואָרן דורך דעם קיסרלעכן שאַצמייסטער קאָנראַד פון ווייַנסבערג. אַ חוץ דעם שוין דערמאָנטן דעקרעט פון י. 1414 האָט דער קיסר אַרויסגעגעבן נאָך צוויי דעקרעטן (אין י. 1421 און י. 1434), אין וועלכע ער האָט זיין שאַצמייסטער באַוויליקט צו נאָמינירן „יידן-מייסטער".

אַמאָל פלעגט דער קיסר אַרויספאָדערן צו זיך די פאָרשטייער פון די קהילות און אָפּמאַכן מיט זיי, וויפל זיי דאַרפן אַריינטראָגן מס. דערנאָך פלעגט ער אַרויסשיקן די „יידן-מייסטער", ווי אויך קריסטן-שטייער-איינמאָנער אויף איינצוטרייבן די סכומים, וועגן וועלכע מען איז דורכגעקומען. אַזעלכע פאַלן זענען אונז באַוואוסט פון די יאָרן 1430 און 1434.

די „יידן-מייסטער" האָבן זעלטן ווען געהאַט צו טון מיט שטייערצאָלער-יחידים. געוויינלעך פלעגן זיי פאַרהאַנדלען מיט די פאָרשטייער פון קהילות און אָפּמאַכן מיט זיי, וויפל ס'דאַרף פון די קהילות אַריינגעטראָגן ווערן אויפן חשבון פון די געפאָדערטע „שאַצונגען". דאָס צעטיילן דעם אָפּגעמאַכטן סכום אויף די קהילה-מיטגלידער, ווי אויך דאָס איינמאָנען פון די באַלעבאַטים די צעטיילטע געלטער פלעגן זיי איבערלאָזן אויף די ראשי-הקהל.

דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דער קאָמפּראָמיס, צוליב וועלכן די קהילה-פאָרשטייער, וואָס זענען ס'רוב באַשטאַנען פון רייכע באַלעבאַטים, האָבן אויפגעהערט צו אַטאַקירן סיי דעם יידן-הויכמייסטער, סיי דעם „יידן-מייסטער". די קאָסטן פון דעם קאָמפּראָמיס האָבן, ווי דער שטייגער איז שוין, באַצאָלט די ווייניקער באַמיטלטע פאָלקס-שיכטן, אויף וועלכע די ראשי-הקהל פלעגן אַרויפוואַרפן די גאַנצע שטייער-לאַסט.

מיר געפינען וועגן דעם אַ קורצע, אָבער פיל-זאָגעוודיקע ידיעה ביי דעם איינמאָל שוין ציטירטן מהר"י. „איבער אונזערע גרויסע זינד — שרייבט ער צו איינעם אַ באַפריינדעטן רב — זעען מיר אין דעם רוב קהלות די צרה, וואָס די פּרנסים דריקן דאָס פאָלק און געוועלטיקן מיט געוואַלד נישט

פון גאָטס װעגן, נאָר פון זײער אײגענער טובה װעגן. זײ װאַרפן אַראָפּ פון זיך אַלע (שטײער) לאַסטן און װאַרפן אַרויף דעם יאָך אויף די אומגליקלעכע פאָלקס-שיכטן".

דערדאָזיקער װײגעשרײ פונם אײדעלן פאָלקס-פרײנט איז געבליבן אָן אַן אָפּקלאַנג און דאָס סיסטעם פון נאָמינירטע „הויכמײסטער" און „יידן-מײסטער" האָט זיך װאָס װײטער, אַלץ מער סטאַביליזירט. די פּרנסים, װאָס האָבן אין י. 1407 אויפגעהײבן אַ טומל צוליב דער נאָמינאַציע פונם „הויכמײסטער" ר' ישראל (עס רעדט זיך װעגן דעם אויסדריקלעך אין דעם דאָקומענט פון 23/XI 1407) און װאָס האָבן זיך אַפילו נישט געשראָקן אַרײנצולײגן דעם נאָמינירטן „אויבער-רב" אין חרם, האָבן אין י. 1435 אָן שום רעש אויפגענומען די ידיעה, אַז דער קיסרלעכער שאַצמײסטער, קאָנראַד פון װײנסבורג, האָט אויפן אָרט פונם פאַרשטאָרבענעם „הויכמײסטער" אָנגעטרויט די שטעלע פונם „אויבערשטן מײסטער און רבי פון דער הײליקער מלוכה און פון די יידן" („oberster meister und rabi des heiligen richs nnd der judischcit") אַ געװיסן ר' אַנשל (Ansshelm) פון קעלן, װאָס האָט צו יענער צײט געלעבט אין װאָרמס.

װעגן דער טעטיקײט פון ר' אַנשל האָבן מיר נישט קײן ידיעות. די השערה פון גידעמאַנען, אַז ער האָט נישט אָנגענומען די נאָמינאַציע, האָט לגמרי נישט קײן דאָקומענטאַלן יסוד. לויט דעם נאָמינאַציע-דעקרעט האָט ער, פּונקט װי דער פריערדיקער „הויכמײסטער", געהאַט דאָס רעכט אָפּצוהאַלטן משפּטים איבער די יידן פון דער גאָרער מלוכה, װי אויך אײנצומאָנען מלוכהשע יידן-שטײערן און שטראָף-געלטער, זיך באַנוצנדיק קעגן די װידערשפּעניקע מיטן חרם.

ר' אַנשל איז געװען דער לעצטער „הויכמײסטער", װעלכן מיר באַגעגענען אין דעם דײטשן מיטלאַלטער. די סיבות, צוליב װעלכע ס'איז סקאַסירט געװאָרן דער הויכמײסטער-אַמט, זענען נישט באַװאוסט. אַלץ, װאָס עס װערט װעגן דעם געזאָגט אין דער באַטרעפנדיקער היסטאָרישער ליטעראַטור, מאַכט די זאַך נישט קלאָרער. געװוינ, אַז זינט לערך דעם י. 1438 פאַרנעמט דאָס אָרט פונם „העכסטן רבי" אַ העכסטער יידישער שטײער-אײנשאַצער, אַ מין „גבאי המלך", װאָס האָט נישט קײן רבנישע קװאַליפיקאַציעס און װאָס פירט דורך די

אָנגעטרויטע שטייער-ענינים מיט דער הילף פון נאָמינירטע „יידן-מייסטער" — רבנים און סתם „ערלעכע יידן". געוויינלעך טרעטן אַרויס אין דער ראָלע פון אַזעלכע קיסרלעכע „גבאים" יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציונגען מיטן קיסרלעכן הויף.

מיט איינעם אַזאַ הויף-ייד, וואָס אַרבעט אויס פּראָיעקטן וועגן דער גרויס פון די יידישע „שאַצונגען", באַקענען מיר זיך אין יאָר 1438. מיר זענען אויסן דעם אונז שוין באַוואוסטן און אין די פּאַ-ריקע קאַפּיטלעך אָפּט דערמאָנטן הויף-ייד, נחום פון ווין, וואָס איז אפשר אידענטיש מיטן ייד נחום פון זנאים, וועלכער טרעט אַרויס אין די יאָרן 1427 און 1431 אַלס איינמאָנער פון יידישע שטייערן פאַר די מלחמות מיט די הוסיטן.

אין י. 1475 ווערט דערמאָנט אַן אַנדער „קעניגלעכער ייד", אַ געוויסער לוי (Levi). ער באַקומט פונם קיסר דעם אויפטראָג, איינצומאָנען פון די יידן דעם סכום פולווער, וועלכן זיי האָבן גע-דאַרפט, אָנשטאָט אַ געלט-שטייער, אָפּליפערן פאַר די מלחמות מ"ט די טערקן — און ער ווערט אינאייננוועגס באַפולמעכטיקט צו נעמען זיך צו הילף 5 „יידן-מייסטער" — רבנים היתומים, ווי אויך 3 אַנדערע „אומבאַשאָלטענע יידן".

מיר זענען משער, אַז די „גבאים המכן" פלעגן די שטייער-פאַרטיילונגען צווישן די קהילות דורכפירן אויפן וועג פון קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די קהילות-פאָרשטייער, וועלכע דער קיסר פלעגט אַרויספאָ-דערן אויף ספּעציעלע ועדים. וועגן איינעם אַזאַ ועד ווערט אונז איבערגעגעבן פון י. 1489. דער קיסר האָט דעמאָלט אַרויפגעלייגט קריגס-שטייערן אויף יידן (צוליב דער מלחמה מיט דער שטאָט Brügge) און ער האָט אויפגעפאָדערט די קהילות אין דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלן דעלעגירן זייערע פאָרשטייער אויף אַ ועד אין נירנבערג, וואו מען האָט געזאָלט דורכקומען וועגן דער גרויס פון די שטייערן. צוליב די סיבות, וואָס זענען נישט באַוואוסט, איז דער ועד נישט צו-שטאַנד געקומען.

§ 89 די יידן-מייסטער און שטייער-איינמאָנער אין די ממשלה-געביטן פון די שררות.

די איינפירונג פון דעם נייעם פיסקאַלישן סיסטעם לגבי די יידישע מלוכה-שטייערן האָט גורם געווען דערצו, אַז עס זאָל איינ-

געשטעלט ווערן אַן ענלעכער סיסטעם אויך בנוגע די יידישע לאַנד-שטייערן אין די ממשלה-געביטן פון די שררות.

צום פריסטן באַגעגענען מיר פיסקאַלישע איינאָרדענונגען לויטן מלוכהשן מוסטער אין די ממשלה-געביטן פון די עסטרייכישע הערצאָגן. שוין אין די לעצטע 2 יאָרצענדליקער פון 14 י"ה פלעגן די הערצאָגן ספּאָראַדיש אָנטרויען אַ הייפּעלע „הערצאָגלעכע יידן" די מיסיע זיך צו פאַרנעמען מיט דעם איינשאַצן די לאַנד-יידן און מיט דעם איינטרייבן די „שאַצונגען".

אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער הערצאָג אַ ל ב ר ע כ ט III אין י. 1389 געגעבן 5 יידן דעם אויפטראָג, אַז זיי זאָלן באַשטימען די סכומים יידן-שטייערן, וועלכע ס'זענען דעמאָלט געקומען פון די עס-טרייכישע קהילות. אין י. 1397 באַשטימען ווידער די הערצאָגן אַ קאָמיסיע פון 7 יידן, וואָס דאַרפן פעסטשטעלן, וויפל עס קומט פון יעדער קהילה, אום עס זאָל צונויפגעבראַכט ווערן אַ שטייער-סכום פון 16.000 גילדן. דיזעלבע קאָמיסיע האָט זיך נאָך געדאַרפט פאַר-נעמען מיטן איינמאָנען די געלטער.

ענלעכע 2 פאַלן זענען אונז אויך באַוואוסט פון די יאָרן 1402—1414, אָבער ערשט אין יאָר 1415 קומט עס, ווי עס איז שוין אין אַן אַנדער אָרט דערמאָנט, צו אַ סטאַביליזאַציע פון דעם נייעם סיסטעם. אין דעמדאָזיקן יאָר אַרבעטן אויס די הערצאָגן אויספירלעכע אינסטרוקציעס פאַר זייערע יידישע פינאַנץ-אָנגעשטעלטע און עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ ש ט ע נ ד י ק ע ר איינאָרדענונג, וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט אויף פעסטע געזעצלעכע יסודות.

די וויכטיקסטע פונקטן פון די אינסטרוקציעס זענען פאָלגנדיקע: דער אַפּאַראַט פון די יידישע פינאַנץ-באַאַמטע באַשטייט פון 8 אַזוי-גערופענע „אַנשלאַהער", דאָס הייסט טאַקסאַטאָרן, וואָס שאַצן איין די גרויס פון די יידישע פאַרמעגנס, און פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער צאָל „אַבזאַמער" דאָס הייסט שטייער-עקזעקוטאָרן.

די „אַנשלאַהער" אַרבעטן, ווי אַ קאָלעגיע. אין פּרינציפּ ווערן זייערע באַשלוסן אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען. פאַראַן אָבער איינער, אַ זייער כאַראַקטעריסטישער אויסנאַם: ווען אַ מינדערהייט זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז מען זאָל אַ יידישן שטייער-צאָלער

איינשאַצן העכער, ווי דאָס וויל די מערהייט, באַשליסט די מינדערהייט און נישט די מערהייט.

עד כאַן די אינסטרוקציעס.

זיי ווייזן בולט די טענדענץ פון די הערצאָגן און דעם כאַראַקטער פון זייערע יידישע פינאַנץ־באַאַמטע. די יידישע שטייער־צאָלער האָבן שוין צוליב די דערמאָנטע ספּאָראַדישע נאָמינאַציעס פון „אַנשלאַהער" און „אַבזאַמער" געהאַט גענוג גרונט, אום צו זיין אומצופרידן. די יידישע שטייער־באַאַמטע האָבן טריי געדינט זייערע הערן און געצאַפּט פון זייערע ברידער דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס. הערן מיר טאַקע, אַז די שטייער־צאָלער זענען נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער.

אין דעם נאָמינאַציע־דעקרעט פונם י. 1415 געפינט זיך וועגן דעם אַ קורצע, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישע שטעלע. דער הערצאָג אַלבּרעכט V זאָגט, נעמלעך, צו זיינע פריש געבאַקענע „אַנשלאַהער" און „אַבזאַמער", אַז ער וועט מער נישט גלויבן קיין שום אָנקלאָגעס, מיט וועלכע מען טרעט קעגן זיי אַרויס, נייערט ער וועט זיי תמיד פריער פאַרהערן, איידער ער וועט זיך שאַפן אַ מיינונג וועגן אַן אַריינגעטראָגענעם אָנקלאָג.

עס ווייזט, אַלזוי, אויס, אַז מען האָט אַ געוויסע צייט פּאַראַליזירט די טעטיקייט פון די „אַנשלאַהער" און „אַבזאַמער" מיט כלערליי אָנקלאָגעס, אַז זיי זענען נישט אַזוי ווייט אויסן דעם אינטערעס פון די הערצאָגן, ווי זייער אייגענע טובה... דערמיט האָט מען אָבער נישט באַוויזן צו באַזייטיקן דעם באַהאַנדלטן נייעם סיסטעם.

דער אַפּאַראַט פון די יידישע „בעלי־טאַקסע" האָט געאַרבעט אין עסטרייך ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער און ווי אַ באַשטאַנד־טייל כונם דאָזיקן אַפּאַראַט האָבן אויך מיטגעווירקט פאַרשיידענע שטאָטישע רבנים — „יידן־מייסטער", וואָס האָבן, ענלעך ווי די מלוכהשע „יידן־מייסטער", צוגעהאָלפן צו פאַרגרעסערן דעם שטייער־דרוק מיטן כוח פונם חרם. אין דעם פּרט פאַרמאָגן מיר אַן אויסדריקלעכן באַווייז אין אַ דאָקומענט פונם י. 1478, אין וועלכן מיר געפינען אַן אויפֿפאָדערונג פונם הערצאָג צו 4 שטאָטישע רבנים — „יידן־מייסטער", אַז זיי זאָלן ביי די אָרטיקע יידן אויפנעמען דעקלאַראַציעס („Kuntschaften") וועגן זייערע פאַרמעגנס און צונויפשטעלן געהעריקע רשימות.

אַ חוץ עסטרייך האָט זיך — ווי שוין באַמערקט — דאָס סיס־טעם פון „קאַזיאָנע" רבנים, באַמינירטע „יידן־מייסטער" און אָנגע־וואָרפענע יידישע שטייער־טאַקסאַטאָרן און איינמאָנער איינגעוואָרצלט אויך אין אַנדערע ממשלה־געביטן. דאָס בילד איז דאָ כמעט דאָס־זעלבע, וואָס אין עסטרייך, און עס איז איבעריק זיך אָפּצושטעלן ביי די באַטרעפנדיקע מאַטעריאַלן. ס'איז בלויז כדאַי אָנצומערקן צוויי דאָקומענטן פונם פרענקישן ממשלה־געביט, וואָס באַלאַנגט צו דער אינסטיטוציע פון די יידן־מייסטער.

פון איינעם פון די דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך, אַז דער ערצבישאָף פון ווירצבורג האָט אין י. 1447 נאָמינירט אַלס ווירצבור־גער רב איינעם, אַ געוויסן ר' ד ו ד. דער צווייטער דאָקומענט איז מיט 10 יאָר יינגער און ער אַנטהאַלט אַ כאַראַקטעריסטישע ידיעה, אַז דערזעלבער ערצבישאָף האָט אין זיין ממשלה־געביט איינגעאָרדנט אַ מין יידישע „לאַנד־מייסטערשאַפט" און ער האָט אַלס לאַנד־רב דעסיגנירט אַ געוויסן ר' י ע ק ב פ ו ן ר אָ ט ע נ ב ו ר ג. איןביידע פאַלן האָבן מיר בולטע אַנאַלאָגיעס צו די מלוכהשע „הויכמייסטער" און „יידן־מייסטער".

ווי מיר זעען, האָבן נישט געהאָלפן די שטרעבונגען פון אָנגע־זעענע פּאָלקס־פריינט, ווי, אַ שטייגער, פונם מהר"י — און עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די אַלטע תקנות, וואָס האָבן פאַרווערט אָנצו־נעמען פון נישט־יידישע הענט וועלכע ס'איז אינערלעכע יידישע אַמטן. די שוץ־האָרן מיטן קיסר בראש האָבן אומעטום דורכגעזעצט זייער ווילן, וואָס זענען אויסן געווען ריין פיסקאַלישע צילן, און זייער אַריינמישן זיך אין די אינעווייניקסטע יידישע ענינים איז געווען אַ כלל.

אויפן יידישן אָרגאַניזם, וואָס איז דורך די אויסצאַפּונגען אין דער צייט פון קיסר ו ע נ צ ל לגמרי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט זיך פאַר די צייטן פון קיסר ר ו פּ ר ע כ ט אָנגעזעצט אַ גאַנצער שטאַב נאָמינירטע רבנים — „יידן־מייסטער" און ער האָט אויסגעפירט באַ־פעלן פון שאַצמייסטער און שטייער־איינמאָנער, מיסברויכנדיק מיט אַזעלכע מיטלען פון צוואַנג, ווי דער חרם.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער צרה פון אָנגעוואָרפענע „יידן־מייסטער", צווישן וועלכע — ווי ס'איז לייכט משער צו זיין — עס פלעגן זיך געפינען ס'רוב מענטשן מינדערווערטיקע, אָן די נוי־

טיקע קענטעניִשן און מעלות, ברענגט לעצטנס די פאָרשונג דעם מנהג, וואָס איז אין דייטשלאַנד באַנייט געוואָרן דורך דעם אונז שוין באַוואוסטן ר׳ מאיר פון ערפורט (ר׳ מאיר הלוי), אַז נאָר אַזעלכע לומדי־תורה, וואָס האָבן באַקומען סמיכה פון אָנערקענטע גדולי־הדור, האָבן זיך געמעגט באַנוצן מיטן טיטל „מוהר״ר״ אָדער „מורנו״ (וואָס דאָס באַדייט „אונזער מייסטער״ אַלס אונטערשייד צו די אָנגעוואָרפענע פרעמדע, „נישט־אונזערע״ יידן־מייסטער).

אין דער באַנייונג פונם „מורנו״־טיטל (באַנייונג און באין אופן נישט קיין נייע איינפירונג, וואָרים דעם טיטל „מורנו״ האָט שוין געטראָגן דער באַרימטער ר׳ מאיר מראָטענבורג) דריקט זיך, אַלזוי, אויס אַ מין קעגן־אַקציע פון די גדולי־הדור קעגן די קריכערישע און כאַראַקטערלאָזע רבנים — יידן־מייסטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַריינשפּאַנען אין דעם סיסטעם פון אַ פאָלקס־באַדריקונג דורך כלערליי „שאַצונגען״. אַ העכסט אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג אין דעם קאַמף, וועלכן די געהעצטע קאַמערקנעכט האָבן געפירט קעגן דער מוראדיקער פינאַנציעלער אויסביייטונג מצד די שוצהאַרן!

ליידער, איז דער אָנשטרענגונג פון ר׳ מאיר הלוי און פון ענלעכע פאָלקס־פירער נישט באַשערט געווען צו דערגרייכן דעם פאַרהאָפטן ציל. די אָנגערופענע יידן־מייסטער האָבן געוועלטיקט אין דייטשלאַנד ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער און די דעמאָראַליזאַציע און פינאַנציעלע אויסשעפּונג האָט אַלץ געשטיגן.

אָבער נאָך איידער ס׳האָט געקאָנט אויפבליען די אינערלעכע באַנייונג, פון וועלכער ס׳האָבן זיך שוין אָנגעמערקט סימנים, האָבן זיך צוליב אויסערלעכע פאַקטאָרן געמוזט ליקווידירן צענדליקער גרויסע און קליינע קהילות און די פראַגן פונם אינערלעכן לעבן און קאַמף האָבן פאַרלוירן זייער באַדייטונג אין פאַרגלייך מיט דער פראַגע, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויבן־אָן און וואָס האָט שאַרף געקלונגען: וואוהין אַנטלויפן? וואו געפינען אַ מקום מנוחה?...

קאַפּיטל איין און דרייסיק

די רדיפות און גירושים פון די דייטשע יידן
פאַר די יאָרן 1350 — 1500.

§ 90 רדיפות און גירושים אַלס פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס פון שררות.

די 2 טאַבעלעס, וועלכע מיר האָבן געגעבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווייזן אונז די יאָרן און די ערטער, וואו עס זענען צלץ פאָרגעקומען גירושים און רדיפות אויף די דייטשע יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה. די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דידאָזיקע יידן-פאַרפאָלגונגען, לאָזן זיך נישט אַרייַנשפּאַרן אין איין און דערזעלבער קאַטעגאָריע. זיי זענען פילפאַכיקע און מוזן באַהאַנדלט ווערן לויט באַזונדערע גרופּעס. דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ביי אַזעלכע רדיפות און גירושים, וואָס די סיבה זייערע לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן אַלס פשוטע רויב-אונטערנעמונג מצד די שוצהאַרן, כּדי זיך צו באַרייכערן מיט יידיש האָב און גוטס.

אַזוי, אַ שטייגער, נעמען די עסטרייכישע הערצאָגן אין יאָר 1370 אַלע יידן פון לאַנד געפאַנגען, בכדי פון זיי אויסצופּרעסן גרויסע אויסלייז-געלטער. דער פינאַנציעלער דערפאָלג פון דער יידן-פאַרטרייבונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין י. 1391 אין דער קורפּפאַלץ, איז באַשטאַנען פון דעם גאַנצן אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן, וואָס האָט באַלאַנגט צו יידן און וואָס איז נאָך דעם גירוש אַריבער אין רשות פונם פּפאַלצגראַף.

אין י. 1397 האָבן די עסטרייכישע הערצאָגן אויסגענוצט אַ יידן-העצע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין קערנטען און שטייערמאַרק אונטער דער אָנפירונג פון די שטאָט-לייט און פויערים, בכדי אויס-צופרעסן פון די יידן 16.000 מאַרק פאַר „שפּן פרידן"...

אין די יאָרן 1420—1421 באַנוצט זיך דער עסטרייכישער הערצאָג אַלברעכט V מיט דעם אויסגעפּרואווטן מיטל פון פּראָ-צעסן וועגן האָסטיען-שענדונג און פון עלילת-דם, בכדי צו פאַראָר-דענען, אַלס שטראָף פאַר די „פאַרברעכנס", אַן אַלגעמיינעם גירוש און צו קאָנפיסקירן יידיש האָב און גוטס. בלויז פאַר די הייזער, וועלכע דער הערצאָג האָט צוגענומען ביי די ווינער יידן און וועלכע ער האָט דאַן פאַרקויפט צו שליידער-פרייזן, האָט ער צונויפגעקלאַפּט אַ סכום פון לערך 18.000 פונט ווינער פעניג.

אין י. 1422 זענען די ערצבישאָפן פון ווירצבורג און באַמבערג דורכגעקומען מיטן מאַרקגראַף פון בראנדענבורג וועגן פאַרטרייבן די יידן פון זייערע ממשלה-געביטן און זיי האָבן גלייכצייטיק געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן דער פאַר-טיילונג פונם פאַרהאָפטן פינאַנציעלן דער-פאָלג: צוויי דריטל פונם רויב האָבן לויט דעם אָפּמאַך געדאַרפט צוקומען ביידע ערצבישאָפן, און איין דריטל דער מאַרקגראַף.

אין י. 1450 נעמט הערצאָג לודוויג פון בייערן אַלע זיינע יידן געפאַנגען און ער פאַראָרדנט, אַז זיי זאָלן אים איבערגעבן זייערע פאַרמעגנס און פאַרלאָזן זיין ממשלה-געביט.

אין י. 1485 פאַרטרייבט דער הערצאָג (און קיסר) פרידריך די יידן פון עסטרייך, דערלויבנדיק זיי צו וואוינען בלויז אין דריי שטעטלעך: גינס, אייזענשטאַדט און מאַרכעג. דער הערצאָג האָט מספּים געווען צום גירוש אונטערן דרוק פון דער אַר-טיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך מתחייב געווען צו געבן אים פאַר דעם גירוש אַ געוויסע „אַנטשעדיקונג". עס איז נישט באַוואוסט, וויפל דאָס האָט באַטראָפן, יעדנפאַלס אָבער נישט ווייניק. אַ ראיה— דער גירוש שטייערמאַרק און קערנטען, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 10 יאָר שפּעטער (אין י. 1495) און וואָס פאַר אים האָט דער קיסר פאַרלאַנגט פון די אָרטיקע אַדל-לייט און שטאָט-מענטשן אַ קלייניקייט פון... 16.000 פונט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אויך פאָרגעקומען דער גירוש

זאַלצבורג אין י. 1498 און דער גירוש קראַין אין י. 1515. תחילת פלעגן זיך די שררות משתדל זיין ביים קיסר, אַז ער זאָל מסכים זיין צו אַ „גירוש-אונטערנעמונג", וועלכע זיי האָבן געפּלאַנט דורכצו־פירן. וואָס ווייטער אָבער, אַלץ מער האָט זיך פאַרפעסטיקט דער פּרינציפּ, אַז אַ שררה מעג דורכפירן אַ גירוש אויך אָן דעם קיסרס הסכמה.

91 § גירושים אַלס פּראָדוקט פון קאַמפן אַרום סוווערענע רעכט („מאַכט-האָכהייטן").

אין אַ ריי פאַלן לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז דער גירוש איז געווען אַ מיטל אין די הענט פון שטעט, כדי זיך צו באַפרייען פון דער אפּוטרופּסות מצד די שררות, וואָס פלעגן אויסנוצן זייער יידן־רעגאַל, אום זיך אַריינצומישן אין די אינערלעכע שטאָטישע ענינים.

אַלס קלאַסיש ביישפּיל קאָן אין דעם פרט דינען דער גירוש קעלן, וואָס איז פאָרגעקומען אין י. 1424 און וואָס האָט זיך אָפּ־געשפּילט אויף אַזאַ מין אופן: דעם 24-סטן אויגוסט 1423 האָט דער שטאָט-ראַט צוזאַמען מיט די האַנטווערקער-צעכן אָנגענומען אַ באַ־שלוס צו קינדיקן די יידן די קאָנטראַקטן, לויט וועלכע זיי זענען אויפגענומען געוואָרן אין דער שטאָט, און נישט צו שליסן קיין נייע. דאָס האָט באַדייט אַזויפיל, ווי פאַרטרייבן די יידן פון דער שטאָט.

אין דעמדאָזיקן ענין האָט זיך אַריינגעלייגט דער קעלנער ערצבישאָף און ער האָט געמאַכט כלערליי באַמיונגען, אַז די „פאַקטן" מיט יידן זאָלן יאָ באַנייט ווערן. די שטאָט איז אָבער גע־בליבן שטאָל און אייזן ביים באַשלוס און די יידן האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון די שטאָט-מויערן.

דעם סוד פון דעמדאָזיקן גירוש אַנטפּלעקט אונז די קעלנער־כראָניק מיט פאָלגנדיקע פשוטע ווערטער: „דער בישאָף... האָט גע־האַלטן, אַז דאָס געלט, וואָס די יידן צאָלן אָפּ דער שטאָט, באַ־לאַנגט צו אים און ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל דערביי בלייבן אויך אויף להבא. זענען די יידן צוליב דעם פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט אויף אייביקע צייטן".

ווי מיר זעען דאָס פונם ציטאַט, איז דאָ פאָרגעקומען צווישן דער שטאָט און דעם בישאָף אַ קאַמף וועגן דעם יידן-רעגאַל און

היות, ווי דער בישאָף האָט זיך פונם דאָזיקן רעגאַל נישט געוואָלט אָפּזאָגן לטובת דער שטאָט, האָט די לעצטע פאַרלוירן יעדן אינטערעס, צו האַלטן „פרעמדע" יידן און זי האָט זיי פּשוט פאַרטריבן, אום דעם בישאָף אַזוי־אַרום צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ סיי מאַטעריעל און סיי פּאָליטיש.

צוליב אַן ענלעכן אינטערעסן־קאָנפליקט איז מיט 34 יאָר שפּעטער פאָרגעקומען דער גירוש ערפורט (1458). די ערפורטער יידן האָבן באַלאַנגט צום ערצבישאָף פון מאַינץ. די שטאָט האָט אָבער נישט געוואָלט לאַנג טאָלערירן אַ צושטאַנד, אַז דער ערצבישאָף זאָל זיך אַ־ריינמישן אין אירע ענינים מיט די יידן, האָט זי דעריבער באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן די בישאָפלעכע קאַמער־קנעכט מיט קינד און קייט. דער בישאָף איז אָבער באַשטאַנען ביי זיינע רעכט און ער האָט נישט דערלאָזט דעם גירוש. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום סאַמע פּויפּסט. סוף־כל־סוף איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן אורטייל, אַז די שטאָט מעג פאַרטרייבן די יידן, אויב זי וועט דעם ערצבישאָף דערלאַנגען אַן אַנטשעדיקונג אין דער גרויס פון 500 גילדן. און אַזוי איז טאַקע אויך געווען: דער ערצבישאָף האָט באַקומען דאָס געלט און די יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

§ 92 רדיפות און גירושים אַלס רעזולטאַט פון האַנטווערקער־ און פויערים־אויפשטאַנדן.

אין אַ גרויסער צאָל פאַלן לאָזט זיך דערדאָזיקער צוזאַמענהאַנג דערוויזן שוין בעת די קאַטאַסטראָפאַלע יאָרן פונם „שוואַרצן טויט". מיט די „יידן־שריפות" פון דערדאָזיקער מוראדיקער צייט האָט זיך אָבער לגמרי נישט באַרואיקט דער באָדן. ער איז ווייטער געבליבן אַ וואולקאַנישער סיי אין די שטעט, סיי אין די דערפער.

אין די שטעט האָט דער הערשנדיקער פּאַטריציאַט, ווי פריער, געהאַלטן אין צוים דעם האַנטווערקער־קלאַס, אָנשיקנדיק אויף אים זיינע יידישע „פאַקט־בירגער", וועלכע ער פלעגט דערלויבן צו נעמען ביי דעמדאָזיקן קלאַס אַ סך גרעסערע פּראָצענטן פון הלוואות, ווי ביי די קרעדיט־אָפּעראַציעס מיט רייכע סוחרים אָדער מיט דער שטאָט גופא.

דער יידישער וואוכערניק האָט געדאַרפט זיין אַ כלי־זיין אויף אָפּצושוואַכן דעם מאַטעריעלן מצב און דערמיט אויך די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון די צעכן, וואָס האָבן געגאַרט נאָך מאַכט־פּאָזיציעס אין די שטאָט־ראַטן און מאַגיסטראַטן. אין דערזעלבער לאַגע צווישן האַמער און קאָוואַדלע האָט זיך דער ייד אויך געפונען אויפן פלאַכן לאַנד, אין די ממשלה־געביטן פון די שררות, וואָס פלעגן מיט דער הילף פונם יידישן וואוכער אויסזויגן די מאַטעריעלע כוחות פון זייערע פּויערים און שטאָטישע אונטערטאַנען. און האָט דעריבער ווען ס'איז געקומען קלאַפּן דער האַמער פון די געדריקטע שיכטן, איז דאָס קודם־כל אויסגעגאַנגען צו די יידישע קעפּ.

אין דער באַהאַנדלטער תקופה קומען פאָר אַ סך רדיפות, וואָס ווערן געשטאַנען אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט אַזעלכע אויפשטאַנדן פון די אונטערגעדריקטע קלאַסן: אין יאָר 1370 בונטעווען זיך די צעכן קעגן דעם אויגסבורגער שטאָט־ראַט און פאַרלאַנגען אַ „יידן־שריפה". דעם ראַט האָט זיך אָבער איינגעגעבן אונטערצודריקן דעם בונט.

אַ סך געפערלעכער אָבער זענען געוואָרן די האַנטווערקער־בונטן אין די יאָרן 1384—1385. עס קומט דעמאָלט צו אַנטי־יידישע עקסצעסן אין אַ ריי פרענקישע, שוואַבישע און ריין־לענדישע שטעט. אַרום דער העלפט פון י. 1384 מאַכן האַנטווערקער פּאָגראָמען אויף יידן אין שוואַבאַך, פרייסטאַדט, רעגענסבורג, אויגסבורג, נערדלינגען, דינקעלסביל, מאַגדעבורג, ווינדסהיים, וויסענבורג וכדומה.

אין רעגענסבורג באַווייזט דער פּאַטריצישער שטאָט־ראַט אָפּצוראַטעווען זיינע „פּאַקט־יידן". אין אויגסבורג נוצט אויס דער שטאָט־ראַט די באַדראָטע לאַגע פון די יידן פאַר אַ גראַנדיעזער געלט־אויספּרעסונג: אום נישט צו דערלאָזן צו קיין בלוט־פאַרגיסונג מצד די צעבונטעוועטע האַנטווערקער, לאָזט ער אַלע יידן פון דער שטאָט אַריינזעצן אין תפיסה, און ווען ס'איז אַ צייט שפּעטער אונ־טערגעדריקט געוואָרן דער בונט, באַפרייט ער די אַרעסטירטע און לאָזט זיך פון זיי פאַרן דאָזיקן אייגנאַרטיקן שוץ באַצאָלן אַן אומגעהויערן סכום פון 22.000 גילדן.

אין נערדלינגען זיגן די צעכן און עס קומט צו אַ פאַר־טיליקונג פון די דאָרטיקע יידן.

די אויגסבורגער שטאָט־כראָניק גיט אונז איבער וועגן די פּאַ־

סירונגען אין נערדלינגען פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע פּרטים: „אין י. 1384 האָבן די שטאָט־לייט פון נערדלינגען דערשלאָגן אַלע זייערע יידן... און זיי האָבן צוגענומען זייער האָב און גוטס; און ווער עס איז זיי (די יידן) עפּעס געווען שולדיק, האָט ער דאָס שוין נישט אומגעקערט צוריק. די גראַפן פון עטינגען זענען געווען שטאַרק פאַר־שולדיקט ביי די יידן, האָט מען זיי (די גראַפן) צוריקגעגעבן די משכנות און שולד־בריוו. דאָס אַלץ האָט געטון דער המון אַנטקעגן דעם שטאָט־ראַט".

אין ווינדסהיים און וויסענבורג, וואו די צעכן האָבן ענלעך, ווי אין נערדלינגען, דעראָבערט די מאַכט, האָבן טייל יידן געפונען שוץ ביי די אומגעוואָרפענע פּאַטריציער און זיי האָבן אויסבאַהאַלטן די שולד־בריוו און משכנות, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונם פּאָגראָם. אַ צייט שפּעטער האָט זיך די פּאַטריציער איינגעגעבן צו דעראָבערן די מאַכט אינם שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט און די יידן האָבן צוריקבאַקומען זייער אויסבאַהאַלטן האָב און גוטס.

אין י. 1385 דערלאַנגען די יידן דעם נירנבערגער שטאָט־ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מערהייט פּאַטריציער, דריי מאָל גרויסע געלט־מתנות פאַרן שוץ, וועלכן ער האָט זיי געגעבן קעגן די אויס־פלינדערונגען מצד די האַנטווערקער און סתם מענטשן פונם המון. אינם זעלבן יאָר שענקען אויך די יידן דעם מאַינצער שטאָט־ראַט 3000 גילדן פון דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט, ווי געהעריק, באַשטראָפט אַ ריי „יידן־ברענער" אָדער „יידן־טויטער" (אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די פּאָגראָם־העלדן) פון צווישן די האַנטווערקער.

אין י. 1401 גייט דורך אַ פּאָגראָם־כוואַליע איבער אַ ריי יידישע ישובים אין שווייצער שטעט. די צעכן נוצן אויס אַן עלילת־דם־פּראָ־צעס און פועלן אויס ביי די שטאָט־ראַטן אין פרייבורג, ווינ־טערטור און שאַפהויזען די פאַרטרייבונג פון די יידן. אין קעגנזאַץ צו די דערמאָנטע שטאָט־ראַטן האָבן די ציריכער ראַטמענער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם פאַרלאַנג פון די האַנט־ווערקער און זיי האָבן באַוויזן אָפּצוראַטעווען זייערע „פּאַקט־יידן" מיט דער הילף פון דעמזעלבן שפּיצל, מיט וועלכן ס'האָבן זיך באַנוצט די אויגסבורגער פּאַטריציער אין י. 1384: פאַר דעם שוץ קעגן איינ־זעצן אין תפיסה האָבן דאָן די יידן געמוזט באַצאָלן דעם שטאָט־ראַט גאַנצע 1.500 גילדן.

אין י. 1406 נוצט אויס דער המון אין ווין אַ שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אינם יידן-פערטל, בכדי אונטער דער אָנפירונג פון האַנטווערקער אויסצורויבן די יידן אויף לערך 100.000 גילדן.

אין פרייבורג, וואוהין די יידן האָבן זיך אומגעקערט נאָך דעם גירוש פון י. 1441, ווערן זיי פון דאָסניי פאַרטריבן אין י. 1424. אין דעמזעלבן יאָר פאַרטרייבט אויך ציריך אירע יידן, וועלכע זי האָט מיט דערפאָלג געהאַט אָפּגעראַטעוועט אין י. 1401. ביידע שטאָט-ראַטן באַשליסן דעם גירוש צוליב דער „יידישער וואוּכעריי". מיר קאָנען משער זיין, אַז דער געטומל וועגן דער וואוּכעריי איז אַרויס פון האַנטווערקער-קרייזן און אַז די שטאָט-ראַטן האָבן דאָסמאָל נישט געוואָלט ריזיקירן קיין צוזאַמענשטויס מיט די צעכן און זיי האָבן צוליב דעם מקריב געווען די פאַקט-יידן.

דאָסזעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם אויגסבורגער שטאָט-ראַט, וואָס האָט אין י. 1439 באַשלאָסן צו פאַרטרייבן די יידן. דער גירוש האָט זיך דאָ אָנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן, מחמת די אויגסבורגער יידן זענען אַ חוץ דעם שטאָט-ראַט נאָך געשטאַנען אין רשות פונם קיסר און פונם גראַף פון פאַפּענהיים. האָט מען טאַקע פריער געמוזט דורכקומען מיט דידאָזיקע שותפים וועגן דער גרויס פון „אַנטשעדיקונג" פאַר דעם פאַרלוסט פון די יידן-שטייערן. סוף-כל-סוף איז דער קיסר מרוצה געוואָרן אויף 900 גילדן, מיטן גראַף פאַפּענהיים האָט מען אָפּגעמאַכט אויף 1.400 גילדן און דער גירוש איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער בעסטער אָרדענונג...

אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה האָט זיך געשאַפן אַן ענלעכע סיטואַציע אויך אין רעגענסבורג און נירנבערג. אין רעגענסבורג האָבן אין י. 1473 די צוזאַמענשטויסן מיט די האַנטווערקער גורם געווען דערצו, אַז דער שטאָט-ראַט זאָל, לויט דעם אונז שוין באַוואוסטן אויגסבורגער און ציריכער מוסטער, אַריינזעצן אין תפיסה אַלע זיינע יידישע „פאַקט-בירגער" און זיי אויף אַזאַ אופן אָפּראַטעווען. די לאַגע איז אָבער ווייטער געבליבן אַ געשפּאַנטע.

די האַנטווערקער האָבן געפונען אַ שטיצע אין דעם רעגענסבורגער שטאָט-פּראָוואַלטער האַנס נאָטשערץ, אַ בלוט-דורשטיקן שונא-ישראל, וואָס זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז „אַז ער וויל נישט הייסן האַנס נאָטשערץ, אויב ער וועט די יידן נישט פאַר

טרייבן פון דער שטאָט". אַ צייט שפּעטער ווערט דורך דעמדאָזיקן צוויי-בונד אינסצעניזירט אַן עלילת-דם (1476) און איינער פון די ראַט-מענער האָט געראָטן די קאָלעגן זיינע פונם שטאָט-ראַט, אַז מען זאָל די זאַך אויסנוצן פאַר אַ געהעריקער געלט-אויספּרעסונג לטובת דער שטאָט: מען דאַרף די יידן אַזוי לאַנג „שטאָקן און פלאָקן" (יאָגן און פּלאָגן) — האָט ער איינגעטענהט — ביז מען וועט פון זיי אַרויסבאַקומען 100.000 גילדן.

איז דאָס אָבער נישט געווען אַזוי לייכט אַדורכצופירן, מחמת די רעגענסבורגער יידן האָבן באַלאַנגט נישט בלויז צום שטאָט-ראַט, נאָר צו נאָך צוויי שוצהאַרן, דהיינו, צום קיסר און צום ביירישן הערצאָג. דער עלילת-דם-פּראָצעס האָט זיך געצויגן גאַנצע 4 יאָר. אַזוי לאַנג האָבן זיך—לויט די איראָנישע ווערטער פון אַ קאַרדינאַל, וואָס האָט געהאַט צו טון מיטן פּראָצעס—„געשלאָגן די הינט איבערן (יידישן) קנאָכן". אויסגעלאָזט האָט זיך דער פּראָצעס מיטן נצחון פונם שטאַרקערן: עס האָט געזיגט דער קיסר!

די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה און די קהילה האָט דערפאַר געמוזט באַצאָלן דעם קיסר גאַנצע 18.000 גילדן. די האַנטווערקערשאַפט און די איבעריקע שונאי-ישראל האָבן אָבער ווייטער געטריבן זייער העצערישע אַרבעט.

פון י. 1486 זענען אונז פאַרבליבן ידיעות, אַז די רעגענס-בורגער האַנטווערקער האָבן אָנגעהויבן קעגן די „פּאַקט-בירגער" אַ באָיקאָט: מ׳לנער האָבן אויפגעהערט צו מאָלן פאַר יידן קאָרן, בעקער האָבן זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין ברויט און אַז. וו. גלייכ-צייטיק איז אויך געפירט געוואָרן אַ העצע קעגן די ראַט-מענער, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די יידן. מען האָט זיי פאַרן דאָזיקן „חטא" אָנגעהויבן צו רופן מיטן שפּאָטישן נאָמען „יידן-קעניגן".

די העצע האָט אָנגעהאַלטן העכער 3 צענדליק יאָר, ביז עס איז צעבראָכן געוואָרן דער צוזאַמענבונד צווישן די „יידן-קעניגן" מיט זייערע יידישע אונטערטאַנען. אין י. 1519 האָט סיי דער שטאָט-ראַט, סיי דער קיסר נאָכגעגעבן דעם דרוק מצד די צעכן און זיי האָבן פאַרטריבן די יידן פון דער שטאָט, פאַרשלייערנדיק דעם גירוש-באַ-שלוס מיטן פרומען תירוץ, אַז די יידן פירן וואוכער-געשעפטן...

אַ סך פריער האָט אָנגענומען אַזאַ באַשלוס דער שטאָט-ראַט פון נירנבערג. שוין אין י. 1473 האָט ער זיך געהאַט געווענדט

צום קיסר וועגן אַ הסכמה אויף אַ גירוש פון די יידן. דער קיסר האָט אָבער, ווי עס שיינט, געשטעלט זייער „טייערע" באַדינגונגען, עס זענען אַוועק נאָך גאַנצע 25 יאָר און די יידן זענען געבליבן אין דער שטאָט. סוף-כל-סוף האָט דער שטאָט-ראָט אין י. 1499 פאַר-געלייגט דעם קיסר אַן אַנטשעדיקונג אין דער גרויס פון 8000 גילדן און ער האָט איינאיינוועגס אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז די שטאָט איז גרייט איינצואָרדענען שטאָטישע לאָמבאַרדן פאַר ביליקן קרעדיט, כדי אויסצוקומען אָן די יידישע באַנקהייזער. דער קיסר איז דערויף איינגעגאַנגען און די ראָטמענער האָבן דערלאַנגט די צעכן דעם יידישן קרבן, וואָס האָט געזאָלט זיין דער פרייז פאַר אַ צייט-ווייליקער באַרויקונג פון די צעקאָכטע געמיטער.

עד כאן די ידיעות, וואָס ווייזן אונז דעם צוזאַמענהאַנג פון די רדיפות און גירושים אויף יידן מיט דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגע-קומען אין די שטעט צווישן די הערשנדיקע „געשלעכטער" (פאַט-ריציער-משפחות) און דעם „געמיינעם פאָלק" פון די האַנטווערקער-צעכן.

וואָס שייך דעם צוזאַמענהאַנג מיט די פויערים-מרידות, זענען פאַר אים פאַראַן פאָלגנדיקע ביישפּילן: אין י. 1391 גייט אַ כוואַליע רדיפות אויף יידן אין די ריין-געגנטן און אין טירינגען. צום בלו-טיקסטן זענען דעמאָלט געווען די פּאָגראָמען אין שפּייער און גאָטהאַ. די פּרטים, וועלכע מיר געפינען וועגן דעם שפּייערער פּאָגראָם, מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פויערים-רעוואָלטע. זייער דייט-לעך איז דערדאָזיקער כאַראַקטער בעתן פּאָגראָם אין גאָטהאַ.

אין י. 1431 מאַרשירן באַוואָפנטע פּפאַלצער פויערים קעגן וואָרמס און פאַרלאַנגען פונם שטאָט-ראָט, אַז ער זאָל זיי אַרויסגעבן די יידן, דורך וועלכע זיי ווערן אויסגעוואוכערט ביזן לעצטן גראָשן. דער שטאָט-ראָט, וואָס האָט אַליין דאָס רוב געגאָסן פונם יידישן וואוכער, האָט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע פאָדערונג. דע-רויף האָט דער לאַנד-שררה גענומען מיט אים אונטערהאַנדלען, אַז ער זאָל צוליב דער פאַראָרעמונג פונם פויערטום סקאַסירן די פראָ-צענטן, וואָס זענען אָנגעוואַקסן פון יידישע תביעות.

פון די יאָרן 1443—1445 זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן ידיעות וועגן אַ גרויסער אַנטי-יידישער באַוועגונג אין קערנטען און שטייערמאַרק און עס פעלן דערביי נישט קיין אויסדריקלעכע

אָנווייזונגען, אַז עס האָבן מיט דער באַוועגונג אָנגעפירט אַ חוץ שטאָטישע אויך פּויערישע עלעמענטן.

אַן ענלעכע פּויערים־באַוועגונג קעגן יידן באַווייזט זיך אין דיזעלבע געגנטן אויך אין י. 1468. די פּויערים שטעלן דעמאָלט אַרויס אַ רייווירטשאַפטלעכע פאָדערונגען וועגן באַגרענעצן די וואוכער־טעטיקייט פון די יידן. איינער פון די פּאַסטולאַטן, וועלכן זיי האָבן דורכגעזעצט, איז געווען, אַז די יידישע געלט־תביעות צו די פּויערים, וואָס ווערן נישט איינגעמאָנט אין משך פון 3 יאָר, ווערן פאַרפאַלן.

דער פּויערישער אויפשטאַנד פון י. 1493, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער „שו־בונד" (אַ פּויערישע געהיימע אָרגאַניזאַציע), איז געווען געווענדט נישט בלויז קעגן אַדל־לייט און גלחים, נאָר גלייכ־צייטיק אויך קעגן די יידישע „באַדריקער פונם געמיינעם מאַן"... און געווען איז דאָס אַ פאָרשפּיל צו דער גרויסער פּויערים־רעוואָ־לוציע פון י. 1525, וואָס האָט די יידן פאַרשאַפט אַ סך דערשיטע־רונגען, ליידן און פּיין.

דער פּויערישער און האַנטווערקער־האַס קעגן דעם יידישן פּלי־זיין פון אונטערדריקונג אַנטפּלעקן זיך סוף־כל־סוף אין דער „גרויסער אַפּערע" פון 15־טן י"ה, ווי עס ווערט אָנגערופן דער גרויסער עלילת־דם־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אין י. 1475 אָפּגעשפּילט אין טריענט (טיראָל). מיט דעם ווירטשאַפטלעכן פאָן פונם דאָזיקן פּראָצעס וועלן מיר זיך באַשעפטיקן דאָ ווייטער.

93§ דער ווירטשאַפטלעכער פאָן פונם טריענטער עלילת־דם־פּראָצעס.

וועגן דעמדאָזיקן פּראָצעס איז פאַראַן אַזאַ פאַרצווייגטע ליטע־ראַטור און אַזויפיל פּובליצירטע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן, אַז מען קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַלע פּרטים זיינע. ווי געזאָגט, וועלן אונז דאָ אינטערעסירן בלויז יענע פּרטים, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דעם צוזאַמענהאַנג מיט ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע מאָמענטן.

אין פלוג קאָן עס אויסזען (און אַזוי ווערט די זאַך טאַקע פאַר־געשטעלט פון אַלע יידישע היסטאָריקער), אַז דער פּראָצעס איז גע־ווען פון אָנהויב ביזן סוף אַן אויפטו פון דער קירכע. מען שטרייכט

אונטער — און מיט רעכט! — אַז די הויפּט-איניציאַטאָרן פונם פּראָצעס זענען געווען צוויי קירכלעכע פיגורן, דהיינו, דער פראַנציסקאַנער מאָנאַך בערנאַרד פון פעלטרע, וואָס האָט אין י. 1475 געווירקט אין טריענט און וואָס האָט מיט אַ צייט פאַר דעם אומגליק פאַרויסגעזאָגט אין אַ הערצערישער רעדע, אַז די טריענטער יידן וועלן אום פּאַסכאַ באַווייזן, „ווי גוט זיי זענען צו קריסטן" — און דער טריענטער בישאָף הונדערבאַך, וואָס האָט פאַראָרדנט דעם פּראָצעס קעגן די „יידישע פאַרברעכער".

פיל וויכטיקער זענען אָבער די מאָטיוון, צוליב וועלכע דידאָזיקע צוויי מענער האָבן אָרגאַנזירט דעם פּראָצעס. דער קוועלן-מאַטעריאַל גיט אונז דערויף אַן אומצווייַדייטיקן ענטפער. וואָס שייך דער פּערזאָן פונם מאָנאַך, איז באַוואוסט, אַז ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע פרומע צוהערער אַ גאַנצן סאָציאַלן פּראָגראַם, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די נויטן פונם „קליינעם מאַן". די יידן האָט ער באַקעמפט נישט בלויז אַלס יידן, נאָר אויך אַלס כּלי-זיין, מיט וועלכע די רייכע שררות און פאַטריציער-משפחות פלעגן זיך באַנוצן אויף אויסצובייטלען די אָרעמע פאָלקס-שיכטן.

ער איז געווען אויף אַזוי פיל באַהאַוונט אין די ווירטשאַפט-לעכע פאַרהעלטעניש, אַז ער האָט געוואוסט, אַז אַן קרעדיט קאָן די ווירטשאַפט נישט אויסקומען, בפרט די קליינ-ווירגערלעכע און פּויערישע ווירטשאַפט פון יענער צייט. ער האָט טאַקע געהאַלטן, אַז מען דאַרף איינאָרדענען קאָמונאַלע בענק פאַר ביליקן קרעדיט (Monte de Pieta), וואָס זאָלן נישט אויסרעכענען אויף וואוכערישע פּראָפיטן. בקיצור: ער איז געווען אַ מין „סאָציאַל-קריסטלעכער" אַגיטאַטאָר, וואָס איז אינם קאַמף פון די שררות און פאַטריציער-משפחות מיט פּויערים, קרעמער און האַנטווערקער געשטאַנען אויף דער זייט פון די לעצטע. דעריבער האָבן זיינע דרשות אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי די אויסגעבייטלטע פאָלקס-שיכטן און דעריבער איז ער, אגב, אויך געווען פאַרהאַסט ביי די „מעכטיקע פון דער וועלט", ווי דאָס באַווייזט אַ פּאַסירונג אין פלאָרענץ, פון וואַנען ער איז דורך דער שטאָטישער פּאַטריציער-רעגירונג פאַרטריבן געוואָרן צוליב זיינע הע-צערישע דרשות קעגן די יידן און די מיט זיי פאַרבינדעטע רייכע שטאָט-הארן... בערנאַרד פון פעלטרע האָט אין טריענט דורכגעזעצט

זיין יידן-פּרעסערישע איניציאַטיוו, מחמת ער האָט דאָ געפונען דעם אינטערעסן-קעגנזאַץ, וואָס ווירקט ווי אייל אויף פייער...

וואָס שייך דעם צווייטן איניציאַטאָר, דעם טריענטער בישאָף, איז פאַראַן אַן ערנסטער חשד, אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַקציע פונם מאָנאַך צוליב צוויי ריין פינאַנציעלע מאָמענטן: ראשית, האָט ער באַרעכנט, אַז דער „הייליקער סימאָן", דהיינו, דאָס אומגעקומענע קינד, וועמענס טויט גופל מען האָט אויפגעזוכט, קאָן ווערן אַ רייכער הכנסה-קוואַל פאַר דער אָרטיקער קירכע אַ דאַנק די פּראָצעסיעס פון די פּילגרימען צו דעם „קדוש", און דאָס האָט מען אוודאי לייכט געקאָנט פאָרויסזען ביי אַ געהעריקן פאַנאַנדערבלאָזן דעם ענין; והשנית, האָט ער גענומען אין אַכט, אַז מען קאָן ביי דעם פּראָצעס גאַנץ היפּש פאַרדינען דורך קאָנפיסקאַטעס פון יידיש האָב און גוטס. וואָס שייך דעם צווייטן מאָמענט, האָבן מיר אַ בפירושע אָנווייזונג דערויף אין אַן אויפגעהיטער פאַרטיידיקונגס-שריפט, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן דורך צוויי יידישע שתדלנים דעם פּויפּסטלעכן קאָמיסאַר. ס'ווערט דאָרט, נעמלעך, אונטערגעשטראָכן, — ווי אַ זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער האַנדלונג פונם טריענטער בישאָף, — אַז ער האָט געהייסן פאַרפּייניקן צום טויט די פאַר רייכע יידן, וואָס האָבן זיך געפינען צווישן די אָנגעקלאָגטע, בכדי זיך צו באַרייכערן מיט זייערע קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס.

ווי ערנסט ס'איז געווען דערדאָזיקער פאָרוואורף, באַווייזט דער פאַקט, אַז דער בישאָף האָט געהאַלטן פאַר נויטיק וואָס גיכער פאַנאַנדערצושיקן צו אַלע גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות אַ קולקורא, אין וועלכן ער לייקנט אָפּ די אויסרויבונגען פון די יידן און ער פּרואווט אָפּשוואַכן די באַדייטונג פון דער פּויפּסטלעכער אויספאָרשונג, וועלכע ער באַצייכנט אַלס אַן „אונטערגעקויפטע" (Corrupta inquisitio). דער פּויפּסטלעכער קאָמיסאַר און אַ סך שררות זענען, אַפּנים, געווען איבערצייגט, אַז די יידן זענען גערעכט מיט דער באַשולדיקונג, מיט וועלכער זיי זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דעם בישאָף.

אויף אַזאַ אופן זענען אין דער פּערזאָן פונם בישאָף און פונם מאָנאַך געקומען צום אויסדרוק צוויי טרייב-פאַקטאָרן, וואָס האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה כסדר געפירט צו גזירות אויף יידן: פון איין זייט — די רויב-פּאָליטיק פון די שררות לגבי די יידישע קאַמער-

קנעכט און פון דער אַנדערער זייט — דער האַס פון די אויסגעוואוכערטע פאָלקס-שיכטן. דידאָזיקע צוזאַמענהאַנגען ווערן אויך גענוג קלאָר פון די פאָלגנדיקע מאָמענטן פונם פּראָצעס.

בעת די אייגנטלעכע איניציאַטאָרן האָבן זיך, ווי דער שטייגער איז שוין, אויסבאַהאַלטן הינטער די קוליסן, זענען אין דעם פּראָצעס אַרויסגעטרעטן אַלס הויפּט-באַשולדיקער צוויי אָרעמע קריסטן, איינער אַ געוויסער יאָאַן שווייצער, וועגן וועלכן ס'רעדט זיך אין דער דערמאָנטער פאַרטיידיקונגס-שריפט פון די יידישע שתדלנים, אַז ער איז געווען „אַן אָרעמאַן... און אַן אַלטער שונא-ישראל" („homo pauper ...et Hebreorum antiquus hostis") — און אַ צווייטער, אַ געוויסער ענזעלין (Enzelin), וואָס איז געווען פון פאַך אַ שניידער.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, אַז צווישן די באַשולדיקונגס-עדות האָט זיך, לויט ווי ס'גיט אונז איבער דיזעלבע פאַרטיידיקונגס-שריפט, געפונען איינער אַ קריסט, וואָס „איז אַן אָרעמאַן און וואָס האָט פאַרמשכונט זאַכן ביי שמואלן" (איינער פון די באַשולדיקטע יידן *).

האַנטווערקער און סתם אָרעמעלייט, וואָס זענען געווען פאַרשולדיקט ביי יידן — דאָס איז, אַלזוי, געווען דער מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער יידן-העצע! ווי ווייט דידאָזיקע „געמיינע מענטשן" זענען געווען צעקאָכט און פאַראינטערעסירט, אַז אינאיינעם מיט די יידן זאָלן אויך פאַרשוואונדן ווערן זייערע תביעות, באַווייזט אונז צום בעסטן דער באַריכט פונם פּויפּסטלעכן קאָמיסאַר, אַז ער האָט נישט געקאָנט דורכפירן ביזן סוף די רעוויזיע פון דער אויספאָרשונג, מחמת דער המון האָט קעגן אים אָנגענומען אַ פיינטלעכע שטעלונג און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון טריענט, כדי אויסצומיידן אַ סכנה פאַר זיך... ס'איז געווען גענוג בלויז איין פאַרדאַכט, אַז דער קאָמיסאַר זוכט אויפצודעקן דעם אמתן אמת, אַז עס זאָל קעגן אים אויסברעכן „דער צאָרן פון פאָלק!"

די „טריענטער אַפערע" איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר ענלעכע „אַפערעס" אין אַנדערע שטעט. אין י. 1476 זענען, ווי מיר האָבן דאָס שוין געשילדערט, אַרויסגעטרעטן די רעגענסבורגער האַנטווערקער מיט אַן ענלעכן עלילת-דם-פּראָצעס קעגן די יידן, און

*) די שטעלע קלינגט אַזוי אינם לאַטייניש אָריגינאַל: „testis est christianus, ...pauper. et habet pignora pro tribus dietis apud Samuelem„.

עס זענען אַפילו פאַראַן קוועלן-ידיעות, אַז מען האָט זיך געווענדט קיין טריענט נאָך אינפאָרמאַציעס וועגן דער דאָרטיקער פּאַסירונג, אום צו קאָנען בעסער קאָנסטרואירן די באַשולדיקונג.

אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דעם טריענטער פּראָצעס שטייט אויך דער פּראָצעס וועגן בלוט-געברויכונג און האָסטיע-שענדונג, וואָס איז אין י. 1478 פאָרגעקומען און פּ אַ ס אַ ו. באַזונדערס שטאַרק איז געווען דער אָפּקלאַנג אין דעם שכנותדיקן צפון-איטאַליע, וואו עס איז אין י. 1476 געקומען צו אַ ריי אַנטי-יידישע עקסצעסן מיט דער באַטייליקונג פון פּויערים- און האַנטווערקער-מאַסן.

* * *

די איבערזיכט, וועלכע מיר האָבן געבראַכט אינם דאָזיקן קאַפּיטל וועגן די רדיפות אויף די דייטשע יידן און וועגן די ווירטשאַפטלעכע און פּיסקאַלישע סיבות זייערע, האָט אונז בולט אויפגעדעקט דעם מוראדיקן וואולקאַן, אין וועלכן ס'איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן דער אַלטער באָדן, וואו עס האָבן אַמאָל געבליט גרויסע ישובים פונם דייטשן יידנטום. ביים סוף פון מיטלאַלטער איז דער חורבן געווען אַ סך גרעסער, ווי אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל נאָכדעם מוראדיקן „הייליקן קריג" פון י. 1391. פּאַופּעריזם און אויסוואַנדערונג — דאָס איז דער סימן פון יענער צייט! אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר אויפזוכן די לענדער, וואוהין עס האָבן אַריבערגעשטראָמט די געהעצטע קאַמער-קנעכט פון דייטשע שררות און שטאָט-ראַטן. מיר וועלן זיך ווענדן קיין צפון- און מיטל-איטאַליע, קיין בעמען און מערן, קיין שלעזיע און פּוילן, קיין אונגאַרן און וואו נאָר עס לאָזט זיך אויסגעפינען אַ שפּור פון דער וואַנדער-באַוועגונג און מיר וועלן באַטראַכטן די וועגן און שטעגן פון דעם ווירטשאַפטס-לעבן, אויף וועלכע מיר באַגעגענען די וואַנדערער צוזאַמען מיט דער עלטער איינגעזעסענער יידישער באַפעלקערונג.

קאפיטל צוויי און דרייסיק

דער אויפבלי פון די יידישע ישובים אין אי־טאַליע און זייער עקאָנאָמיש־רעכטלעכע לאגע
(15־טער יאָרהונדערט)

§ 94 די פאַרשפּרייטונג פון יידישע ישובים אין איטאַליע און זייער פּאַרנעס.

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, וואָס האָט געפירעמט דאָס יידישע לעבן אין איטאַליע בעת דעם 15־טן י״ה, איז געווען דער כסדרדיקער צושטראָם פון יידישע איינוואַנדערער. אין 14־טן י״ה האָט זיך אויפן איטאַליענישן באָדן באַזעצט אַ גרויסע צאָל יידן־גירושים פון פראַנקרייך.

ביים איבערברוך פון 14־טן און 15־טן י״ה הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע איינוואַנדערונג פון יידן פון דייטשלאַנד און שפּאַניע. די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דערדאָזיקער נייער וואַנדער־באַוועגונג, זענען אונז שוין באַוואוסט: אין שפּאַניע זענען עס גע־ווען די „הייליקע מלחמות״ און צוואַנגס־שמדן ביים סוף פון 14־טן און אָנהויב 15־טן י״ה, אין דייטשלאַנד — די קאַטאַסטראָפאַלע „שאַ־צונגען״ מצד די שוצהאַרן און די יידן־פיינטלעכע אַריסטראָטונגען פון די האַנטווערקער־ און פויערים־מאַסן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט לערך אין דערזעלבער צייט.

אין די איטאַליענישע קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה זענען דערהאַלטן אָן אַ שיער ידיעות וועגן „ebrei spagnuoli“ און „ebrei tedeschi“, דהיינו, וועגן שפּאַנישע און דייטשע יידן, וואָס

האָבן דעמאָלט געלעבט אין איטאַליעניש שטעט און שטעטלעך. דער איינוואַנדערונגס-פּראָצעס האָט געדויערט דאָס גאַנצע 15-טע י״ה און ער האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט ביים סוף פון 15-טן און אָנ-הויב 16-טן י״ה אין צוזאַמענהאַנג מיטן גירוש שפּאַניע און סיציליע, ווי אויך מיט די מאַסן-פאַרטרייבונגען פון דייטשלאַנד.

בכדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון די איינוואַנדערער-מחנות, וואָס האָבן זיך אין משך פון 15-טן י״ה באַזעצט אין איטאַליע, שטעלן מיר דאָ ווייטער צונויף אַ רשימה פון איטאַליעניש-יידישע ישובים, וואָס ווערן בעת דערדאָזיקער תקופה דערמאָנט אין דעם קוועלן-מאַטעריאַל. די רשימה נעמט-אַרום 56 שטעט און שטעט-לעך און באַלאַנגט צו דער צייט, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ספרדישע עליה פונם שפּאַניש-פּאָרטוגעזישן מאַכט-געביט. פאַר אונזער דאָזיקער רשימה האָבן מיר באַנוצט ווערטפולע אויספאָר-שונגען פון נייערע יידיש-איטאַליענישע געשיכטס-שרייבער (Cassuto, Schiavi, Lonardo, Fossati, Bruzzone, Ciscato) ווי אויך פון אייניקע עלטערע יידישע פאָרשער (Berliner, D. Kaufmann, Vogelstein-Rieqer) מיר מוזן אָבער באַמערקן, אַז די רשימה איז ל ג מ ר י נ י ש ט ק י י ן פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע, מחמת מיר האָבן נישט באַוויזן צו באַקע-נען זיך מיט אַ טייל פון דער באַטרעפנדיקער געשיכטלעכער ליטע-ראַטור (בפרט מיט די אויספאָרשונגען וועגן די יידן אין מאַילאַנד פון Motta, ווי אויך מיט די אַרבעטן וועגן די דרום-איטאַליענישע יידן פון Terorelli).

נישט געקוקט אויף דעמדאָזיקן נישט פולשטענדיקן כאַראַקטער פון דער טאַבעלע, וועט זי אונז פאָרט געבן אַ געוויסע אָריענטאַציע וועגן אַ ריי וויכטיקע פראַגן, וואָס שטייען אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער איינוואַנדערונגס-באַוועגונג און מיט דעם אויפשוואונג פון די יידיש-איטאַליענישע ישובים.

כדי אויסצומיידן די שוועריקייטן פון דער טראַנסקריפּציע און די דערמיט פאַרבונדענע מיספאַרשטענדענישן, ברענגען מיר די נעמען פון די ישובים מיט לאַטיינישע אותיות:

יידישע ישובים אין איטאַליע
· בעת דעם 15-טן י״ה

Amalfi
Ancona
Aquila
Asti
Bari
Bassano
Bergamo
Bologna
Brescia
Campo S. Pietro
Carpi
Castelfranco
Centi
Cesena
Chieti
Civitavecchio
Corneto
Crema
Empoli
Faenza
Fezzara
Firenze (פלאָרענץ)
Gubbio
Lucca
Mantua
Mestre
Milano
Modena
Monselice
Montalto
Mutina
Napoli
Pavna
Parma
Pavia
Perugia
Pieve di Sacco
Pisa
Plebis
Ravenna
Reggio
Rieti
Rimini
Riva di Trento
Roma
Rovereto
Siena
Solmona
Spoleto
Trani
Treviso
Velletri
Venezia
Verona
Vigevano
Virenza

נעמענדיק אין אַכט די געאָגראַפישע לאַגע פון די אויסגערעכנטע ישובים, קענען מיר אָננעמען פאָלגנדיקע מסקנות:

א) די גרעסטע צאָל ישובים באַגעגענען מיר אין צפון-איטאַליע, בפרט אין די ממשלה-געביטן פון דער וועניציאַנער רעפובליק און פון די הערצאָגן ד'עסטע.

אין אונזער רשימה פיגורירן נישט ווייניקער, ווי 14 שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די ווענעציאַנער Bassano,) Bergamo, Brescia, Campo S. Pietro, Castel franco, Mestre, Padua, Pieve di Sacco, Rovereto, Riva di Trento, Treviso, Venezia, Verona, Virenza), דהיינו, קרוב איין פערטל פון אַלע פאַרצייכנטע ישובים. וואָס שייך דעם מאַכט-געביט פון די הערצאָגן ד'עסטע, ווערן

דאָ דערמאָנט יידישע ישובים זײַן 6 שטעט און שטעטלעך (Carpi, Centi, Ferrara, Modena, Plebis Reggio).

סך-הכל ליגט אין צפון-איטאַליע מער, ווי די העלפט פון אַלע ישובים, וועלכע מיר האָבן אויסגערעכנט אין דער רשימה.

ב) נאָך דער ווענעציאַנער רעפּובליק איז דער „קירכע-שטאַט" דאָס צווייטע מאַכט-געביט, וואָס ציילט די גרעסטע צאָל יידישע ישובים. אַ חוץ רוים האָבן יידן געלעבט אין נאָך 10 שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער פּויפּסטלעכער מלוכה (Ancona, Bologna, Cesenu, Civitavecchio, Corneto, Faenza, Montalto, Ravenna, Rimini, Spoleto).

אָנזעעוודיק איז אויך געווען די צאָל יידישע ישובים אין טאָסקאַנאַ (Empoli, Firbuze, Lucca, Pisa, Siena).

סך-הכל וויזט אונז די רשימה אַ צאָל יידישע ישובים אין מיטל-איטאַליע, וואָס שטייגט איבער מיט קוים צוויי—דריי די צאָל ישובים אינם ווענעציאַנער ממשלה-געביט.

ג) צום שוואַכסטן איז אין אונזער רשימה פאַרטרעטן דרום-איטאַליע, דהיינו, די נעאַפּאָל-מלוכה. מיר באַגעגענען דאָ קוים 5 יידישע ישובים (Aquita, Bari, Chieli, Napoli, Trani).

ווי מיר זעען, אַלזוי, האָבן זיך די איינגעוואַנדערטע יידן קאָנצענטרירט דערעיקרשט אין די מאַכט-געביטן פונם פּויפּסט, פון דער רעפּובליק ווענעדיג און פון די הערצאָגן ד'עסטע. דעם „קירכע-שטאַט" פלעגן דאָס רוב באַזוכן שפּאַנישע יידן, בעת די דייטשע איינוואַנדערונגס-כוואַליע פלעגט זיך פאַרשפּרייטן דערעיקרשט איבער די צפון-איטאַליענישע געביטן.

וואָס שייך דער גרויס פון די יידיש-איטאַליענישע ישובים, זענען מיר אָנגעוויזן אויף ידיעות, וואָס באַלאַנגען צו אייניקע שטעט און שטעטלעך און וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע יאָרן, אַזוי, אַז עס איז שווער צו מאַכן אַלגעמיינע אויספירן.

דידאָזיקע ידיעות זענען אָבער גענוג אינטערעסאַנט, אַז מיר זאָלן זיך ביי זיי אָפּשטעלן. די גרעסטע קהילה האָט בלי-ספק געבליט אין דער פּויפּסטלעכער רעזידענץ.

ביים סוף פון 15-טן י"ה האָבן אין רוים עקזיסטירט נישט ווייניקער, ווי 4 באַזונדערע קהילות — „לאַנדסמאַנשאַפטן". איינע אַן

אלטע, וואָס איז באַשטאַנען פון איינגעזעסענע יידן, אַ צווייטע אַ „קאַטאַנישע", אַ דריטע פון קאַסטילישע און אַראַגאָנישע יידן און לסוף אַ קהילה פון סיצילישע יידן.

לויט אַן אַלגעמיינער פאָלקס-ציילונג, וואָס איז אין רוים דורכ-געפירט געוואָרן אין י. 1526 אָדער ביים אָנהויב פון י. 1527, האָבן דעמאָלט געלעבט אין דער זיבן-בערג-שטאָט לערך 55.000 נפשות, פון דעם—1.738 יידן (לערך 385 משפחות), וואָס דאָס מאַכט אויס 3,1% פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג.

היות, ווי די ציילונג שטאַמט פון אַ צייט, אין וועלכער ס׳איז פאָרגעקומען די מאַסן-איינוואַנדערונג פון די ספרדישע יידן, קאָנען מיר משער זיין, אַז דער פּראָצענט יידן אין רוים האָט פאַר דעם גירוש-שפּאַניע דערגרייכט העכסטנס ביז 2%.

אַ צווייטע קהילה פון אַזאַ גרויס, ווי די רוימישע, האָט אויפן איטאַליענישן באָדן נישט עקזיסטירט. אין אַזעלכע שטעט, ווי וועניעדיג, פלאָרענץ, פּאַדווע, ברעשטשיאַ, פערראַראַ וכדומה האָבן די קהילות געציילט צו עטלעכע הונדערט יידן.

אין פלאָרענץ, אַ שטייגער, האָבן, לויט די אויספאָרשונגען פון קאַסוטאָ, געלעבט אין 15-טן און 16-טן י"ה פון 100 ביז 300 יידן.

אומגעפער אין דיזעלבע ראַמען דאַרפן אויך צוגעטראַכט ווערן די באַפעלקערונגס-ציפערן פאַר די „גרויסע קהילות" אין איטאַליע (אַ חוץ רוים).

אַן אָנשפּאַר גיט אונז פאַר דערדאָזיקער השערה נישט בלויז דאָס געבראַכטע פלאָרענצער ביישפּיל, נאָר אויך אַ ציפער אין דער איינשאַצונגס-רשימה, וואָס איז אין י. 1438 צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם ווינער הויף-ייד נחום. היות, ווי דאָס מאַילאַנדער געביט האָט צו יענער צייט באַלאַנגט צום דייטשן קיסר, געפינט זיך אין דער רשימה אַן איינשאַצונגס-סכום פון 5000 גילדן פאַרן דאָזיקן מאַכט-שטח, דהיינו, 5 מאָל אַזוי פיל, ווי פאַר דער קהילה אין פראַנקפורט ביים מאַין.

לויט די באַרעכענונגס-שליסלען, וועלכע מיר האָבן פעסטגע-שטעלט פאַר נחומס רשימה, לאָזט זיך פון דער ציפער 5000 אַרויס-דרינגען, אַז די קהילה אין מאַילאַנד—מילאַנאָ האָט צוזאַמען מיט די אַרומיקע ישובים פונם מאַילאַנדער געביט געציילט לערך 500—600 יידן, און מען קאָן משער זיין, אַז דערפון האָבן לערך אַ

העלפט געלעבט אין דער שטאָט מילאַנאָ גופא. צו דעם מין „גרויסע קהילות", ווי פלאָרענץ און מאַילאַנד, האָבן, ווייזט אויס, באַלאַנגט בלויז אייניקע. אויף זיכער קאָנען צום דאָזיקן מין פאַררעכנט ווערן די קהילות אין פ אַ ד וו ע און ווענעדיג.

וועגן דער פאַדוועדער קהילה ווערט אונז, אַ שטייגער, איבערגע־געבן דורך אַ קוועלע פונם סוף פון 14־טן י"ה, אַז איר גרויס האָט שוין דעמאָלט פאַרשאַפט „אַ סך שוועריקייטן" פאַר דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג „... ex Judaeorum abundantia, quae habitat in civitate Padua... multi Christiani magna incommoda consequutur").

דער גרעסטער טייל ישובים זענען, ווייזט אויס, געווען קליינע קהילות מיט אַ באַפעלקערונג אונטער 100 נפשות אַ יעדע. אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אונז צום י. 1496 איבערגעגעבן, אַז אין אקווילאַ האָבן דעמאָלט געלעבט סך־הכל 2 יידישע באַלעבאַטישקייטן.

§ 95 „קאָנדאָטאַס" און שטייערן.

דאָס באַזעצן זיך פון די איינגעוואַנדערטע יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון די צאָלרייכע איטאַליענישע רעפובליקן און הער־צאָגטימער פלעגט, ווי אין 14־טן י"ה, פאָרקומען אויפן סמך פון ספעציעלע אָפּמאַכן („קאָנדאָטאַס") מיט די מאַכטהאָבער, אין וועלכע ס'פלעגן באַשטימט ווערן די שוץ־באַדינגונגען, די גרויס פון די אָפּ־צאָלן פאַרן שוץ, די דויער־צייט פונם וואוינרעכט, דער קוואַרטאַל, אין וועלכן דער יידישער קאָנטראַהענט האָט געמעגט וואוינען, צי ער האָט זיך געמעגט פאַרנעמען מיט קרעדיט־געשעפטן וכדומה.

די „קאָנדאָטאַס" זענען טיילמאָל חל געווען אויף 1, 3 אָדער 5 יאָר, צום לענגסטן אָבער אויף 10 יאָר.

נאָך דעמדאָזיקן טערמין האָט מען זיי געמוזט באַנייען, בכדי צו קאָנען ווייטער בלייבן אין דער שטאָט. ביידע צדדים האָבן גע־האַט דאָס רעכט צו קינדיקן די „קאָנדאָטאַס".

די „קאָנדאָטאַס" פלעגן זיין קאָלעקטיווע אָדער אינדיווידועלע פאַר יעדער יידישער באַלעבאַטישקייט באַזונדער. אין אונזער תקופה באַנוצן זיך די מאַכטהאָבער על־פי־רוב מיטן צווייטן מין. מאַנכע

שטאַטישע רעפּובליקן פלעגן בכלל נישט אַריינלאָזן קיין יידן, אָדער נאָר אויף אַ קורצער צייט פון עטלעכע טעג. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די יידן זיך געמעגט אויפהאַלטן אין ג ע נ ו ע נישט לענגער, ווי 3 טעג.

וואָס שייך דעם נאָרמאַלן ש ט י י ע ר - ס י ס ט ע ם, וועלכן די שוץ-הערן פלעגן אָנווענדן לגבי „זייערע" יידן, איז ער באַשטאַנען פון יאָרלעכע אָפּצאָלן פאַר די „קאָנדאָטאַס".

די הויך פון די אָפּצאָלן האָט מען געוויינלעך באַשטימט לויט דער גרויס פון די פאַרמעגנס אָדער פון די יידישע „פּאַקט-בירגער".

אין פ ל אָ ר ע נ ץ האָבן 5 יידישע באַנקיר-משפּחות, לויט אַ „קאָנדאָטאַ" פון י. 1491, געמוזט צאָלן יאָרלעך 1.200 פלאָרינען פאַר דער דערלויבעניש צו האַלטן 4 לאָמבאַרדן. אין ב אָ ל אָ נ י ע (Bologna) האָט ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה דער יאָרלעכער אָפּצאָל פון 2 יידישע באַנקירן באַטראָפן 370 סקודי, פון אַלע איבעריקע יידן—1763 סקודי.

דעמדאָזיקן יאָרלעכן אָפּצאָל האָט מען אין ב אָ ל אָ נ י ע, פּונקט ווי אינם גאַנצן קירכע-שטאַט (צו וועלכן באָלאָניע האָט באַלאַנגט), גערופן „vigesima", ד. ה. „איין צוואַנציקסטל", מחמת דער שטייער האָט באַטראָפן 1/20-טל פון די יאָרלעכע הכנסות פון די יידן.

לויט אַן אָפּמאַך, וועלכן רוימישע יידן האָבן געשלאָסן מיטן פּויפּסט אין י. 1443, האָבן זיי געדאַרפט יאָרלעך אַריינטראָגן אַ „vigesima" אָדער „vicesima" אין דער הויך פון 1.130 גילדן. אין די 50-קער יאָרן פון 15-טן י"ה איז די „vigesima" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָפּ-שטייער.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און אין י. 1488 ווערט די „vigesima" צוריק איינגעפירט אין איר אַלטער פאָרם אַלס הכנסה-שטייער. זי האָט דעמאָלט לויט אַן אָפּמאַך מיטן פּויפּסט באַטראָפן 1000 סקודי פון אַלע יידן אין דער קירכע-מלוכה.

דאָס איינמאָנען דעם יאָרלעכן יידן-שטייער פלעגן אין די שטאַטישע רעפּובליקן באַזאָרגן שטאַטישע אָרגאַנען. אין דער קירכע-מלוכה און אין מאַנכע הערצאָגטימער פלעגן דאָס איינשאַצן און איינמאָנען איבערגעלאָזט ווערן אין רשות פון קהילות-פאַרבאַנדן.

אויף אַ ועד, וואָס איז פאָרגעקומען 1416 אין באָלאָניע מיט

דער באַטייליקונג פון קהילות-פאָרטרעטער פון דער קירכה-מלוכה, פון טאָסקאַנאַ און פון פעראַראַ, זענען אָנגענומען געוואָרן ספּעציעלע תקנות וועגן דעם מאַדוס, לויט וועלכן מען האָט געזאָלט אויף להבא דורכפירן איינשאַצונגען אויף אַרויסצובאַקומען דעם נאַרמאַלן שטייער פאַר די שוץ-האַרן.

עס איז באַשטימט געוואָרן איינצופירן אַ סיסטעם פון 4 פאַר-מעגנס-קלאַסן לויטן פאָלגנדיקן סדר:

א) יידן מיט פאַרמעגנס פון איבער 1000 דוקאַטן האָבן געזאָלט צאָלן צו 1 1/2 דוקאַטן שטייער פון יעדע 1000 דוקאַטן.

ב) מיט פאַרמעגנס פון 500 ביז 1000 דוקאַטן דאַרפן צאָלן צו 1 1/2 דוקאַטן.

ג) מיט פאַרמעגנס פון 100 ביז 500 דוקאַטן — צו איין דוקאַט.

ד) מיט פאַרמעגנס אונטער 100 דוקאַטן — צו האַלבן דוקאַט.

אַ חוץ דעם נאַרמאַלן יאָרלעכן שטייער צאָלן איטאַליענישע יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה פּלעריי אויסערגעווייני-לעכע שטייערן. אין דער קירכע-מלוכה מוזן זיי צונויפּברענגען גרעסערע „קרוינונגס-שטייערן" אַלס „מתנות" פאַר יעדן נייעם פּויפּסט.

טיילמאָל לייגט אויף זיי אַרויף דער פּויפּסט אַ ספּעציעלן „טערקן-שטייער" אויף צו פינאַנסירן די קריגס-אונטערנעמונגען קעגן די טערקן. אין י. 1500 האָט אַזאַ „טערקן-שטייער" באַטראָפן דאָס דריי-פאַכע פון דעם נאָרמאַלן „וויגעסימאַ"-שטייער.

ס'איז אויך כדאַי צו דערמאָנען די גרויסע „בולע-געלטער", וועלכע די יידן האָבן געמוזט צאָלן די פּויפּסטן פאַר אַרויסבאַקומען די שוץ-פאַראָרדענונגען אין אַן עת-צרה.

אַ באַזונדערס פּיינלעכער שטייער לטובת דעם פּויפּסט איז גע-ווען דער אַזויגערופענער „גציעג-שטייער", וועלכן די יידן פון רוים האָבן געמוזט צאָלן בעת דער קאַרנאַוואַל-צייט אַלס צייכן פון זייער שאַנדע.

אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה האָט דער דאָזיקער שאַנד-

שטייער באַטראָפן 1100 גילדן. ענלעך זענען אויך געווען די פאַר־העלטענישן אין די שטאָטישע רעפובליקן און הערצאָגטימער פון צפון־ און מיטל־איטאַליע. אויך דאָ האָבן יידן געמוזט צאָלן כלערליי אויסערגעוויינלעכע אָפּצאָלונגען פאַר שוץ־פּריווילעגיעס אָדער דער־לאַנגען „מתנות" ביים איבערנעמען די מאַכט דורך די נייע שטאָטישע רעפּרעזענטאַנצן אָדער הערצאָגן.

אין די אוניווערזיטעטס־שטעט האָבן די יידן געצאָלט ספּעציעלע אָפּצאָלונגען לטובת די פּראָפעסאָרן און סטודענטן.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די פּראָפעסיעס פון די איטאַליענישע יידן
(15-טעס יאָרהונדערט)

§ 96 פּראָפעסיאָנעלע דיפערענצירונג פון די רוימישע ייִדן.

בעת דער ערשטער באַוואוסטער פאָלקס-ציילונג, וואָס איז, ווי שוין דערמאָנט, דורכגעפירט געוואָרן אין רוים ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה, זענען ביי אַ טייל משפחות-פאָרשטייער אָנגעצייכנט געוואָרן זייערע פּראָפעסיעס, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך אַ ווערטפול, הגם פראַגמענטאַריש בילד פונם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג אין דער פּויפּסטלעכער רעזידענץ.

וואָס שייך דעם יידישן טייל פון דער באַפעלקערונג, ברענגען אונז די ציילונגס-רשימות ידיעות וועגן באַרופן פון 91 יידישע משפחות-פאָרשטייער. היות, ווי די אַלגעמיינע צאָל יידישע משפחות אין רוים האָט דעמאָלט באַטראָפן 385, באַקומען מיר אַ באַגריף וועגן דעם פּראָפעסיאָנעלן באַשטאַנד פון אַן אָנגעזעענעם טייל רוימישע יידן.

פון די אָנגעמערקטע 91 יידישע פּראָפעסיעס באַלאַנגען צו:

א)	פרייע באַרופן . . .	6
ב)	האַנדל	30
ג)	מלאכה	50
ד)	אַנדערע פּראָפעסיעס .	5

צווישן די 6 יידישע משפחות-פאַרשטייער מיט פרייַע באַרופן באַגעגענען מיר איינעם אַ דיפּלאָמירטן מעדיצין-דאָקטאָר (doctor), 3 מעדיציַנער (medici), 2 כירורגן-פעלדשער (fisici) און איינעם אַ לערער אָדער ראש-ישיבה (magister scholae).

פון די אָנגעמערקטע 30 יידן פונם סוחרים-קלאַס פאַרנעמען דעם אויבנאָן הענדלער מיט אַלטוואַרג, גערופן veteramentarii. זייער צאָל באַטרעפט 22, דערונטער איינער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטע שטאָפן אָדער קליידער.

אַ חוץ אַלטוואַרג-הענדלער ווערן נאָך פאַרצייכנט 5 טוך-הענדלער, 2 אייזן-סוחרים און איינער אַ וויין-סוחר.

צווישן די בעלי-מלאכות רוקט זיך אַרויס אַ באַזונדערס גרויסע צאָל יידישע שניידער (sartores): זי באַטרעפט 20 אויף דער פאַר-צייכנטער אַלגעמיינער צאָל 50 האַנטווערקער. דער רעשט בעלי-מלאכות באַשטייט פון שוסטער, פאַרבער, קירזשנער (pelliciarii), סאַרווער, קצבים (5), פישער וכדומה.

אַ געוויסע צאָל האַנטווערקער-פּראָפעסיעס ווערן באַצייכנט מיט לאַטייַנישע טערמינען, וואָס זענען אונז נישט פאַרשטענדלעך (אַזוי, אַ שטייגער: 7 „calzolarii" אָדער „acconciatores di calse" איינציקע zupolini, pollaroli, lanternarii, matarasari, bastarii, spadarii וכדומה).

פון די 5 אָנגעמערקטע יידישע משפחות-פאַרשטייער מיט „אַנ-דערע פּראָפעסיעס" זענען געווען: איינער אַ שליח (mandatarius), איינער אַ מאַרשאַליק (mariscalcus) און 3 סופרים (cartarius, cartularius)

עד כאן די ידיעות, וואָס אילוסטרירן אונז דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די רוימישע יידן ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה.

צוליב דער פראַגמענטאַרישקייט פונם בילד, פעלן אין די פאַרצייכענונגען ידיעות וועגן די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעדיט-געשעפטן. ווי נישט איז, קאָנען מיר אָבער אויפן סמך פון די געבראַכטע ציפערן פעסטשטעלן, אַז דאָסווירטשאַפטס-לעבן פון די רוימישע יידן איז לגמרי נישט געווען אַזוי איינזייטיק געפורעמט, ווי אַ שטייגער, דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון די דייטשע יידן. אַדרבה, מיר באַגעגענען צווישן די רוימישע יידן אַ זייער היפשע צאָל האַנט-ווערקער, סוחרים און אַ גאַנץ היפשער פּראָצענט פרייַע באַרופן. אַ

שטריך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר די רוימישע יידן און נישט בלויז פאַרן אָנהויב פון 16־טן י״ה, ווען די גרויסע עליה פון שפּאַנישע און סיציליאַנישע יידן האָט זיך שוין געהאַט אָנגעשפּאַרט אָן איטאַליע!

אין די ווייטערדיקע אויספירן וועלן מיר דערווייזן, אַז דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש בכלל פאַר אַלע איטאַליענישע יידן און באַזונדערס אויך פאַר זייערווירטשאַפטס־לעבן אין משך פון 15־טן י״ה, מיט וועלכן מיר וועלן זיך דאָ ווייטער באַשעפטיקן.

§ 97 פרייע באַרופן.

ענלעך, ווי אין אַנדערע לענדער, האָט זיך די יידישע אינטעליגענץ אויך אין איטאַליע דערעיקרשט קאָנצענטרירט אַרום דעם מעדיצינישן פאַך. אַ באַגריף וועגן דער אַנזעעוודיקער צאָל יידישע רופאים אין איטאַליע גיבן אונז די גרינטלעכע מאָנאָגראַפיעס פון פאַגעלשטיין־ריגער און פון אימבערטאָ קאַסיטאָ, וואָס זענען געווידמעט דער געשיכטע פון יידן אין רוים און אין פלאָרענץ.

לויט דידאָזיקע מאָנאָגראַפישע אויספאָרשונגען זענען אונז באַוואוסט מיט די נעמען נישט ווייניקער, ווי 34 יידישע רופאים, וואָס האָבן אין משך פון 15־טן י״ה פּראַקטיצירט אין די דערמאָנטע צוויי שטעט.

מיר קאָנען משער זיין, אַז די צאָל פון זייערע קאָלעגן, וואָס האָבן אין דערזעלבער תקופה פּראַקטיצירט אין אַנדערע איטאַליענישע שטעט, האָט אויך געמוזט זיין אַן אַנגעזעענע.

פון דער רשימה רוימישע און פלאָרענצער יידן־דאָקטוירים, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער, זעען מיר, אַז אַ טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון שפּאַניע — אַ שטייגער, דער רוימישער ד״ר אליה (1420/3), דער פלאָרענצער ד״ר משה בן יוסף (1484/6) — פון פראַנקרייך און בפרט פון דער פּראָוואַנס (ווי, למשל, דער רוימישער ד״ר באָנעט דע לאַטעס (1498), ווי אויך די פלאָרענצער דאָקטוירים שלמה אוויצורי פון אַרל (1412) און אליה ד׳מאַנעס (1476), פון דייטשלאַנד (אליה אַלאַמאַנוס

(1420) און פון דער אינזל קרעטאַ (דער באַרימטער אליה דעל מדיגאַ, וואָס האָט אין י. 1485 געלעבט אין פלאָרענץ).

צווישן די פאַרצייכנטע דאָקטוירים באַגעגענען מיר 5 זייער באַדייטנדיקע, דהיינו: אליה בן שבתי (1405—1423), וואָס איז געווען לייב-דאָקטאָר פון 3 פויפסטן (אינאָקענט VII, מאַרטין V און עוגען IV), אליה אַלאַמאַנוס (1420), אַ לייב-דאָקטאָר פונם הערצאָג פון בורבאָן; די פויפסטלעכע לייב-דאָקטוירים שלמה (1476) און באָנעט דע לאַטעס (1498), און לסוף דער באַרימטער פילאָזאָף און מעדיצינער אליה דעל מדיגאָ (1485), וואָס האָט זיך געמאַכט אַ שם מיט זיינע פילאָזאָפישע שריפטן און פאַרטראָגן אין דער פאַדווער אוניווערזיטעט.

אַחוץ מעדיצין האָבן זיך איטאַליענישע יידן אויך געמעגט פאַרנעמען מיטן אַפטייקער-פאַך. אויסדריקלעך איז זיי דאָס באַוויליקט געוואָרן דורך די פויפסטלעכע פאַראָרדענונגען פון די יאָרן 1471, 1476 און 1486.

אונטער דעם איינפלוס פון דער רענעסאַנס-באַוועגונג פאַרנעמען זיך מאַנכע איטאַליענישע יידן מיט אַזעלכע פרייע באַרופן, ווי דער פאַך פון פראָפעסיאָנעלע מוזיקער און טאַנצמייסטער. ביים סוף פון 15-טן י״ה באַגעגענען מיר אין פויפסטלעכן הויף 2 באַרימטע יידן-מוזיקער, דזשאָוויאַני מאַריאַ און דזשאַקאָמאָ די סאַנסעקאָנדאָ (געבוירן אַרום י. 1468).

דזשאָוויאַני מאַריאַ האָט אויך געשמט אַלס קאָמפּאָזיטאָר. אַלס צייכן פון אָנערקענונג האָט אים דער פויפסט באַוויליקט צו טראָגן דעם צונאָמען „de Medicis“ און ער האָט אים געגעבן דעם טיטל גראַף.

זייער גרויס איז אויך געווען דער שם פון זיין זון קאַמילוס, וואָס האָט אַלס פויפסטלעכער הויף-מוזיקער באַקומען אַ יאָרלעכן געהאַלט פון 276 גאָלד-דוקאַטן.

פון דערזעלבער צייט זענען אויך פאַרבליבן די נעמען פון פאָלגנדיקע יידישע מוזיקער: אליה וואַניני, דזשוסעפּע (יוסף) עבּרעאָ און פאַרטאַלעאָנע. די לעצטע צוויי זענען אויך באַוואוסט אַלס קאָמפּאָזיטאָרן.

וואָס שייך דעם טאַנצמייסטער-פאַך, האָבן מאַנכע יידן אויפן דאָזיקן געביט דערגרייכט אַ באַזונדערס הויכע מדרגה. אַזוי

יידישע רופאים אין רוים און פלאָרענץ (15־טער י״ה)

רוים: דערמאָנט אין די יאָרן	רוים: נעמען	פּראַקטיצירט אַ חוץ אין רוים נאָך אין פּאַלגנדע שטעט (לענדער)	פלאָרענץ: דערמאָנט אין די יאָרן	פלאָרענץ: נעמען
1405-1423	Eliah di Sabbato	—	1440 אַרזט	Diamante di Anori
1420	Vitale di Graziano		1412	Salomonę Avicori di Arles
„	Gaiso [Gagio[b. Selomoh		1422	Leone di Abramo
„ „	Leutio כירורגן Manuele		1439	Alenccio di Salomone
„	Eliah Alamanus		1440 אַרזט	Giovanni Agnolo
1420-3	Eliah Spagnuolo		1460-76	Bonaventura di Bonaventura da Pralo
1443	Mose Rieli		1466	Abramo
1451	Datillo	Cornelo, Monlallo Civitavecchia	1476	Elia di Manes di Francia
„	Guglielmo di Dalillo	„ „	1476	Moise
1474	Leo		1477-89	Abramo di Moise da Fralo
„	Astruc de Balmes	Neapoli	1479	Banainto
„	Manuele di Salomone	Cesena	„	Angelo
1474-6	Salomone		1480	Lazzaro di Guglielmo da Faenza
1492 פאַר	Abramo di Mayr	Napoli	1481	Jacob da Fauro
1498	Bonet de Lattes	Provence	1484-6	Moise di Joseph Spagnuolo
			1484-90	Emanuele di Angelo da Citerna
			1485	Eliah del Medigo
			1494	Lazzaro da Pavia

האָט אין 15-טן י״ה געשמט טאַנצמייסטער דזשוליעלמאָ (בנימין) עבּרעאָ פון פּיזאַ, אַ תלמיד פונם טאַנץ-לערער דאָמעניקאָ פון פעראַרא.

דזשוליעלמאָ-בנימין איז דער מחבר פון איטאַליענישן טראַקטאַט וועגן כאָרעאָגראַפיע. ער האָט ביי די הערצאָגן ד׳עסטע פאַרנומען די שטעלע פון אַ הויפמענטש.

צוליב דער שייכות מיט קונסט איז כדאי צו פאַררעכענען צו די „פרייע באַרופן״ אויך אַזאַ פאַך, ווי דער פאַך פון סופרים-אילומינאַטאָרן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט איבערשרייבן מאַנוס-קריפּטן און פאַרצירן זיי מיט קונסט-געמעלן (מיניאַטורן). אין דער שוין באַשריבענער רוימישער ציילונגס-רשימה פונם אָנהויב פון 16-טן י״ה פיגורירן דריי אַזעלכע סופרים — cartarii אָדער cartularii.

פון אַן אַנדערער קוועלע דערוויסן מיר זיך, אַז אין רוים האָט אין 15-טן י״ה עקזיסטירט אַ באַזונדערער צעך פון יידישע סופרים-קאָפּיסטן. אין פעראַרא האָבן צווישן די י״י 1472—1500 געשמט אַלס סופרים-אילומינאַטאָרן: ר׳ אברהם פאַריסאָל און דער זון זיינער מרדכי. באַרימטע סופרים-מיניאַטוריסטן זענען אויך געווען די איטאַליענער שלום בן שלמה (1484) און שמשון בן אליה חלפן. פון זייערע אַרבעטן זענען עד-היום אויפגעהיט געוואָרן פּראַכטפולע עקזעמפּלאַרן. יידן-סופרים ווערן אויך דערמאָנט אין די פלאָרענצער אַקטן פון 15-טן י״ה.

אונזער איבערבליק איבער דער באַטייליקונג פון איטאַליענישע יידן אין „פרייע באַרופן״ פאַרענדיקן מיר מיט באַרימטע רבנים, לומדי-תורה און סתם „לערער פון העברעיש״. פון די גדולי הדור, וואָס האָבן געבליט אין צפון-איטאַליע אין דער באַהאַנדלטער תקופה דאַרף מען דערמאָנען: ר׳ יהודה מינץ, ר׳ יוסף קולון, ר׳ יעקב מעסטרע (מיישטרי), ר׳ יהודה אָבערניק פון פוילן, ר׳ מאיר קאַצענעלנבויגן, ר׳ משה טרעוויסאָ, ר׳ יעקב בן יהודה לאַנדאַו וכדומה. פון די גדולים, וואָס האָבן געווירקט אין מיטל- און דרום-איטאַליע, איז כדאי צו דער-מאָנען אַזעלכע, ווי ר׳ בנימין בן יואב אַלצינו (Montalcino), דעם רב פון פלאָרענץ, ווי אויך ר׳ דוד בן יוסף יחייא, פון דער באַרימטער שפּאַנישער משפחה יחייא, וואָס איז ביים סוף פון 15-טן י״ה געווען רב אין נעאַפּאָל.

צוליב דעם גרויסן אינטערעס פאַר דער העברעישער שפּראַך, וואָס איז אין דער קריסטלעכער וועלט אויפגעקומען צוגלייך מיט דער רענעסאַנס-באַוועגונג, האָבן זיך געעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר יידן — לערער פון העברעיש. אין די אַקטן פון 15-טן י״ה ווערן אויך אָפט דערמאָנט אַזעלכע יידישע "magistri scholac et lingnae hebreicae", וואָס האָבן געווירקט אויפן איטאַליענישן באָדן.

§98 דער אומבאַוועגלעכער באַזיץ אין די שטעט און דערפער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז די יידן נאָך אין 14-טן י״ה פאַרווערט געוואָרן, צו קויפן און צו באַזיצן אומבאַוועגלעכע גיטער, ווערן אין די איטאַליענישע אַקטן פון דער באַהאַנדלטער תקופה עפּטערס דערמאָנט יידישע באַזיצער פון הייזער, גערטנער, פעלדער וכדומה.

אַזוי, אַ שטייגער, האָבן ביים סוף פון 15-טן י״ה איייניקע רייכע יידן פאַרמאָגט ערד-שטחים און וועלדער אינם דאָרף מאַר-טינענגאָ לעבן בערגאַמאָ (אינם ווענעציאַנער מאַכט-געביט).

ביים אָנהויב פון 16-טן י״ה זענען צוליב דעם אַריינגעטראָגן געוואָרן פּראָטעסטן צו דער רעגירונג אין ווענעדיג; ס׳איז אָבער נישט באַוואוסט, וואָס די רעגירונג האָט דערויף געענטפערט.

וועגן דער באַרימטער גבירים-משפּחה „דאַ פּיזאַ", מיט וועלכער מיר וועלן זיך נאָך אויף אַן אַנדער אָרט באַשעפטיקן, ווערט איבערגעגעבן, אַז זי האָט פאַרמאָגט פּאַלאַצן און גרויסע גערטנער מיט אייל-ביימער.

אין רוים האָט — לויט דער פריער שוין דערמאָנטער ציילונג פונם אָנהויב פון 16-טן י״ה — מינדסטנס איין דריטל פונם פּריוואַטן הייזער-באַזיץ (סך-הכל: 605 הייזער) באַלאַנגט צו יידן.

אין דער ווענעציאַנער רעפּובליק איז די יידן פאַרווערט געווען איבערצונעמען אין רשות אַפילו געשענקטע הייזער אָדער ערד-שטחים, אַ פּשיטא שוין געקויפטע. די יידן האָבן געמעגט בלויז צייטווייליק וואוינען אין געדונגענע וואוינונגען. זינט דער העלפט פון 14-טן י״ה לאָזט זיך דאָ אויך מערקן אַ טענדענץ, צו פאַרשליסן די יידישע „פּאַקט-בירגער" אין ספּעציעלע געטאָס.

אין משך פון 15-טן י״ה קומען אָבער אָן אין די שטעט פון דער וועגעציאַנער רעפּובליק אַלץ גרעסערע מחנות יידן פון פראַנק-רייך, דייטשלאַנד און שפּאַניע. פאַר דער רעגירונג איז צוליב דעם אַלץ שווערער געוואָרן זיך צו האַלטן אין די אַלטע פאַראָרדענונגען. סוף-כל-סוף האָט דער נוצן, וועלכן מען האָט געצויגן פון די יידישע „פּאַקט-בירגער", איבערגעוואויגן דעם פּלומרשטן שאָדן, וועלכן מען האָט געזען אינם יידישן אומבאַוועגלעכן באַזיץ. האָט זיך דער וועגעציאַנער סענאַט אַנטשלאָסן צו סקאַסירן די פאַרבאָטן פון אַמאָל און ער האָט די יידן דערלויבט פראַנק און פריי צו קויפן הייזער, פעלצער און אַקער-פעלדער. דערמיט זענען אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן די האַרבקייט און שאַרפקייט פון די פאַראָרדענונגען וועגן באַזונדערע יידישע קוואַרטאַלן.

עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז סיי אין וועגעדיג גופא, סיי אין אַלע איבעריקע שטעט פון דער וועגעציאַנער רעפּובליק פלעגן רייכע יידן נישט בלויז אין משך פון 15-טן י״ה, נאָר אויך אין 16-טן י״ה וואוינען אויסערהאַלב די געטאָס.

§ 99 יידישע מלאכות.

אַ שטאַרקע באַטייליקונג פון איטאַליענישע יידן אין מלאכות האָט אונז געוויזן די רוימישע פאָלקס-ציילונג פונם אָנהויב פון 16-טן י״ה. מען קאָן אָבער — און מיט רעכט! — מסופק זיין, צי איז אַזוי געווען אויך אין 15-טן י״ה און צי איז אפשר די פאַרשפּרייטונג פון מלאכות ביי די רוימישע יידן נישט געשטאַנען אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַסן-עליה פון די שפּאַנישע און סיצילישע יידן, וואָס האָט ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י״ה אַריינגעבראַכט קיין איטאַליע אַ באַדייטנדיקע צאָל קוואַליפיצירטע האַנטווערקער.

מיר האָבן דידאַזיקע ספקות פריער שוין אויסגעדריקט, מיר האָבן אָבער גלייכצייטיק אָנגעמערקט, אַז אַ שטאַרקער אָנטייל פון איטאַליענישע יידן אין מלאכות לאָזט זיך דערווייזן אויך נאָך איידער דער גרויסער עליה. דאָ ווייטער ברענגען מיר די באַווייזן.

אין י. 1442 האָט דער פּויפּסט ע וו ג ע ן IV אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט די יידן פון דער קירכע-מלוכה פאַרווערט צו

פאַרנעמען זיך מיט מלאכות. דערויף האָבן — אַזוי ווערט אונז איבערגעגעבן — אַ סך יידן אויסגעוואַנדערט פון דער קירכע־מלוכה און זיי האָבן זיך באַזעצט אין מאַנטואַ. סוף־כל־סוף האָט זיך איינגעגעבן דורך אַ השתדלות און מיט דער הילף פון „מתנות" אויסצופועלן ביים פויפסט, אַז ער זאָל סקאַסירן דעם פאַרבאָט.

ווענן דעם רעכט, צו פאַרנעמען זיך אָן שום שטערונגען מיט מלאכות, איז מיט דעם פויפסט געשלאָסן געוואָרן אַ ספּעציעלער אָפּ־מאַך, וועלכן ס'האָבן פונם יידישן צד געחתמעט 23 פאָרשטייער פון רוים, אַקווילאַ, סאָלמאָנאַ, נעאַפּאָל, טראַני און ריעטי. אַ ראיה, אַז אין די אַלע אויסגערעכנטע שטעט האָבן גע־לעבט יידישע האַנטווערקער־משפחות, פאַר וועלכע דער ענין איז גע־ווען אַ לעבנס־פראַגע.

איינ־יקע יאָר נאָך די אונטערהאַנדלונגען האָבן אין רוים געלעבט אַזוי פיל יידישע האַנטווערקער, אַז דערדאָזיקער פאַקט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון די פרעמדע רייזנדער. איינער אַזאַ רייזנדער, אַ דייטש, מיטן נאָמען היינריך קאַלטאייזען שרייבט וועגן דעם צום הערצאָג היינריך פון בייערן דעם פאַלגנ־דיקן באַריכט (1449): „יידן, וואָס וואוכערן נישט, מעגן וואוינען צווישן קריסטן. אַ ראיה—די פאַרהעלטענישן אין רוים: די יידן, וואָס וואוינען דאָ, זענען אַן אויסגעצייכנטער עלעמענט, זיי קויפן און פאַרקויפן און זענען בעלי־מלאכות".

אין די דאָקומענטן פונם אָנהויב פון 16־טן י"ה ווערט דער־מאָנט אַ יידישער שניידער־צעך, וואָס האָט עקזיסטירט אין רוים. ס'איז משער צו זיין, אַז דער צעך איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין 15־טן י"ה.

אין פּאַדווע איז די צאָל יידישע האַנטווערקער געווען אַזוי גרויס, אַז דער שטאָט־ראַט האָט אין י. 1502 באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום ווענעציאַנער סענאַט מיט דער בקשה, אַז מען זאָל בכלל פאַרווערן די יידישע מלאכה, וואָרים אַנישט וועט די אָרעמע קריסט־לעכע האַנטווערקער אויסקומען... אויסצוגיין פון הונגער".

ווען עס איז אין י. 1493 אָנגעקומען אַ גרופּע שפּאַנישע גירושים קיין פעראַראַ, האָט זיי דער הערצאָג פאַרגאַראַנטירט

מיט אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע, אַז זיי װעלן זיך קאָנען אָן שום שטערונגען פאַרנעמען מיט מלאכה.

אין פלאָרענץ װערן צום י. 1463 דערמאָנט יידישע שניידער, דערונטער איינער אַ געוויסער בענעדעטאָ (ברוך), וואָס האָט געשטאַמט פון לוקאַ. ביים אָנהויב פון 16-טן י״ה לעבן אין פלאָרענץ יידן — פולווער-פאַבריקאַנטן (ebrei fabbricanti di Salnitro).

באַלד נאָך דער עפּאָכאַלער דערפינדונג פון דער בוכדרוקעריי, באַגעגענען מיר יידן צווישן די ערשטע דרוקער, וואָס האָבן געאַרבעט אין איטאַליע. אין די 70-קער און 80-קער יאָרן פון 15-טן י״ה עפענען זיך אין מאנטיאַ, באָלאָניע, פעראַראַ און נעאַפּאָל די עלטסטע באַוואוסטע העברעישע דרוקערייען, און זיי באַשעפטיקן אַ ריי יידן אַלס זעצער און קאָרעקטאָרן.

אַ באַזונדערס גרויסן שם האָט דערגרייכט די דרוקעריי פון גרשון סאָנצינאָ, וואָס האָט אויפן געביט פון העברעישע און גריכישע אויסגאַבן מיט דערפאָלג קאָנקורירט מיט דער באַרימטער דרוקעריי פון אַלדאָ מאַנוציוס.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

באַרופן און פּראָפעסיעס פון די איטאַליעניִשע יידן
אין 15־טן יאָרהונדערט.
(הענדלער און באַנקירן)

סוף

§ 100 האַנדל.

פון די ידיעות, וואָס זענען אונז פאַרבליבן וועגן דער האַנדלס־טעטיקייט פון איטאַליעניִשע יידן אין משך פון 15־טן י״ה, לאָזט זיך אַרויסדרינגען, אַז די ראַמען פונם יידישן מסחר זענען דעמאָלט געווען דיזעלבע, וואָס ביים אָנהויב פון 16־טן י״ה, לויט די פאַרנאָטירונגען אין דער שפּעטערס שוין ציטירטער רוימישער פאָלקס־ציילונג.

פאַרדרענגט דורך די באַרימטע איטאַליעניִשע האַנדלס־רעפּובליקן פונם אויסלענדישן האַנדל, האָבן זיך די יידן געמוזט באַנוגענען מיטן מסחר אין די וואוין־ערטער אָדער אין די שכנותדיקע שטעטלעך.

פון די אַרטיקלען, מיט וועלכע יידן האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה געמסחרט, ווערן דערמאָנט: ווייַן, שטאָפן, צירונג, דערעיקרשט אָבער אַלטוואַרג. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט אין איטאַליע דער יידישער אַלטוואַרג־הענדלער דעמאָלט שוין געהאַט איבערגעריסן דאָס נאָפּל־שנירל, מיט וועלכן ער איז פריער געווען פאַרבונדן מיט הלוואות־געשעפטן אויף באַוועגלעכע משכנות. עס ווייזט אויך אויס, אַז ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין ספּעציאַליטעט פון יידן.

אין די שטעט און שטעטלעך פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק האָבן זיך יידישע סוחרים פאַרנומען כמעט אויסשליסלעך מיט אַלט־

וואַרג־מסחר. ר' מאיר קאַצענעלנבויגן, וואָס האָט 40 יאָר געלעבט אין אויבער־איטאַליע, דערציילט אונז, אַז מיט מסחר פלעגן זיך באַשעפטיקן נישט בלויז מענער, נאָר אויך פרויען. „יידישע פרויען — אַזוי גיט ער אונז איבער — פלעגן אַליין פאָרן אויף די י״ידים אין די אַרומיקע שטעטלעך און מאַכן געשעפטן״.

אַזאַ מין פירונג ערגערט זייער ר' מאירן, פונקט ווי ס'ערגערט אים אויך, וואָס יידישע וויינהענדלער און כמעט אַלע יידן פון אויבער־איטאַליע היטן נישט אָפּ דעם איסור אויף קריסטלעכן וויין.

געגויע פרטים פאַרמאָגן מיר וועגן דעם יידישן מסחר אין פּאַדווע: די יידן האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט קליין־האַנדל, דערעיקרשט מיטן אַלטוואַרג־מסחר. יידישע „טאַנדייטער״ (strazzarola) זענען שוין דאָ געווען באַוואוסט פון 13־טן י״ה אָן.

אין 15־טן י״ה האָבן די פּאַדווער יידן געהאַט אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט, צו האַלטן אין דער שטאָט 8 אַלטוואַרג־געוועלבלעך. פאַקטיש האָבן זיי אָבער געהאַט מער קלייטן. דערביי האָבן זיי באַוויזן צו פאַרוואַנדלען די געוועלבלעך אין ערשט־ראַנגיקע מאַגאַזינען־געשעפטן.

דאָס האָט ביים אָנהויב פון 16־טן י״ה אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט ביי די קריסטלעכע סוחרים. אין י. 1502 ווערט דער ענין באַהאַנדלט פונם פּאַדווער שטאָט־ראָט און מען באַשליסט זיך צו ווענדן צו דער רעגירונג אין ווענעדיג, זי זאָל די יידן בכלל פאַרווערן צו האַנדלען. דערצו איז עס אָבער נישט דערגאַנגען און פּאַדווער יידן האָבן ווייטער געמסחרט מיט אַלטע קליידער, אַלטע מעבל, אַלטע זילבער־אויסאַרבעטונגען, וואָפן וכדומה.

אין דער קירכע־מלוכה האָבן די יידן געמעגט פראַנק און פריי מסחרן. אין י. 1418 האָט דער פּויפּסט מאַרטין V אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן, וואָס פאָרן אַרום איבער שטעט און שטעטלעך צוליב מסחר, זענען באַפרייט פון צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן.

אין י. 1429 האָט דערזעלבער פּויפּסט דערלויבט די יידן צו האַלטן געוועלבער און אָפן צו האַנדלען. פון י. 1442 ווערט אונז איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטער אָפּמאַך צווישן אַ רוימישן הויז־באַזיצער — אַ קריסט און זיין יידישן לאָקאַטאָר: דער לעצטער דאַרף דעם באַלעבאָס אָפּצאָלן פאַר דער דירה נישט מיט מזומנים־

געלט, נייערט מיט קרעמאַנער שטאָפן. אַ ראיה, אַז דער ייד האָט געפירט אַ מאַנופאַקטור-געשעפט.

פאַרן יידישן שטאָף-האַנדל זענען באַוואוסט ביישפילן אויך פון דער שכנותדיקער פראָווינץ טאָסקאַנאַ. ער ווערט אויסדריקלעך דערמאָנט אין פלאָרענטינער דאָקומענטן פון די יאָרן 1473 און 1487.

מאַנכע פון די פלאָרענצער יידן האָבן אויך געהאַנדלט מיט צירינג. צו אַזעלכע האָט, אַ שטייגער, באַלאַנגט דער באַרימטער רייזנדער ר׳ משולם דע וואָלטערא, וואָס האָט פאַר זיין נסיעה קיין ארץ-ישראל געפירט גרויסע געשעפטן אין פלאָרענץ. וועגן די יידן אין אנקאָנא איז באַוואוסט, אַז זיי האָבן זיך פאַרנומען אויס-שליסלעך מיט האַנדל. זיי האָבן גענומען טרייבן געלט-געשעפטן ערשט זינט לערך דעם י. 1494.

וואָס שייך די פאַרהעלטענישן אין דרום-איטאַליע, איז אונז באַוואוסט אַ פאַראָרדענונג פון דער נעאַפּאָליטאַנער קעניגין יאָהאַנאַ II (1413—1414), לויט וועלכער ס׳ווערט די יידן דערלויבט צו פירן אַ פרייען האַנדל אין די שטעט און שטעטלעך פון דער פראָווינץ אַברוצען.

דער טרויעריק באַרימטער מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ האָט אין י. 1427 אויסגעפועלט ביי דער קעניגין אַ סקאַסירונג פון דער-דאָזיקער האַנדלס-פרייהייט און פון נאָך אַ ריי יידישע רעכט, אָבער אַ דאַנק דער השתדלות פונם פויפּסטלעכן לייב-דאָקטאָר, דעם ייד שלמה בן ווענטוראַ פון אַנאַני (Anagni), זענען די יידישע פרייהייטן באַלד דערויף צוריק אריין אין קראַפט.

אַ דאַנק די באַציונגען פון די ספרדים, וואָס האָבן ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י״ה איינגעוואַנדערט קיין איטאַליע, איז דער יידישער מסחר אַרויס פון די ענגע ראַמען, אין וועלכע ער איז פאַרשפאַרט געווען אין משך פון 15-טן י״ה, און ער האָט דורכגעמאַכט אַ תקופה פון אַן אויסערגעוויינלעכן אויפשוואונג.

דאָ איז אָבער נישט דער אָרט, אַז מיר זאָלן זיך ביים דאָזיקן אויפבלי אָפּשטעלן באריכות. מיר וועלן דאָס טאָן אויף די געהעריקע זייטן פון אונזער ווירטשאַפטס-געשיכטע, וואו עס וועט באַהאַנדלט ווערן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק אין משך פון 16-טן י״ה.

יידישע קרעדיט-געשעפטן אין איטאליע. § 101

דאָס יידישע קרעדיט-געשעפט איז אין איטאַליע אין משך פון גאַנצן 15-טן י״ה געשטאַנען אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל פון די מאַכט-אָרגאַנען און עס האָט נישט געטאָרט איבערטרעטן דעם גבול, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין ספעציעלע „קאָנדאָטאַס״. די איטאַליענער, צווישן וועלכע עס האָט זיך שוין אין פריען מיטלאַל-טער געהאַט אויסגעבילדעט אַ רירעווודיקער קלאַס באַנקירן, האָבן ווייניק וואָס געגומען אין אַכט די קירכלעכע צינז-פאַרבאָטן.

אַ דאַנק זייער איינגעפונדעוועטקייט און זייער אַמביציע, צו ווערן די פירנדיקע האַנדלס- און פינאַנץ-מענטשן פון דער גאָרער וועלט, האָבן די איטאַליענער פאַרשטאַנען צו קאָנצענטרירן אין זייערע הענט די סאַמע הכנסהדיקסטע געלט-אָפּעראַציעס.

דאָרט, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרויסע הלוואות פאַר מלוכות, פירשטן און בכלל מעכטיקע שררות, האָבן זיי נישט טאָלערירט קיין יידישע קאָנקורענץ. די יידן זענען פאַר די רייכע איטאַליענישע האַנדלס-רעפובליקן און שררות געקומען נאָר אויף אַזוי פיל אין באַטראַכט, אויף וויפל זיי האָבן געקאָנט דינען אַלס מיטל אויף צו באַפרידיקן די קרעדיט-באַדערפענישן פון די אָרעמע פאָלקס-שיכטן און צו באַפרייען די מאַסן פון דער עקספּלאָאַטאַציע מצד די קריסטלעכע וואוכערניקעס.

באַזונדערס בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין די הקדמות מיט וועלכע ס׳הויבן זיך אָן מאַנכע „קאָנדאָטאַס״ מיט יידישע באַנ-קירן אָדער אין די החלטות פון מאַגיסטראַטן און שררות צו פאַר-בעטן יידן, אַז זיי זאָלן אין די שטעט אָרגאַניזירן דעם קרעדיט פאַר די „קליינע מענטשן״. אַזוי, אַ שטייגער, נעמט אָן דער שטאָט-ראַט פון פלאָרענץ אין י. 1430 אַ באַשלוס, צו פאַרבעטן צו זיך די יידישע באַנקירן צוליב דעם, „וואָס די אָרעמע באַפעלקערונג אין פלאָרענץ ווערט שטאַרק אויסגעוואוכערט פון אָרטיקע (קריסטלעכע) וואוכערניקעס, וועלכע פאַרנעמען זיך פראָפעסיאָנעל מיט צינז-געשעפטן״.

דאָסזעלבע לייענען מיר אין אַ פלאָרענצער „קאָנדאָטאַ״ פון י. 1448: „אונזער (ד. ה. פונם מאַגיסטראַט) כוונה איז דורכאויס צו באַפרידיקן די באַדערפענישן און די נויטן פון די אָרעמעלייט און צוליב דעם ווילן מיר האַלטן אין דער שטאָט יידישע געלט-פאַרלייער,

וואָס זאָלן פון אונז דעסיגנירט ווערן אַלס עפנטלעכע באַנקירן (feneratores publici)". אין דעמזעלבן יאָר 1448 באַמיט זיך דער הערצאָג פון פ ע ר אַ ר אַ אַרויסצובאַקומען פונם פויפּסט אַ באַשטעטיקונג פון אַ „קאָנדאָטאַ", וועלכע ער האָט געשלאָסן מיט יידישע געלט-פאַרלייער און ער באַקומט די באַשטעטיקונג צוליב דעם, „וואָס די איינוואוינער פון יענע געגנטן וואָלטן געמוזט ליידן אַ גרויסן מאַטעריעלן שאָדן, ווען מען וואָלט זיי נישט דערלויבט צו לייען געלט ביי יידן".

אַזוי האָט אויף דער פראַגע פונם יידישן „וואוכער" געקוקט דער פויפּסט אַליין!

דריי יאָר שפּעטער לאָזן זיך הערן פונם פויפּסט ענלעכע דיבורים. ב אָ ר ס אָ, דער דוכּס פון פ ע ר אַ ר אַ לייגט אים דעמאָלט פאָר אַ פּריווילעגיע פאַר יידן און ער בעט אַ הסכּמה דערצו. צווישן אַנדערע פרייהייטן רעדט זיך אין דער פּריווילעגיע וועגן קאָנצעסיעס פאַר יידישע געלט-פאַרלייער. דער פויפּסט איז מסכּים, צו באַשטעטיקן די קאָנצעסיעס און ער באַמערקט, אַז ער טוט דאָס „באין אופן נישט כּדי אָפּצושוואַכן דעם קריסטלעכן גלויבן, נייערט צוליב דער נויט און דעם נוצן" פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג („non tamen in con temptum fidei catolicae sed pro necessitate et commoditate...")

די צילן און די ראַמען פונם יידישן קרעדיט-געשעפט אין איטאַליע ווערן אויך בולט פון פאָלגנדיקע פאַקטן, פאַראָרדענונגען און „קאָנדאָטאַ-באַשטימונגען:

בכדי צו האָבן אַ השגחה איבער דעם יידישן קרעדיט-געשעפט און צו קאָנען עס ווי געהעריק קאָנטראָלירן, האָבן די מאַכט-אָרגאַנען טאָלערירט בלויז אַזעלכע יידישע בענק, וואָס האָבן געהאַט אַ „קאָנדאָטאַ", דאָס הייסט אַן אָפּמאַך מיט דער שטאָט אָדער מיטן שטאָטהאַר און וואָס האָבן פאַר דעם אָפּמאַך געצאָלט אַ יערלעכע טאַקסע.

אין פלאָרענץ האָט, לויט אַ „קאָנדאָטאַ" פון י. 1491, די טאַקסע פון 4 יידישע באַנק-הייזער באַטראָפן 1.200 פלאָרינען אַ יאָר (לערך 6.000 דאָלאַר).

אין ס י ע נ א האָבן אין י. 1405 אייניקע יידישע באַנקירן געצאָלט יערלעך אַ טאַקסע פון 850 דוקאַטן. אין ב אָ ל אָ נ י ע האָט ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י"ה די טאַקסע פון צוויי

יידישע באַנק-הייזער באַטראָפן 370 גאָלד-סקודי (מער ווייניקער 2.000 דאָלאַר).

געוויינלעך פלעגן די מאַכט-אָרגאַנען שליסן אַ „קאָנדאָטאַ" מיט יידישע באַנקירן אויף עטלעכע יאָר, צום לענגסטן אויף 10 יאָר. נאָכן דאָזיקן טערמין האָט די קאָנצעסיע (וואָרים דאָס איז אין תוך געווען די „קאָנדאָטאַ") געמוזט באַנייט ווערן. דערביי האָבן די מאַכט-אָרגאַנען געהאַט אַ געלעגנהייט צו שטעלן נייע באַדינגונגען און צו באַשטימען נייע טאַקסעס.

אויף צו באַוואַכן און צו קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון יידישע בענק, צי זיי האַלטן-איין די באַדינגונגען פון דער „קאָנדאָטאַ", פלעגט די מאַכט דעסיגנירן ספּעציעלע באַאַמטע. אין פלאָרענץ הייסן זיי אין 15-טן י"ה „פּראָקוראָרן פונם באַנק-וועזן" (procuratores mutui) און זיי האָבן לויט די נאָמינאַציע-דעקרעטן אַן אויפטראָג אַכטונג צו געבן, אַז די טעטיקייט פון יידישע באַנקירן זאָל „ברענגען אַ נוצן סיי דער רעפּובליק, סיי דעם פאָלק" („reipublicae sitet populi commodum"). צוליב דעם געשילדערטן קאָנצעסיע- און קאָנטראָל-סיסטעם האָבן די יידישע בענק געטראָגן דעם כאַראַקטער פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

אַזוי ווערן זיי אויך אויפגעפּאַסט פון דער מאַכט, אין וועמענס רשות זיי זענען געשטאַנען. אַ ראַיה, אַז יידישע באַנקירן ווערן אין אָפיציעלע דאָקומענטן פון יענער צייט אָפט באַצייכנט אַלס „עפנטלעכע געלט-פאַרלייער", וואָס „זענען דעסיגנירט אויפן אַמטלעכן וועג". („feneratores publici, per viam deputati").

די באַנקירן פירן גענויע ביכער איבער זייערע געלט-געשעפטן און פאַרצייכענען דאָרט אַלע זייערע הלוואה-אָפּמאַכן: סיי די נעמען פון די בעלי-חובות, סיי די גרויס פון דער הלוואה, סיי דעם צאָל-טערמין און די דערהאַלטענע באַוועגלעכע משכנות.

עד-היום זענען פאַרבליבן צוויי אַזעלכע האַנדלס-ביכער פון די פלאָרענצער יידן-באַנקירן: איין בוך פון י. 1474/5, דאָס צווייטע פון י. 1475. איןביידע זענען די פאַרשרייבונגען אויף העברעיש.

דאָס, וואָס עס אינטערעסירט אונז אין די באַנקיר-קאָנצעסיעס צום מייסטן, זענען די באַשטימונגען וועגן דער צאָל דערלויבטע

בענק, וועגן דעם צינז־פוס און וועגן דעם מין דערלויבטע באַנק־געשעפטן. די באַשטימונגען אַנטפּלעקן אונז די טענדענצן פון דער קרעדיט־פּאָליטיק, וועלכע די שטאָט־ראַטן און שררות פּלעגן אָנווענדן לגבי דעם יידישן באַנקירן־שיכט.

קודם־כל איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז די צאָל קאָנצעסיאָנירטע באַנק־הייזער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו יידן, איז נישט געווען קיין איבעריקס גרויסע. אין אַזאַ מעכטיקער און בליענ־דיקער שטאָט, ווי פ ל אָ ר ע נ ץ, וואָס האָט אין 15־טן י״ה געציילט איבער 100.000 נפשות, פלעגט די שטאָטישע מאַכט באַוויליקן קאָנ־צעסיעס פאַר העכסטנס 4 יידישע באַנק־הייזער.

אין ו ע נ ע ד י ג האָבן אין י. 1400 עקזיסטירט סך־הכל 2 קאָנצעסיאָנירטע יידישע בענק. שפּעטער איז די צאָל עטוואָס געשטיגן, זי איז אָבער זעלטן ווען דערגאַנגען ביז אַ טוץ.

אין ב אָ ל אָ נ י ע זענען ביים סוף פון 15־טן י״ה געווען נישט מער, ווי צוויי יידישע בענק (פון Angelo de le Schole און פון אברהם דאַ פּיזאַ).

אין פ אַ ד ו ע איז, צוליב דער גרויסער צאָל סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין דער באַרימטער פּאַדוער אוניווערזיטעט, די צאָל יידישע בענק געווען אַ גרעסערע: אין י. 1432 האָבן דאָ עק־זיסטירט גאַנצע 7 יידישע באַנק־הייזער.

אין פ י ז אַ האָט במשך פון גאַנצן 15־טן י״ה עקזיסטירט בלויז איין יידיש באַנק־הויז, אָבער, דאָס גרעסטע פון אַלע יידישע בענק אין איטאַליע. געווען איז דאָס באַנק־הויז פון דער באַרימטער משפּחה דאַ פּיזאַ.

נישט מער, ווי איין יידיש באַנק־הויז באַגעגענען מיר אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן י״ה אין דער שטאָט ב אָ ס אַ נ אָ, וואָס האָט באַלאַנגט צו ווענעדיג.

פון ר ו י ם זענען אונז פאַרן 15־טן י״ה נישט באַוואוסט קיין פּרטים וועגן דער צאָל יידישע בענק, אָבער מען קאָן משער זיין, אַז זי איז נישט געווען קיין גרויסע. נאָך דער גרויסער ספרדישער עליה, ביים איבערברוך פון 15־טן און 16־טן י״ה, ווען די צאָל יידן אין רוים איז לויט דער ציילונג פון י. 1526/7 געשטיגן ביז 385 משפּחות, האָט די צאָל יידישע באַנקיר־משפּחות דערגרייכט ביז 30.

אזוי פיל יידישע באַנק-פירמעס וואָרן, אַגב, פאַרצייכנט אין אַ דאָקו-מענט פון י. 1536.

עס איז זיך שווער משער צו זיין, אַז די קליינע צאָל קאָנ-צעסיאָנירטע יידישע בענק זאָל שטאַמען פון אַזעלכע סיבות, ווי געלט-מאַנגל אָדער אַ קנאַפּע געניטקייט פון די יידן אין באַנקיר-געשעפטן.

דעם מאַנגל פון געהעריק גרויסע באַטריבס-קאַפּיטאַלן פלעגן די איטאַליענישע יידן, — ווי מיר ווילן ווענן דעם נאָך שפּעטער באריכות רעדן, — באַזייטיקן דורך צונעמען שותּפים. אַגב, איז ביי די יידישע באַנקירן פון קדמונים אָן געווען איינגעפירט די פּראַקטיק, צו אָפּערירן מיט אַנטליענע קאַפּיטאַלן אָדער מיט דעפּאָזיטן-געלטער פון קרובים, באַקאַנטע, כּלות, יתומים וכדומה. געלט-מאַנגל האָט, אַלזוי, נישט געקאָנט זיין קיין שטער.

וואָס שייך, ווידער, די געניטקייט אין געלט-ענינים, זענען די איטאַליענישע יידן אינם דאָזיקן פּרט זיכער נישט געווען הינטער-שטעליג אין פאַרגלייך מיט זייערע ברידער אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך. אַגב, איז אויך צו נעמען אין אַכט, אַז עס איז אין משך פון 15-טן י״ה געגאַנגען קיין איטאַליע אַ כּסדרדיקע עליה פון דייטשע און פראָוואַנסער יידן, וועלכע האָבן פון זייערע היימען מיט-געפירט מיט זיך גרויסע דערפאַרונגען און קוואַליפיקאַציעס אין געלט-געשעפטן.

בלייבט, אַלזוי, אַז די ווי׳כטיקסטע, אויב נישט איינציקע מניעה, וואָס האָט גורם געווען צו דער קליינער צאָל יידישע באַנק-פירמעס אין איטאַליע, איז געווען אַ צילבאַוואוסטע פּאָליטיק פון די מאַכט-אָרגאַנען, וואָס פלעגן אינם פּרט פון יידישע בענק דורכפירן אַ גע-העריקע סעלעקציע, רעכענענדיק זיך סיי מיטן אייגענעם נוצן (הויכע טאַקסעס פאַר קאָנצעסיעס!), סיי מיטן נוצן פון די קרעדיט-באַדערפ-טיקע (ביליקער קרעדיט!).

אַמבולטסטן אַנטפּלעקן זיך די טענדענצן פון די מאַכט-פאַק-טאָרן ביי דער רעגולירונג פונם יידישן צינז-פוס:

אין י. 1437, ווען עס זענען אין פלאָרענץ געעפנט גע-וואָרן די ערשטע קאָנצעסיאָנירטע באַנק-הייזער פון יידן, האָט דער צינז-פוס ביי קריסטלעכע וואוכערניקעס באַטראָפן פון 30 ביז 40%.

דאַקעגן זענען די יידישע באַנק-פירמעס, לויט די אָפּמאַכן מיטן שטאָט-ראַט, מחויב געווען אויסצולייען געלט אויף העכסטנס 20%.

ביי דער באַנייאונג פון דער „קאָנדאָטאַ" מיט די יידישע באַנק-הייזער אין י. 1471, האָט די פלאָרענצער רעגירונג געפּרואווט אראָפּצודריקן דעם צינז-פוס ביז 15%. די באַנקירן האָבן אָבער דער־קלערט, אַז „זיי קאָנען דערויף נישט איינגיין, מחמת זיי האָבן נישט אַזוי פיל געלט", און עס איז געבליבן, ווי פריער, ביי 20%.

באַזונדערס אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם יידישן צינז-פוס און וועגן די קאָנפליקטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אַרום דעמדאָזיקן ענין, ווערן אונז איבערגעגעבן פון פּאַדוע: די באַשטימונג פונעם יידישן צינז-פוס האָט דאָ באַלאַנגט צו דער ווענעציאַנער רעגירונג, מחמת פּאַדווע איז געווען אין רשות פון ווענעדיג.

די יידישע באַנק-הייזער אין פּאַדווע האָבן ב״ם אָנהויב פון 15-טן י״ה געהאַט אַ „קאָנדאָטאַ" אויף צו נעמען פון 20% ביז 25%. אין י. 1408 קומט דער שטאָט-ראַט צו דער איבערצייגונג, אַז דער פּראָצענט איז צו הויך און „אַז דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון דער באַפעלקערונג וועט אינגיכן אַריבערגיין אין יידישע הענט".

ס'ווערט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דער ווענעציאַנער רעגי־רונג, זי זאָל אַראָפּדריקן דעם צינז-פוס. ווענעדיג גייט דערויף נישט איין, אָבער פּאַדווע זעצט פאָר אירע באַמיונגען. נאָך גאַנצע 7 יאָר השתדלות דערגרייכט פּאַדווע סוף-כל-סוף אין י. 1415 אַ פּאַראָרדע־נונג פון ווענעדיג, וואָס באַשטימט די גרויס פונם יידישן צינז-פוס אויף 15% ביי קליינע הלוואות אונטער 25 לירעס און אויף 12% ביי גרויסע הלוואות.

דערויף ענטפערן די יידן, אַז זיי קאָנען ביי אַזאַ נידעריקן צינז-פוס נישט פירן קיין הלוואה-געשעפטן און זיי שליסן זייערע באַנק-הייזער.

אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ מהומה און די אָרעמע באַפעל־קערונג, סטודענטן, קליינע באַאַמטע, פויערים פון דער געגנט האָבן גענומען פּראָטעסטירן קעגן דער האַלטונג פונם פּאַדווער שטאָט-ראַט אַזוי לאַנג, ביז דער ווענעציאַנער סענאַט האָט צוריק דערלויבט די יידן צו נעמען, ווי פריער, פון 20% ביז 25%.

דאָסזעלבע געשעעניש האָט זיך איבערגעחזרט אין י. 1431, ווען עס האָט געהאַלטן ביים באַנייען די „קאָנדאָטאַס" אויף יידישע

באַנק-הייזער. ווידער האָט דער שטאָט-ראַט פאַרלאַנגט, אַז די יידישע באַנקירן זאָלן נעמען אַ קלענערן צינז-פוס און ווידער האָבן די באַנקירן פאַרשלאָסן די בענק.

דערדאָזיקער קאָנפליקט האָט געדויערט גאַנצע 10 חדשים און די גאַנצע צייט זענען די יידישע באַנק-פירמעס געווען פאַרמאַכט. סוף-כל-סוף האָט די שטאָט אונטערן דרוק פון דער באַפעלקערונג געמוזט נאָכגעבן, און די בענק האָבן צוריק גענומען אַרבעטן ביים אַלטן צינז-פוס.

נאָך אינטערעסאַנטער איז דער קאָנפליקט אין י. 1453: דער ווענעציאַנער סענאַט האָט דעמאָלט אונטער דער ווירקונג פון דער גלחים-אַגיטאַציע פאַראָרדנט צו ליקווידירן די יידישע בענק אין פּאַדווע. דערויף האָבן זיך די פּאַדוואַר באַנקירן באַזעצט אין די אַרומיקע דערפער און זיי האָבן ווייטער געטריבן זייערע געשעפטן, פאַרטייערנדיק דעם צינז-פוס ביז 40% און מער.

די ווירקונג דערפון איז געווען אַזעלכע, אַז דער סענאַט האָט די באַנקירן באַוויליקט צו טרייבן 3 טעג אין דער וואָך געלט-געשעפטן אין פּאַדווע גופא. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט דער סענאַט בכלל סקאַסירט זיין פריערדיקע פאַראָרדענונג און די יידן האָבן געמעגט אין דער שטאָט האַלטן בענק לויט די אַלטע באַדינגונגען, נעמענדיק 20%—25%.

ווי נוצלעך עס זענען געווען די יידישע באַנקירן פאַר דער באַפעלקערונג, באַווייזט דאָסביישפּיל פון דער ווענעציאַנער שטאָט ב ר ע ש ט ש י אַ (Brescia), וועגן וועלכער עס ווערט אונז איבער-געגעבן, אַז זי האָט זיך אין די יאָרן 1444 און 1458 משתדל געווען ביים פּויפּסט מכוח אַ הככם פאַר אַ „קאָנדאָטאַ" מיט יידישע באַנק-הייזער.

וואָס שייך די צינז-פאַרהעלטענישן אין דער ק י ר כ ע - מ ל ו כ ה, זענען זיי געווען דיזעלבע, וואָס אין אויבער-איטאַליע. אַזוי, אַ שטיי-גער, ווערט אונז מיטגעטיילט וועגן יידישע באַנק-הייזער אינם פּויפּסט-לעכן שטעטל צ ע ס ע נ אַ (Cesena), אַז זיי האָבן גענומען 20% יערלעך.

רעזומירנדיק די געבראַכטע פּרטים וועגן דער צינז-פּאָליטיק פון די איטאַליענישע מאַכט-פאַקטאָרן, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז זי האָט געהאַט פאָלגנדיקע טענדענצן: א) יידישע באַנק-הייזער האָבן גע-דאַרפט דינען דערציקרשט אויף צו באַפרידיקן די קרעדיט-באַדערפע-

נישן פון די ווייניק פאַרמעגלעכע שיכטן; ב) זיי זענען געצוואונגען געווען אויסצובאָרגן געלטער אויף אַ באַדייטנדיק קלענערן פּראָצענט, ווי עס האָבן דאָס געטאָן קריסטלעכע וואוכערניקעס; ג) הגם דער נאָר-מאַלער פּראָצענט (20—25), וועלכן עס פלעגן נעמען קאָנצעסיאָנירטע יידישע בענק, האָט אין אַלגעמיין נישט אַרויסגערופן קיין אומצו-פרידנקייט ביי די בעלי-חובות, האָבן זיך די מאַכט-פאַקטאָרן באַמיט, דעם צינז-פוס וואָס מער אַראָפּצודריקן (אַ ראיה — די פּאָרפּאַלן אין פּאַדווע!).

עס בלייבט אונז נאָך צו באַטראַכטן דעם מין געלט-געשעפטן, וועלכע ס'איז די יידן געווען דערלויבט צו טרייבן. לויט די „קאָנ-דאָטאַס", וואָס זענען באַוואוסט פון 15-טן י"ה, האָבן די יידן נישט געטאָרט באָרגן אויף קיין אומבאַוועגלעכע משכנות, נייערט אויס-שליסלעך אויף באַוועגלעכע.

יידישע באַנק-הייזער האָבן צוליב דעם פאַרגעשטעלט מיט זיך פּשוטע לאָמבאַרדן. פון באַוועגלעכע משכנות, וועלכע די יידן האָבן נישט געטאָרט אָננעמען, ווערן דורך די „קאָנדאָטאַס" דערמאָנט קירכע-זאַכן (res sacrae) און געוויסע רוי-שטאָפן. אין פלאָרענץ האָבן יידישע בענק געמעגט באָרגן אויף וואָל-שטאָפן בלויז דאַן, ווען דער באַטרעפנדיקער קריסטלעכער צעך האָט דערויף געגעבן זיין הסכמה.

§ 102 באַדייטנדיקע באַנק-פירמעס און זייער געשעפטס-פּראַקטיק.

די באַדייטנדסטע יידישע באַנקירן באַגעגענען מיר בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין די טאָסקאַנער שטעט: פּיזאַ, פלאָ-רענץ און סיענאַ. בעת דעם גאַנצן 15-טן י"ה געניסט דעם גרעסטן אָנזען אין דער יידישער באַנקיר-וועלט די פּיזאַנער באַנקיר-משפּחה „דאַ פּיזאַ". מיר באַגעגענען זיך מיטן דאָזיקן באַנק-הויז שוין ביים סאַמע אָנהויב פון 15-טן י"ה. עס שטייט דעמאָלט אונטער דער פירונג פון ר' יחיאל בן מתתיהו דאַ פּיזאַ, וואָס איז אין י. 1415 אויסגעקליבן געוואָרן דורך די טאָסקאַנער יידן אַלס דעלעגאַט צום ועד הקהילות אין באָלאָניע.

דעם שטאַרקסטן אויפבלי האָט די באַנק-פירמע דורכגעמאַכט אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה. ווען עס האָט מיט איר

אַנגעפירט אַן אייניקל פונם דערמאָנטן ר׳ יחיאל בן מתתיהו, דאָס הייסט דער אין העברעישע קוועלן פון יענער צייט אָפט דער־מאָנטער „שר בישראל״ ר׳ יחיאל דאַ פּיזאַ, וואָס איז באַוואוסט פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָן יצחק אַברבנאל.

ר׳ יחיאל האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אויסלענדישע האַנדלס־נסיעות און ער האָט באַוויזן אויפצוקלייבן אַזעלכע אוצרות, אַז ער האָט באַפעסטיקט דעם שם פון זיין פירמע אויף מער ווי אַ גאַנץ יאָרהונדערט.

נאָך זיין פטירה אין י. 1490 האָבן מיט דער פירמע אָנגעפירט זיינע זין: ר׳ יצחק און ר׳ שמואל (דער לעצטער איז געווען דער פאָטער פונם באַרימטן ר׳ יחיאל ניסים, ביי וועלכן ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן דער „משיח״ דוד ראובני).

אַ דאַנק די גרינטלעכע אויספאָרשונגען פון אומבערטאָ קאַסוטאָ זענען מיר צום אויספירלעכסטן אינפאָרמירט וועגן די יידישע באַנק־הייזער, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פלאָרענץ.

סך־הכל האָבן אין משך פון 15־טן י״ה געלעבט אין פלאָרענץ 9 יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט באַנק־געשעפטן. געווען זענען עס די משפחות: דאַ טיוואָלי, דאַ סאַן מיניאַטאָ, דאַ מאָנטאַלטשינאָ, דאַ פּערוגיאַ, דאַ פאַנאָ, דאַ קאַמערינאָ, דאַ טעראַטשינאַ, דאַ וואָלטעראַ און דאַ פּיזאַ. איינער פון די ערשטע יידישע באַנקירן אין פלאָרענץ, דאַטילאָ (יואב) דאַ טיוואָלי האָט אין י. 1444 געגרינדעט אַ באַנק־הויז מיט אַ קאַפּיטאַל פון 6000 פלאָרינען (לערך פון 35.000 ביז 40.000 דאָלאַר). ער אַליין האָט אַריינגעלייגט דערין 2.350 פלאָרינען, דעם רעשט האָבן אַריינגעטראָגן 3 שותּפים זיינע.

אברהם דאַ סאַן מיניאַטאָ האָט אין י. 1437 געגרינדעט זיין באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 4.000 פלאָרינען. מיט אַזאַ סכום האָט אויך אָפּערירט דער באַנקיר וויטאַליס דע מאָנטאַלטשינאָ, וואָס האָט אין י. 1450 באַקומען פון דער שטאָט אַ „קאָנדאָטאַ״ אויף צו האַלטן אַ באַנק.

קעגן דעמדאָזיקן וויטאַליס־חיים איז אַ צייט שפּעטער פאַרפירט געוואָרן דורך דער קאָנטראָל־מאַכט אַ פּראָצעס וועגן 22 הלוואות־געשעפטן, וועלכע ער זאָל האָבן געמאַכט „קעגן די פאָרשריפטן פון

דער „קאָנדאָטאַ" (contra formam statutorum) און ער איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ געלט־שטראָף אין דער גרויס פון 22.000 פלאָרינען.

וויטאַליס איז נעלם געוואָרן פון דער שטאָט, און ווען מען האָט גענומען איינמאָנען זיינע תביעות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן באַטראָפן סך־הכל 4.000 פלאָרינען און 890 סקודי, דאָס הייסט ווייניקער, ווי איין פערטל פון דער געלט־שטראָף.

די רייכסטע יידישע באַנקירן אין פלאָרענץ זענען געווען פון די משפחות דאַ וואָלטערראַ און דאַ פּיזאַ. די באַנק־פירמע דאַ וואָלטערראַ האָט עקזיסטירט אין פלאָרענץ לערך פון י. 1460 ביזן י. 1481. דער גרינדער פון דער פירמע איז געווען ר׳ משולם דאַ וואָלטערראַ (גערופן אין די פלאָרענצער אַקטן: באָנאַווענ־טורא ד׳מאַנועלע דאַ ווענטורא), פון וועלכן ס׳איז פאַרבליבן אַ באַרימטע רייזע־באַשרייבונג קיין א״י פון י. 1481.

לויט ווי ס׳דערציילט אונז ר׳ משולם אַליין, האָט זיין משפחה פאַרמאָגט אין דער צייט פון דער באַנק־גרינדונג אַ קאָלאָסאַל פאַרמעגן פון לערך 100.000 דוקאַטן, אַ חוץ הייזער און אַנדערע אומבאַוועג־לעכע גיטער. אין משך פון די 20 יאָר באַנקירעריי האָט זיך דאָס פאַרמעגן — לויט די ווערטער פונם באַנק־גרינדער — שטאַרק פאַר־קלענערט.

פון אַן אויפגעהיטער קאָרעספּאָנדענץ פון י. 1472 דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס באַנק־הויז דאַ ווענטוראַ איז געווען פּראָטעזשירט דורך די באַרימטע מעדיטשיס, וואָס זענען געווען די פירנדיקע משפחה אין פלאָרענץ. אין איינעם אַ בריוו צו לאָרענצאָ מעדיטשי באַצייכנט זיך אונזער ר׳ משולם אַלס זיינער אַן איבערגעגעבענער „דינער".

מיט די מעדיטשיס איז אויך געשטאַנען אין פּריוואַטשאַפטלעכע און געשעפטלעכע באַציונגען ר׳ שלמהס ברודער אליעזר (Lazare), ווי אויך דער פלאָרענצער ייד מאַנועלע דע קאַמע־רינאָ, אויך אַ באַנקיר.

ביים סוף פון 15־טן י״ה באַגעגענען מיר אין פלאָרענץ דריי אָפּשטאַמער פון דער רייכער באַנקיר־משפחה דאַ פּיזאַ: יצחק בן וויטאַל, שמעון בן וויטאַל און דניאל בן יצחק. די ערשטע צוויי האָבן אין י. 1491 באַקומען פון דער שטאָט אַ „קאָנדאָטאַ" אויף צו פירן באַנק־געשעפטן אין משך פון 10 יאָר.

לערך אין דערזעלבער צייט באַזעצט זיך אין פלאָרענץ דניאל דאַ פּיזאַ, אַ קוזין פונם באַרימטן יחיאל ניסים. דניאל האָט אָפּערירט נישט בלויז מיט אייגענע געלטער, נאָר אויך מיט די קאַפּיטאַלן פון זיין רייכן קוזין.

וועגן ר׳ יחיאל ניסים איז פאַראַן אַ ידיעה, אַז ער האָט געהאַט ביי דניאלן צו מאָנען אַ סומע פון 4.000 דוקאַטן. דניאל האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צום פּויפּסטלעכן הויף. אין י. 1524 איז אים אָנגעטרויט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ קהילה-סטאַטוט פאַר די רוימישע יידן. אַ ראַיה, אַז זיין אָנזען איז געווען גרויס נישט נאָר אין פלאָרענץ, נאָר אויך אין רוים.

אַ חוץ די באַנק-הייזער אין פּיזאַ און פלאָרענץ, האָבן אָפּשטאַמער און קרובים פון דער משפּחה דאַ פּיזאַ נאָך פאַרמאָגט בענק אין סיענאַ און אין דער קירכע-מלוכה.

אין סיענאַ באַגעגענען מיר ביים סוף פון 15-טן י״ה די באַנק-פירמע פון ר׳ ישמעאל דירעטי (מריאיטי), וואָס איז געווען אַ שוואָגער פונם שר יחיאל ניסים דאַ פּיזאַ. פּונקט ווי דניאל דאַ פּיזאַ, האָט אויך ר׳ ישמעאל ריעטי געהאַט אַ פרייען צוטריט צום פּויפּסט און ער פלעגט זיך אָפט משתדל זיין פאַר זיינע ברידער (אַ שטייגער, ווי ביים אָנהויב פון 16-טן י״ה בעת אַן עת-צרה פון די יידן אין דעם טאָסקאַנער שטעטל עמפּאָלי).

וואָס שייך די יידישע בענק אין דער קירכע-מלוכה, האָבן באַדייטנדיקע פירמעס עקזיסטירט — ווי ס'ווייזט אויס — בלויז אין איין איינציקער קירכע-שטאָט, דהיינו, אין דער בליענדיקער אוניווערזיטעטס-שטאָט באָלאָניע.

ביים סוף פון 15-טן י״ה באַגעגענען מיר דאָ צוויי גרויסע באַנק-הייזער פון יידן: איינס האָט באַלאַנגט צו ר׳ אברהם דאַ פּיזאַ, אַ קוזין פון ר׳ יחיאל ניסים, דאָס צווייטע צו אַ געוויסן אַנדזשעלאָ דעלע סקאָלע. לויט אַ שטייער-רשימה פונם אָנהויב פון 16-טן י״ה באַלאַנגען זיי צו די העכסט-באַשטייערטע יידן אין באָלאָניע און, אַפּנים, אויך צו די באַדייטנדסטע יידישע שטייערצאָלער אין דער קירכע-מלוכה. אויף אַ שטייער-סכום פון 2133 סקודי, וועלכן מען האָט דעמאָלט געמאָנט ביי אַלע באָלאָניער יידן, האָבן אונזערע צוויי באַנקירן אַליין געדאַרפט איינצאָלן 370 סקודי, וואָס דאָס באַטרעפט לערך איין פינפטל (18%) פונם גאַנצן שטייער-סכום.

אַרום דער העלפט פון 15.טן י״ה האָט געבליט אין באָלאָניע אַ גרויסע באַנק-פירמע פון אַ געוויסן ר' יצחק בן שמואל. די פירמע איז געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציונגען מיט דעם אונז שוין באַוואוסטן פלאָרענצער באַנקיר וויטאַליס דע מאָנטאַל-טשינאַ. ווען דער לעצטער האָט געמוזט נעלם ווערן פון פלאָרענץ צוליב דער גרויסער געלט-שטראָף, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, האָט ר' יצחק בן שמואל פאַרפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם באַרימטן קאָסמאַ מעדיטשי, אַז די שטראָף זאָל סקאַסירט ווערן.

פון דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ דרינגט אַרויס, אַז די מעדי-טשיס זענען געווען פּראָטעקטאָרן פון ר' יצחקס באַנק-הויז.

אין אַן אַנדערער שטאָט פון דער קירכע-מלוכה, אין אַנקאָנאַ, באַגעגענען מיר אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה אַ באַרימ-טע באַנקיר-משפחה פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אַריבערגעצויגן אַהער צוליב די באַוואוסטע געלט-שאַצונגען פון קיסר ווענצל. מיר מיינען די רייכע נירנבערגער משפחה ראַפּ, וואָס האָט ביים סוף פון 14-טן י״ה פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן די יידישע באַנקירן פון דער דייטשער מלוכה.

די אַלמנה יוטאַ ראַפּ, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער פּויפּסטלעכער שטאָט מיט צוויי אירע זין און אַ טאָכטער, מאַכט פון דאַנען אין י. 1409 כלערליי אָנשטרענגונגען, כדי אַרויסצובאַקומען פון נירנבערג שולד-בריוו אויף לערך 2.000 מאַרק אין גאָלד. אירע באַמיונגען בלייבן אָבער אָן דערפאָלג.

פון מיטל-איטאַליע, וואו עס האָבן געלעבט, ווי מיר זעען, די רייכסטע יידישע באַנקיר-משפחות, ווענדן מיר זיך קיין אויבער-איטאַליע.

מיר באַגעגענען דאָ בלויז געציילטע בענק מיט אַ גרעסערן פאַרנעם. צו אַזעלכע האָבן אין משך פון 15-טן י״ה באַלאַנגט די באַנקהייזער פון די ווענעציאַנער יידן ליפּמאַן און אשר משולם (אַ מחותן פון ר' יחיאל ניסים דאַ פּיזאַ), פון דעם דייטשן באַנקיר קלונימוס בן גרשון אשכנזי און דעם שפּייערער ייד שמעון, וואָס האָבן זיך אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה באַזעצט אין באַסאַנאַ, ווי אויך פון דעם ייד וויטא-חיים משולם אין פּאַדוע. זייערע קאַפּיטאַלן זענען געווען אָן אַ פאַר-

גלייך קלענער, ווי די פּאַרמעגנס פון אַזעלכע דאַ פּיזאַס אָדער דאַ וואָלטעראַס, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט אין מיטל-איטאַליע. אַגב, זענען אויך פאַראַן באַווייזן, אַז מאַנכע יידישע באַנק-פירמעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין ווענעדיג און פּאַדווע, האָבן אָפּעגרירט מיט געלטער פון דער באַנקיר-משפחה ד אַ פּ י ז אַ.

וועגן דער געשעפטס-פּראַקטיק פון די יידישע באַנק-הייזער אין איטאַליע זענען מיר שוואַך אינפאָרמירט. דאָס ביסל ידיעות, וואָס ווערן געבראַכט אין די באַטרעפנדיקע מאָנאָגראַפיעס, קלעקט אָבער, אַז מיר זאָלן קומען צו דעם אויספיר, אַז די באַנק-הייזער פון די איטאַליענישע יידן זענען אין אַלגעמיין אין דער באַהאַנדלטער תקופה נישט געווען קיין איבעריקס רייכע.

מיט דער אויסנאַם פון די צוויי דערמאָנטע באַנקיר-משפחות ד אַ פּ י ז אַ און ד אַ וו אָ ל ט ע ר אַ, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגנס באמת פירשטלעכע אוצרות, האָבן די איבעריקע באַנקיר-משפחות אָפּערירט מיט קאַפּיטאַלן פון אַ פּאָר טויזנט פלאָרינען.

אום צו קאָנען גרינדן אַ באַנק, פלעגן זיך אָפט צונויפקלייבן אייניקע באַנקיר-משפחות און אַריינלייגן אין געשעפט צו טויזנט אָדער צוויי טויזנט פלאָרינען, אָדער מען האָט געמוזט אָנקומען צו די גרויסע דאַ פּיזאַס און ביי זיי אַנטלייען דאָס געלט, וואָס עס האָט נאָך אויסגעפעלט צו דער באַנק-גרינדונג.

פון 4 יידישע באַנק-הייזער, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פלאָ-רענץ פאַר די יאָרן 1491—1501, האָט איין באַנק (די באַנק-פירמע ד אַ פּ אַ נ אָ) געציילט 6 שותּפים, אַ צווייטע (די פירמע ד אַ מ י נ י אַ ט אָ) — 3 שותּפים, די דריטע (דאַ פּיזאַ) — 2 שותּפים, אַזוי, אַז אָן שותּפים איז דאָ אין יענער צייט געווען בלויז איין יידישע באַנק (דאַ קאַמערינאָ).

כאַראַקטעריסטיש איז דערביי אַ שטעלע אין דער „קאָנדאָטאַ" פון דידאָזיקע בענק, אין וועלכער ס'רעדט זיך וועגן דעם, אַז די פירמעס האָבן דאָס רעכט צו פאַרגרעסערן זייער קאַפּיטאַל דורך צונעמען נאָך נייע „שותּפים".

די ערשטע יידישע באַנק-גרינדונג אין פלאָרענץ (1437) איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דעם, וואָס דער גרינדער אירער ר' א ב ר ה ם ד אַ מ י נ י אַ ט אָ האָט צוגענומען צו זיך 3 שותּפים (פון די משפחות ד אַ פּ ע ר ו ג י אַ, ד אַ ט אָ ס ק אַ נ ע ל אַ און ד אַ

טיוואָלי). בלויז אַ דאַנק אַזעלכע שותפות-געשעפטן האָבן די פּיר־מעס געקאָנט פּאַנאַנדערוויקלען אַ ברייטערע טעטיקייט.

די בענק האָבן די יידן געפירט מיט דער הילף פון אַ שטאַב בוכהאַלטערס און מעקלערס, „ministri et factores" — אַזוי ווערן זיי אָנגערופן אין דער פלאָרענצער „קאָנדאָטאַ" פון י. 1491. אין ווענדיג האָבן די יידן שוין אין אָנהויב פון 15-טן י"ה באַוויזן אַזוי גוט אַוועקצושטעלן די טעכנישע זייט פון זייערע בענק, אַז די mobili, דאָס הייסט די מיוחסים פון דער שטאָט האָבן לויטן יידישן מוסטער געגומען איינאָרדענען זייערע אייגענע געשעפטן.

אַ דאַנק זייער גוטער אָרגאַניזאַציע זענען די יידישע בענק געווען בכוח אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ מצד די „montes pietatis" דאָס הייסט די „פרומע בענק", וואָס זענען אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה געגרינדעט געוואָרן אין אַ ריי איטאַליענישע שטעט אויף צו באַזאָרגן די אָרעמע באַפעלקערונג מיט ביליקן קרעדיט.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

די פּאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן פון די איטאַליענישע ייִדן אין די מאָנאכן-קאָמפּאַניע קעגן די ייִדישע באַנקירן (15-טעס יאָרהונדערט)

§ 103 די פּאַרמעגנס-פאַרהעלטענישן.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן באריכות באַהאַנדלט די דיפערענצירונג פון די איטאַליענישע ייִדן אין 15-טן י״ה, וועט נישט שווער זיין צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן זייער מאַטעריעלער לאַגע בעת דערדאָזיקער תקופה.

אַ געוויסע אָריענטאַציע פאַרשאַפן אונז צוויי דאָקומענטן, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פאַר די יאָרן 1416 און 1524.

דעם ערשטן דאָקומענט האָבן מיר שוין ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט באַהאַנדלט.

דאָס זענען די תקנות פונם ועד-הקהילות אין באָלאָניע, לויט וועלכע די ייִדנשאַפט איז איינגעטיילט געוואָרן אין 4 שטייער-קלאַסן. דאָ שטרייכן מיר בלויז אונטער דעם פאַקט, אַז די ראשי-הקהילות האָבן אויסגעטיילט גאַנצע דריי קלאַסן בנוגע פאַרמעגנס ביז 1000 דוקאַטן, פאַררעכענענדיק אַלע ייִדן, וואָס האָבן פאַרמאָגט איבער 1000 דוקאַטן צו איין קלאַס, דהיינו, צום קלאַס פון גבירים.

די גרענעץ-ליניע פון 1000 דוקאַטן איז אויסערסט כאַראַקטעריסטיש! אין דערזעלבער צייט האָט מען אין די איטאַליענישע שטעט באַטראַכט פאַר אַ רייכן מענטש אַזעלכן, וואָס האָט פאַרמאָגט צום ווייניקסטן אַ קאַפּיטאַל פון 3000 דוקאַטן.

אויב די ראשי־הקהילות האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי 1000 דו־קאַטן, ווי ביי אַ גרענעץ, פון וועלכער עס הויבט זיך אָן דער גבירים־קלאַס, איז דאָס נאָר אַ באַווייז, אַז די פאַרמעגנס־סקאַלע איז ביי די יידן געווען אַ סך נידעריקער, ווי ביי די שכנים.

אין די יידישע קרייזן האָט מען פאַר אַ גביר געהאַלטן שוין אַזאַ ייד, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס 1000 דוקאַטן (לערך 5—6000 דאלאַר). יידן מיט פאַרמעגנס פון 100 ביז 1000 דוקאַטן האָבן לויט דיזעלבע תקנות באַלאַנגט צום מיטל־שטאַנד.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן די פּראָפּאָרציע צווישן ביידע קלאַסן און דעם אָרעמען שיכט, ביי וועלכן מען האָט געקאָנט געפינען אַ פאַרמעגן בלויז אונטער 100 דוקאַטן. אַ געוויסן שטיצפּונקט גיט אונז אינם דאָזיקן פּרט דער דאָקומענט פון י. 1524. עס ווערן אין אים אויסגערעכנט 60 יידישע משפחות־פאָרשטייער פון רוים, וואָס האָבן באַלאַנגט צום באַנקירן־ און גבירים־קלאַס, ווי אויך צום מיטל־שטאַנד, און וואָס זענען אַ דאַנק דעם געווען וואַל־בארעכטיקט צו די דעמאָלטיקע פיר קהילות אין רוים.

ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אין רוים האָבן צו יענער צייט געלעבט 385 יידישע משפחות (לויט דער אונז שוין באַוואוסטער פאָלקס־ציילונג פון י. 1526/7, וואָס איז סך־הכל מיט 2—3 יאָר יינגער פון דעם דערמאָנטן דאָקומענט!), לאָזט זיך משער זיין, אַז דער אָרעמער שיכט, וואָס איז באַשטאַנען דערעיקרשט פון האַנטווערקער, האָט אויסגעמאַכט מער, ווי 5/6־טל פון דער גאַנצער יידישער באַ־פעלקערונג, בעת דער גבירים־קלאַס און מיטל־שטאַנד האָט באַטראָפן קוים 1/6־טל.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אונזערע אויסרעכענונגען קאָנען דינען אַלס אילוסטראַציע בלויז פאַר די פאַרהעלטעניש אין די רוימישע קהילות. מען קאָן אָבער משער זיין, אַז אין אַנדערע קהילות איז די לאַגע געווען אַן ענלעכע.

נאָך אין יאָר 1536, ווען די צאָל יידישע משפחות אין רוים האָט שוין זיכער געהאַט איבערגעשטיגן 400, האָבן אין דער פּויפּסט־לעכער רעזידענץ געלעבט נישט מער, ווי 30 יידישע באַנקיר־משפחות, דהיינו, קוים עטלעכע פּראָצענט.

אַן ענלעך בילד זעען מיר אויך אין פלאָרענץ, וואו מיר האָבן אין משך פון 15־טן י"ה באַגעגנט אַ צאָל יידישע באַנקירן־משפחות,

וואָס איז געווען נישטיק אין פאַרגלייך מיט די צענדליקער יידישע משפחות (פון 20 ביז 60!), וועלכע האָבן געלעבט אין דער שטאָט. בקיצור: דער שיכט פון יידישע באַנקיר-משפחות איז אין איטאַליע אין אַלגע־מיין געווען זייער דין, און נישט איבעריק גרויס איז אויך געווען דער יידישער מיטל־שטאַנד.

וואָס שייך די גרויס פון די קאַפּיטאַלן, וואָס האָבן זיך קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון יידישע באַנקירן, האָבן מיר צווישן דער אָנזעעוודיקער צאָל יידישע קאַפּיטאַליסטן-משפחות, וועלכע האָבן אונז באַשעפטיקט אינם פאָריקן קאַפּיטל, באַגעגנט קוים צוויי משפחות (ד אַ פּ י ז אַ און ד אַ וואָ ל ט ע ר אַ) מיט באמת גרויסע פאַרמעגנס.

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי אָבער אין פאַרגלייך מיט אַזעלכע איטאַליענישע געלט־פירשטן פון יענער צייט, ווי די מ ע ד י ט ש י ס, וועלכע האָבן אַרום י. 1440 פאַרמאָגט אַ האַלבן מיליאָן פלאָרינען, אָדער דער באַנקיר Agostino Chigi, וואָס האָט אין י. 1520 איבערגע־לאָזט אַ פאַרמעגן פון 800.000 דוקאַטן און וואָס פלעגט האָבן אַ יאָר־לעכע הכנסה פון 70.000 דוקאַטן!

על־פּי־רוב האָבן יידישע „גבירים" פאַרמאָגט קאַפּיטאַלן פון 1000 ביז 3000 דוקאַטן און זיי האָבן זעלטן ווען דערגרייכט יענעם פאַר־מעגנס־מצב, וואָס האָט, לויט דער אונז שוין באַקאַנטער אויפפאַסונג פון די דעמאָלדיקע איטאַליענער, באַרעכטיקט די באַצייכענונג „רייך".

§ 104 די קאַמפּאַניע פון מאָנאַכן קעגן דעם יידישן קאַפּיטאַל און באַנק־הייזער.

אין משך פון גאַנצן 15־טן י"ה איז דאָס יידישע קאַפּיטאַל אין איטאַליע געווען אַ קעגנשטאַנד פון שאַרפע אָנגריפן מצד פאַרשיידענע מאָנאַכן־אָסקעטן, וואָס פלעגן אַרומפאָרן איבערן לאַנד מיט פייערדיקע דרשות און פּרעדיקן פאַרן וואויל פון די אָרעמע פאָלקס־שיכטן. די קאַמפּאַניע איז נישט געווען געווענדט ספּעציעל קעגן דעם יידישן באַנקיר־געשעפט, נאָר בכלל קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און קעגן דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער הערשאַפט פונם מאַמאָן.

„צי איז דען אַ חידוש, — פּרעדיקט איינער פון דידאָזיקע אַסקעטן, דער פראַנציסקאַנער מאָנאַך ב ע ר נ אַ ר ד י נ אָ פון ס י ע נ אַ, —

וואָס אָרעמעלייט זענען פאַרביטערט און דערצאָרנט?! ציטערנדיק פון קעלט, זעען זיי, ווי די גבירים באַדעקן מיט זייערע טייערע מלבושים די בלאָטע אין גאַס... בלאָטע ווערט באַדעקט, אָבער אָרעמעלייט האָבן נישט קיין באַקליידונג"...

צום לייכטסטן איז, פאַרשטייט זיך, געווען צו אַטאַקירן דעם יידישן גבירים-קלאַס. דאָס, וואָס מאַנכע קריסטן זענען רייך — מיינט דערזעלבער מאָנאַך — איז טאַקע שעדלעך, אָבער פיל גרעסער איז דער שאָדן, וואָס נעמט זיך פונם יידישן קאַפּיטאַל, „מחמת די עשירות, וואָס גייט דורכן דאָזיקן אומזיכערן קאַנאַל, ווירקט נישט אויפן מלוכה-אָרגאַניזם, ווי אַ נאַטירלעכע וואַרעמקייט און דערפרישונג, נייערט ווי סם, וואָס רופט אַרויס בלאָטערן..." „איבערצייגנדיק זיך, אַז זייערע אָנגריפן אויפן גייסטיקן פאַרמעגן פון קריסטן זענען צוועק-לאָז, האָבן זיך די יידן איצט גענומען צו דעם מאַטעריעלן פאַרמעגן פון קריסטן און זיי רויאינירן דאָס לאַנד דורך וואוכער..." עס שאַפט זיך אַ לאַגע, אַז „שקלאַפן, וואָס טאָרן נישט האָבן קיין אייגנטום", ווערן האַרן און „אונטערדריקן" די לעגאַלע האַרן — די קריסטן.

אַזוי האָט געפּרעדיקט אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה דער דערמאָנטער בערנאַרדינאָ פון סיענאַ. מיט ענלעכע דרשות פלעגן אין דערזעלבער צייט און אַרום דער מיט פון 15-טן י"ה אַרויסטרעטן די תלמידים זיינע: דזשיאַקאָמאָ און דער טרויעריק באַרימטער מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ. דער לעצטער איז אין זיינע העץ-רעדעס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאָרגעלייגט צו בויען אַ ריזן-שיף און צו פאַרשיקן אַלע יידן פונם לאַנד ערגעץ-וואו אין די מרחקים...

אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה האָט זיך געמאַכט אַ שם מיט זיין קאַמפּאַניע קעגן יידן דער מאָנאַך בערנאַרדינאָ דע פעלטרע.

ביז לערך דער העלפט פון 15-טן י"ה זענען די העץ-רעדעס פון די מאָנאַכן אַריבער כמעט אָן אַ ווירקונג. די שוץ-האַרן מיט די פּויפּסטן בראש האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פלאַמען קאָנען זיך פון די יידן לייכט אַריבערכאַפּן צו זיי אַליין און דעריבער האָבן זיי באַ-צייטנס געלאָשן די פאַרשפּרייטע פונקען.

אַזוי, אַ שטייגער, זענען אונז פון דערדאָזיקער צייט באַוואוסט נישט ווייניקער, ווי 5 שאַרפע בילס, וועלכע די פּויפּסטן מאַרטין V,

צווגען IV און ניקאָלאַי V האָבן אַרויסגעגעבן קעגן די וואַנדער־מאָנאַכן און זייערע אַנטי־יידישע העצרייען (אין די יאָרן 1422, 1429, 1435, 1442 און 1448).

פאַרשאַרפט האָט זיך די לאַגע ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י"ה. אין י. 1458 רופט אַרויס אַ מאָנאַך (פון דער משפחה וויסקאָנטי) אַנטי־יידישע עקסצעסן אין פלאָרענץ. אונטער דער ווירקונג פון די דרשות, מיט וועלכע ס'איז אַרומגעפאָרן דער מאָנאַך בערנאַרדינאָ דע פעלטרע, ווערן די יידן אין דעם יאָרצענדליק 1463—1473 פאַרטריבן פון די שטעט ברעשטשיאַ, וויצענצאַ, בערגאַמאָ און טרעוויזאָ און אויסגעפּלינדערט אין באַרי (1463), צום צווייטן מאָל אין פלאָרענץ (1471), ווי אויך אין פיזאַ, וואו ס'איז אלס קרבן פון די עקסצעסן געפאַלן דאָס באַרימטע באַנק־הויז פון ר' יחיאל דאַ פּיזאַ (אַרום 1471). באַזונדערס אָנגעשטרענגט זענען געוואָרן די פאַרהעלטענישן אין די יאָרן 1475—1480, ווען עס האָבן זיך איבער אויבער־איטאַליע פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם מוראדיקן עלילת־דם־פּראָצעס אין טריענט, וואָס איז, — ווי שוין באַוואוסט, — אינסצעניזירט געוואָרן דורך דעמזעלבן וואַנדער־מאָנאַך בערנאַרדינאָ דע פעלטרע.

פון דידאָזיקע 5 יאָר זענען פאַרבליבן פאָלגנדיקע ידיעות וועגן רדיפות אויף אויבער־איטאַליענישע יידן: אין י. 1475 עקסצעסן אין ברעשטשיאַ, פּריאַול און פּאַדווע, ווי אויך אין באַסאַנאָ, וואו עס ווערן אונטערגענומען שריט אויף אויסצופּועלן אַ גירוש־פאַראָרדנונג; אין י. 1476 הויבן זיך אָן עלילת־דם־פּראָצעסן און עקסצעסן אין רעדזשיאָ (Reggio) און מילאַנאָ. אין י. 1477 — נייע עקסצעסן אין ברעשטשיאַ. אין י. 1480 — עלילת־דם־פּראָצעס אין ווענעדיג, וואָס ענדיקט זיך מיט פאַרברענען דריי יידן.

אין מילאַנאָ האָט דער הערצאָג גאַלעאַצאָ מאַריאַ אויס־גענוצט דעם עלילת־דם־פּראָצעס פאַר אַ גראַנדיעזער געלט־אויספּרעסונג: ער האָט געלאָזט אַלע יידן פון דעם הערצאָגטום איינזעצן אין תפיסה און האָט זיי ערשט דאַן באַפרייט, ווען זיי האָבן אים אויסגעצאָלט „אויסלייז־געלטער" אין דער הויך פון 22.000 גילדן.

אַנדערש האָט זיך באַצויגן צו די אומרוען דער פּאָרזיכטיקער און קלוגער סענאַט אין ווענעדיג. פאַרשטייענדיק דעם אמתן הינטער־גרונט פון די עקסצעסן, האָט ער אָנגענומען מיטלען, צו דערשטיקן

זיי וואָס גיכער, כּדי זיי זאָלן זיך נישט קאָנען צעוואַקסן אין אַ פאָלקס-אויפשטאַנד קעגן דעם רעזשים פון דער ווענעציאַנער פּלוטאָ-קראַטיע.

ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן אומרוען אין פ ר י אַ ו ל און פּ אַ ד וו ע, פאָראָרדנט דער ווענעציאַנער דאָזשע אַ פאַרשטאַרקטע שמירה פאַר די יידן און ער דערלאָזט נישט צו קיין פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, בעת וועלכע וואַנדער-מאָנאַכן פלעגן האַלטן זייערע העצערישע דרשות.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז די האַלטונג פון דער ווענעציאַנער מאַכט לגבי די פאַסירונגען אין ב ר ע ש ט ש י אַ: בכדי צו מאַכן אַ סוף צו די העצעס, פאַרטרייבט זי פון דער שטאָט דעם הויפּט-אַגיטאַ-טאָר, אַ געוויסן מ אָ נ אַ ך מ י כ אַ ע ל. ווען די באַוועגונג האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין ווענעדיג גופא, האָט דער סענאַט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו אָפּפערן דריי יידן און אַזוי אַרום צו באַרויקן די צערייצטע געמיטער פון די מאַסן.

אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פון זיין ווירקן האָט בערנארדינאָ דאַ פעלטרע באַוויזן דורכצוזעצן, אַז מען זאָל די יידן פאַרטרייבן פון פ ע ר ו ג י אַ (1485), Gubbio (1486), ר אַ וו ע נ אַ (1491) און ק אַ מ פּ אַ ס. פּ י ע ט ר אָ (1492).

ווען ער האָט אין י. 1488 געגומען העצן אין פלאָרענץ, איז מיט אים דאָסזעלבע געשען, וואָס מיט דעם מאָנאַך מיכאַעל אין ברעשטשיאַ: די מאַכט האָט אים, נישט געקוקט אויף זיין שם ביי די מאַסן, אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט.

נאָכן טויט פונם דאָזיקן יידנשאַפּטלעכן מאָנאַך (1494), איז די לאַגע געוואָרן אַ סך רואיקער.

וועגן דער געשילדערטער „אַרעמעלייט"-באַוועגונג, מיט וועלכער ס'האָבן אָנגעפירט די מאָנאַכן, זענען אונז פאַרבליבן פאָלגנדיקע צוויי קורצע באַריכטן פון ר' י ו ס ף ק י ל ו ן:

אין די 70-קער יאָרן, ווען די לאַגע איז אין אויבער-איטאַליע געווען באַזונדערס שווער, שרייבט ער אַזעלכע ווערטער: „איבער אונזערע גרויסע זינד האָט זיך אויף אונז שווער געלייגט די האַנט פון די מאָנאַכן — די פּרעדיקער און דאָס ג ע ל ט - ג ע ש ע פ ט קאָן א ו נ ז נ אָ ך ק אָ ס ט ן ל ע ב ן א ו ן פ אַ ר מ ע ג ן. דאָס איז פאַר אונז דערהויפּט געפערלעך איין מאָל אין יאָר" (מסתמא אום פּאַסכאַ).

מיט לערך 20 יאָר שפּעטער, ווען די לאַגע איז געוואָרן רואיקער, גיט ער איבער: „פאַר 30 יאָר אָדער ווייניקער, איז נישט געוועזן די קנאה און דאָס רעדן קעגן פּראָצענט, ביז עס זענען געקומען אין אַ גרויסער צאָל די פּרעדיקער. זיי זענען אַ רוט אויף אונז און וואָלטן אונז ביי יעדער געלעגנהייט פאַרטיליקט. זייערע העצרייען האָבן אָפט פאַרשאַפט סכנות, סיי פאַר אונזער לעבן, סיי פאַר אונזער האָב. ווען נישט גאָט זאָל זיין מיט אונז, וואָלטן זיי אונז לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען. נאָר דאַנקען גאָט, דער שרעק איז פאַרביי".

קאפיטל זעקס און דרייסיק

דערווירטשאפטלעכער מצב פון די יידן אינם איינוואנדערונגס־לאנד אונגארן
(1526 — 1350)

§ 105 יידישע ישובים, זייערע פארהעלטענישן און סטאטיסטיק.

זינט דעם „שווארצן טויט" זענען אריבער לערך 20 יאר, ביז עס האבן זיך גענומען שפינען די ערשטע פעדעם פון יידיש לעבן אין דעם פרוכטבארן און רייכן לאנד פון די אונגארישע קעניגן. פון די יידישע ישובים, וואס האבן געבליט ביז צו דער „שווארצער מגיפה", זענען אין דער אומגליקס־צייט געבליבן הורבות: די יידן זענען פארטריבן געווארן פון א טייל ערטער, פון אנדערע זענען זיי אליין אוועק, בכדי אויסצומיידן פאגראמען.

מיט א צייט שפעטער, ווען די אויסוואנדערער האבן זיך אומגעקערט אין זייערע אלטע ישובים, האט פון זיי דער אונגארישער קעניג לודוויג פארלאנגט, אז זיי זאלן זיך שמדן, און עס איז געקומען צו א נייער מאסן־אויסוואנדערונג (1360).

ערשט אין די 70־קער יארן פון 14־טן י"ה גיט זיך די יידן איין צוריק אויפצובויען די חרוב־געווארענע קהילות און צו שאפן נייע ישובים. סך־הכל ווערן ביים סוף פון 14־טן און אין משך פון 15־טן י"ה דערמאנט פאלגנדיקע יידישע ישובים אין אונגארן: פרעסבורג (1371), עדענבורג־שאפראן (1374), בודא־אפען (1381), טירנאו (1381), שטולווייסענבורג (1381), קיש־מארטאן (1383), קעשעג (1393), פעסט (1406), גראן (1415),

פּאַטאַק, קאַשאַו, נאַגישאָמבאַט און פּעזינג (די לעצטע 4 ווערן דערמאָנט אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 15-טן און ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה.

צווישן די יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די אויסגערעכנטע 13 שטעט און שטעטלעך באַגעגענען מיר אייגוואַנדערער פון עסט-רייך (דערעיקרשט פון ווינער-ניישטאָט, ווין, מאַרכעג, ברוק וכדומה), פון מערן און בעמען (ווי, אַ שטייגער, פון קרעמזיער, עגער וכדומה), פון דרום-דייטשלאַנד (נירנבערג), פון רייסן (האַליטש) און פון איטאַליע (אַ ראיה—דער ייד דוד איטאַליענער, David Italus, וועלכן מיר באַגעגענען אין אָנהויב פון 16-טן י"ה אין בודא-אָפען).

פון די דערמאָנטע קהילות האָבן די גרעסטע געבליט אין עדינבורג-שאָפּראָן, פּרעסבורג און בודא-אָפען. מיר האָבן וועגן זיי אַ ביסל סטאַטיסטישע ידיעות, וועלכע מיר ברענגען דאָ ווייטער.

אין עדינבורג-שאָפּראָן האָבן די יידן לכתחילה געמעגט האָבן נישט מער ווי 4 הייזער, פּאַקטיש האָבן זיי אָבער געוואוינט אין י. 1379 אין 10 הייזער, אין י. 1441 — אין 16 הייזער און אין די יאָרן 1522—1526, דהיינו, קורץ פאַר דער פאַרטרייבונג—אין גאַנצע 16 הייזער.

לויט אַ קוועלן-ידיעה פון יאָר 1522 האָט מען דעמאָלט די צאָל יידן אין שאָפּראָן געשאַצט אין 400 נפשות, אַזוי, אַז עס פאַלן אויס לערך 25 נפשות אויף איין יידיש הויז.

אין פּרעסבורג ווערט פאַרן י. 1434 מיטגעטיילט אַ צאָל 12 יידישע הייזער, און פאַרן י. 1526 — סך-הכל מיט איין הויז מער.

לויט דערהאַלטענע רשימות האָבן געלעבט אין פּרעסבורג אין י. 1434 סך-הכל 29 יידישע שטייער-משפּחות, אין י. 1439 — 30. סיי די צאָל שטייער-משפּחות (רעכענענדיק אַרום און אַרום 10 נפשות אויף איין שטייער-משפּחה), סיי די צאָל הייזער (נעמענדיק אַלס באַ-רעכענונגס-יסוד די פּראָפּאָרציע פון עדינבורג: 1 הויז = 25 נפשות) לאָזן משער זיין, אַז די פּרעסבורגער קהילה האָט אין דער באַ-האַנדלטער צייט געציילט לערך פון 300 ביז 325 נפשות.

פאַר בודא-אָפען באַזיצן מיר אַ באַריכט פון י. 1476, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט, אַז אין אַ פעסטצוג לכבוד דעם קעניג

מאַטיאַס און זיין יונגער פרוי בעאטריקס, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אינם דאָזיקן יאָר. האָבן זיך באַטייליקט 224 אָפּענער יידן, דערוואַקסענע מענער און בחורים. דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דער גאַנצער מענלעכער באַשטאַנד (אַ חוץ יינגלעך) פון דער אָפּענער קהילה! מען קאָן, אַלזוי, משער זיין, אַז צוזאַמען מיט ווייבער און קינדער האָט די אָפּענער קהילה געציילט לערך פון 550 ביז 600 נפשות.

אַ געוויסן שטיצפּונקט אויף צו באַרעכענען די צאָל יידן אין די אַלע אונגאַרישע קהילות גיבן אונז פאָלגנדיקע שטייער-סכומים פונם אָנהויב 16-טן י״ה: די יידן פון גאַנץ אונגאַרן האָבן דעמאָלט געצאָלט דעם קעניג אַ יאָרלעכן שטייער אין דער גרויס פון 1.200 גילדן, דערויף האָט די באַשטייערונג פון דער קהילה אין פּרעסבורג באַטראָפן 110 גילדן, פון דער קהילה אין עדינבורג-שאָפּראָן — 90 גילדן.

לויט די באַפעלקערונגס-ציפערן, וואָס זענען אונז באַוואוסט פאַר דידאָזיקע צוויי קהילות, פאַלט אויס אויף אַ קאָפּ אַ באַשטייערונג אין דער גרויס לערך פון 200—225 גילדן.

היות, ווי די גאַנצע באַשטייערונג האָט באַטראָפן, ווי שוין דערמאָנט, 1.200 גילדן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אין אונגאַרן האָבןביים אָנהויב פון 16-טן י״ה געלעבט לערך 1.200/200, 4.350=725 יידישע נפשות.

§ 106 יידן אַלס „קאַמער-קנעכט״ פון די קעניגן און „יידן-פּרעפעקטן״.

אַלס קאַמער-קנעכט פון די קעניגן האָבן זיך די אונגאַרישע יידן אין פּרינציפּ געמעגט באַזעצן בלויז אין קעניגלעכע שטעט און שטעטלעך. פאַקטיש באַגעגענען מיר זיי אויך אין פּריוואַטע שטעט, ווי, אַ שטייגער, אין דעם בישאָפלעכן שטעטל קישמאַרטאָן (1388).

אין אַזעלכע פאַלן האָבן אָבער די שררות פריער געמוזט אַרויסבאַקומען פונם קעניג אַ באַוויליקונג אויפצונעמען יידן אין זייערע גיטער. בכלל איז דער יידן-רעגאל אין אונגאַרן געווען בעת דעם גאַנצן מיטלאַלטער קאָנצענטרירט אין די הענט פון די קעניגן. צוליב

דעם איז דאָ דאָס יידישע שטייער-וועזן געווען אַ סך וויניקער קאָמפּליצירט, ווי אין מערב-אייראָפּע, בפּרט אין דייטשלאַנד, וואו עס האָבן אַ חוץ דעם קעניג געוועלטיקט איבערן יידישן הכנסה-קוואַל אָן אַ שיעור שררות און שטעט.

לויט די פאַרבליבענע קוועלן-ידיעות, פלעגן זיך די אונגאַרישע קעניגן באַנוגענען מיט אַ נאָרמאַלן צ י נ ז, וואָס פלעגט יעדעס יאָר אַריינגעטראָגן ווערן פון יעדער קהילה באַזונדער. ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה האָט דערדאָזיקער צינז פון אַלע אונגאַרישע קהילות צוזאַמען באַטראָפן, ווי שוין פריער דערמאָנט, 1.200 גילדן.

אַ חוץ דעם יאָרלעכן צינז האָבן די יידן נאָך געמוזט צאָלן „ק ר ו י נ ו נ ג ס - ג ע ל ט ע ר" אַלס צייכן פון אָנגעהעריקייט צו יעדן נייעם קעניג, וואָס האָט פאַרנומען דעם אונגאַרישן טראָן.

אין י. 1438 זענען די „קרוינונגס-געלטער" פון די אונגאַרישע יידן איינגעשאַצט געוואָרן דורכן ווינער הויף-ייד נחום אין 5000 גילדן: דערפון האָט איין ייד אַליין, אַ געוויסער „ק אָ פּ ל י ן (יעקב) פון עדינבורג-שאָפּראָן" געדאַרפט אַריינטראָגן 2000 גילדן.

וועגן א ו י ס ע ר ג ע וו י י נ ל ע כ ע שאַצונגען ווערט אונז פון דער באַהאַנדלטער תקופה איבערגעגעבן בלויז איין איינציק מאָל: אין י. 1405 האָבן די יידן געדאַרפט אַריינטראָגן, ווייזט אויס, אַלס „דריטן פעניג" — צוזאַמען 4000 רויטע גילדן און 500 קאַמער-גילדן". דערפון האָבן די עדינבורגער יידן אַליין געדאַרפט אַריינטראָגן 1000 רויטע גילדן.

זייער זעלטן האָבן די אונגאַרישע קעניגן אָפּעררירט מיט אַזעלכע עקספּלאָאַטאַציע-מעטאָדן, ווי א נ ו ל י ר ו נ ג ע ן פ ו ן י י ד י ש ע ת ב י ע ו ת. פון דער באַהאַנדלטער תקופה זענען אונז באַוואוסט בלויז צוויי אַזעלכע פאַלן: אין י. 1392 סקאַסירט דער קעניג תביעות פון פרעסבורגער יידן, און אין י. 1503 גייט אַרויס אַ קעניגלעכע פאַראָרדענונג וועגן אַנולירן אָנגעוואקסענע צינזן פון יידישע געלט-תביעות.

דער אופן, אויף וועלכן ס'פלעגן איינגעמאָנט ווערן די הכנסות פונם יידן-רעגאַל, ווערט אונז קלאָר ערשט ביים סוף פון 15-טן י"ה. ער איז דערזעלבער, וואָס אין דייטשלאַנד, אין דער צייט פון די „יידן-הויכמייסטער".

אין אונגאַרן ווערט דעמאָלט אַזאַ „הויכמייסטער", גערופן פּרע-פעקט" („Supremus hebreorum inregno" אָדער „prefectus indaeorum")，אויף דייטש: „אָבריסטער דער יידישהייט" („obrister der judischhait")．

זינט דעם יאָר 1481 פאַרנעמט די שטעלע פון אַ „פּרעפעקט" דער הויף-באַנקיר יעקב-מענדל פון פּרעסבורג. לויט די ידיעות, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן וועגן זיין טעטיקייט, איז ער באַ-רעכטיקט צו נאָמינירן רבנים, וואָס דאַרפן אים מיטהעלפןביים איינ-מאָנען די שטייערן.

אין איינעם אַ דאָקומענט פון יאָר 1520 ווערן אָנגערופן צוויי אַזעלכע נאָמינירטע „יידן-מייסטער" פון אָפען. אינטערעסאַנט איז דערביי, אַז זיי חתמענען דעם דאָקומענט אויף העברעיש אַלס „שמשים"...

ר' יעקב-מענדל שטייט אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן קעניג-לעכן שאַצמייסטער אָדער מיטן קעניג אַליין. באַקומענדיק פון זיי אָנצוהערן, וויפל ס'דאַרף באַטרעפן דער סכום יידן-שטייערן, שטעלט ער צונויף אַ פאַרטיילונגס-טאַבעלע און ער לאָזט זיך דאַן אַוועק איבער די שטעט און שטעטלעך, וואו ס'עקזיסטירן קהילות, בכדי אויפצומאָנען די „טאַקסע".

ר' יעקב-מענדל האָט געווירקט לערך ביזן יאָר 1524.

נאָך זיין פטירה גייט אַריבער דער פּרעפעקטן-אַמט צו דעם מקורב זיינעם, ר' ישראל מענדל (אין איינעם אַ דאָקומענט פון י. 1505 ווערט ער אויסדריקלעך באַצייכנט: Mendel (מקורב)، (Izrael familiaris), וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט סך-הכל 2 יאָר.

אין י. 1527 פאַרנעמט דעם אַמט אַ ברודער פונם פאַרשטאָר-בענעם יעקב-מענדל, דער הויף-ייד ר' יצחק, וואָס איז צוגלייך אויך געווען מינצמייסטער פון דער קעניגלעכער מינצערייי אין קאַשאַו (Kassa).

פאַרוויקלט אין פּאָליטישע קאַמפן, האָט ר' יצחק-מענדל, אַלס אָנהענגער פונם דורכגעפאַלענעם קרוין-פּרעטענדענט יאָאַן זאַפּאָליאַ, נאָך אינם זעלבן יאָר 1527 געמוזט נעלם ווערן פון אונגאַרן. ער איז מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן קיין פּוילן. די הייזער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין טירנאַו, האָט דער קעניג אַוועקגעשענקט דער שטאָט.

§ 107 דאָס ווירטשאַפטס-בילד.

אין פאַרגלייך מיט דער תקופה פאַרן יאָר 1350, איז דאָס ווירטשאַפטס-געביט פון די אונגאַרישע יידן בעת די לעצטע 150 יאָר פון מיטלאַלטער שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. יידן—הויכע פינאַנץ-באַאַמטע אָדער ערד-באַזיצער, ווי מיר פלעגן זיי נאָך באַגעגענען אין 13-טן י״ה, לאָזן זיך נישט מער אויפזוכן.

דעם איינציקן אויסנאַם בילדן די יידישע „פּרעפעקטן", וואָס באַווייזן זיך ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י״ה און וואָס צו זיי ווערט, אַ חוץ דער פאַרוואַלטונג מיט די יידן-שטייערן, טייל-מאָל אויך איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג מיט דער קעניגלעכער מינצערײַ. אָבער די פּרעפעקטן-מינצמייסטער קענען באין אופן נישט פאַרגליכן ווערן מיט די אַמאָליקע יידישע „קאַמער-גראַפן" פון 13-טן י״ה. זיי זענען בלויז אַ שוואַכער אָפּשיין פון דער אַמאָליקער הער-לעכקייט...

בדרך כלל זענען פאַר די „קאַמער-קנעכט" געווען אַלע עפנט-לעכע אַמטן פאַרשלאָסן און זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן אַ שטעלע אין דער מלוכהשער היעראַרכיע בלויז דעמאָלט, ווען זיי האָבן גע-ביטן דעם גלויבן.

פון דער באַהאַנדלטער תקופה זענען באַוואוסט עטלעכע אינטע-רעסאַנטע פאַלן, ווען אַ ייד איז נאָכן שמד דערגאַנגען צו גאָר הויכע כיבודים:

אין יאָר 1462 באַגעגענען מיר אין הויף פונם קעניג מ אַ ט י אַ ס אַ רייכן משומד מיט אַ קריסטלעכן נאָמען י אָ אַ ן ע ר נ ס ט ה אַ מ פּ אָ. אין י. 1474 איז ער געווען קעניגלעכער שאַצמייסטער, נאָכדעם ווי ער איז נאָך אין י. 1467 דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אַדלמאַן. אין י. 1470 איז ער שררה פון טאַראָטש (Tharocz). איינער פון זיינע זין, מיטן נאָמען ז י ג מ ו נ ד איז אין י. 1473 געוואָרן בישאָף אין פינפקירכען און איז שפּעטער אונטער קעניג וו ל אַ ד י ס ל אַ וו געווען שאַצמייסטער פון דער מלוכה. ער איז אין י. 1495 אָנגעקלאָגט געוואָרן וועגן מיסברויכן און מען האָט אים פאַרמשפּט צו אַן אומגעהויערער געלט-שטראָף אין דער הויך פון 400.000 דוקאַטן.

זייער אינטערעסאַנט איז אויך די קאַריערע פונם פוילישן ייד שלמה גליק, וואָס האָט זיךביים אָנהויב פון 16-טן י״ה דער־וואָרבן אַ שם אַלס טיכטיקער מינצמייסטער פונם בראַנדענבורג־אַנספּאַכער מאַרק-גראַף. אין י. 1521 ווערט ער דורכן מאַרק-גראַף, וואָס איז געווען דער אַפּוטרופּוס פונם אונגאַרישן קעניג, רעקאָמענ־דירט אויף צו פאַרבעסערן דאָס אונגאַרישע מינץ-וועזן. שלמה גליק טויפט זיך און באַקומט דעם נאָמען עמעריך שערענטשעס (Szerencses).

עס ווערט אים אָנגעטרויט די פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע פון אַ קעניגלעכן שאַצמייסטער און פון אַ פאַרוואַלטער מיט דעם גאַנצן צאָל-וועזן אין דער מלוכה. בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס שלמה גליק— עמעריך שערענטשעס איז געווען דער פאַקטישער פינאַנצמיניסטער פון לאַנד, האָט דער אונז שוין באַוואוסטער יידן-פּרעפעקט יצחק־מענדל געקאָנט דערגרייכן אַ שטעלע אַלס מינצמייסטער.

קעגן שערענטשעס איז אין י. 1525 פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָ־צעס, אַז צוליב אים זענען כלומרשט פאַרערגערט געוואָרן די מינצ־פאַרהעלטענישן אין דער מלוכה.

ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די באַשולדיקונג האָט נישט קיין גרונט, און שערענטשעס איז ווייטער געבליבן דער פאַרוואַלטער פונם מלוכהשן אוצר.

אין זיינע הענט איז אויך אַריבער די פאַרוואַלטונג מיט די מלוכהשע קופּער-גרובנס, וואָס זענען פריער אַרענדירט געוואָרן פון די באַרימטע פוגערס פון אויגסבורג.

שערענטשעס זין אַברהם, און דוד, זענען געבליבן יידן.

פון דיווירטשאַפטס-צווייגן, וואָס זענען אין דער באַהאַנדלטער צייט געווען צוגענגלעך פאַר יידן, קומען אין באַטראַכט בלויז צוויי: האַנדל און קרעדיט.

די האַנדלס-פרייהייט איז געווען פאַר די יידן פאַרגאַראַנטירט דורך דער באַרימטער פּריווילעגיע פון בעלאַ IV (1251) און זי איז אויך געבליבן חל אין 14-טן און 15-טן י״ה, ווי דאָס באַווייזן די באַשטעטיקונגען פון דער פּריווילעגיע אין די יאָרן 1396, 1422, 1436, 1453, 1458 און 1493.

ס׳רוב פלעגן אונגארישע יידן האנדלען מיט וויין, וואס איז, אגב, געווען א געזוכטער עקספארט-ארטיקל. אויסדריקלעכע באווייזן, אז דער וויינהאנדל האט פארנומען א באדייטנדיק ארט אין דעם יידישןווירטשאפטס-לעבן, קענען מיר געפינען אין די דאקומענטן פאר די יארן 1371 און 1421, אין וועלכע ס׳רעדט זיך וועגן יידישע וויינהענדלער פון פרעסבורג און בודא-אפען.

נישט האבנדיק מער קיין רעכט אויף צו באזיצן אייגענע וויין-גערטנער (דאסדאזיקע רעכט האבן זיי פאקטיש נאך פארמאגט אין 13-טן י״ה), פלעגן זיך די יידן באזארגן מיט וויין מיט דער הילף פון געלט-געשעפטן.

אינם דאזיקן פרט אנטפלעקן אונז אן אינטערעסאנטן שטריך אייניקע שולד-בריוו, וואס זענען אויפגעהיט געווארן פון די יארן 1458 — 1490. מיר ווערן, נעמלעך, פון זיי געוואר, אז יידן פלעגן זיך טיילמאל אויסדינגען ביי זייערע בעלי-חובות א צינז אין דער פארם פון וויין-ליפערונגען.

ביים אנהויב פון 16 י״ה ווערט אין אייניקע דאקומענטן דערמאנט, אז יידן פירן א ברייטן האנדל מיט שניט-סחורות און אז זיי באציען די סחורות פון בעמען. באזונדערס באקלאגט זיך דערויף די פרעסבורגער קריסטלעכע באפעלקערונג, וואס איז זיך אין די יארן 1526—1525 משתדל ביים קעניג, אז ער זאל די יידן פארווערן דעמדאזיקן האנדל.

א באזונדערן צווייג פון יידישן מסחר האט אין אונגארן, פונקט ווי אין דייטשלאנד און איטאליע, פארגעשטעלט מיט זיך דער האנדל מיט פארפאלענע משכנות. אויסדריקלעך ווערט ער דערמאנט אין א קוועלן-ידיעה פון י. 1421.

דער שווער-פונקט פון יידישן ווירטשאפטס-לעבן איז אין דער באהאנדלטער צייט געלעגן אינם געביט פון קרעדיט-אפעראציעס. ביים איבערברוך פון 14-ן און 15-טן י״ה האבן אין אונגארן אפערירט אלס געלט-פארלייער דאס רוב יידן פון עסטרייך. מען פלעגט זיך נאך געלט ווענדן צו די יידן פון וויין, וויענער-ניישטאט, האמבורג, ברוק וכדומה.

באזונדערס רירעווודיק איז דעמאלט געווען אין אונגארן

דאָס גרויסע יידישע באַנק-הויז פון דער ווינער גבירים-משפּחה ש ט יי ס.

נאָכן גירוש-עסטרייך פון יאָר 1421 האָבן זיך אַ סך פון די עסטרייכישע יידן באַזעצט אין אונגאַרן, אויסנוצנדיק זייערע אַלטע געשעפטס-פאַרבינדונגען מיט אונגארישע שררות און שטעט.

ביזן יאָר 1475 זענען נאָך געווען ברייטע מעגלעכקייטן פאַר יידישן באַנקיר-געשעפט. די יידן האָבן ביז צו יענער צייט גע-מעגט אויסלייען נישט בלויז אויף באַוועגלעכע משכּנות, נייערט אויך אויף אומבאַוועגלעכע גיטער.

דער צווייטער מין קרעדיט איז פאַר זיי געווען באַזונדערס וויכטיק, מחמת זיי האָבן געהאַט גענוגנדיקע פאַרזיכערונגען פאַר זייערע געלט-געשעפטן צווישן דעם אַדל. אַ זיכערן באַווייז, אַז יידן האָבן אָן שטערונגען געבאָרגט אויף היפּאָטעקן, געפינען מיר אין אַ דאָקומענט פון י. 1413, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז צו יידן איז געווען פאַרמשכּונט אַ דאָרף, וואָס מען האָט געהייסן Harky.

אין י. 1475 איז געמאַכט געוואָרן אַ סוף צום יידישן היפּאָ-טעקן-קרעדיט, מחמת קעניג מ אַ ט י אַ ס האָט אינם דאָזיקן יאָר אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז יידן טאָרן נישט אויף להבא אויס-לייען געלטער אויף אומבאַוועגלעכע משכּנות.

צוליב דעמדאָזיקן פאַרבאָט איז די קליענטעלע פון יידישע באַנקירן אין די ווייטערדיקע 50 יאָר באַשטאַנען דערעיקרשט פון שטאָטישע עלעמענטן, פון קרעמער און האַנטווערקער, און די יידישע לאַגע איז דאַדורך באַדייטנדיק פאַרערגערט געוואָרן.

§ 108 דער צוזאַמענברוך פונם אונגאַרישן יידנטום.

דער עקספּלאָדיר-שטאָף, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אין די שטעט קעגן די יידן, איז ביים סוף פון 15-טן י"ה געווען אַזוי גרויס, אַז איבער די קהילות האָט געשוועבט אַן ערנסטע סכּנה. אין י. 1494 ווערט אינסצעניזירט אַן עלילת-דם-פּראָצעס אין

ט י ר נ אַ ו. אין צווייַ יאָר אַרום קומט עס צו עקסצעסן קעגן יידן אין אָפען.

זייער אָנגעשטרענגט איז אויך געווען די לאַגע ביים אָנהויב פון 16־טן י״ה: אין י. 1506 וואַנדערט אויס אַ טייל פּרעסבורגער יידן צוליב אַ פּאָגראָם-שטימונג אין דער שטאָט און טראָגט זיך אַריבער אין די פּריוואַטע גיטער פונם פּעזינגער גראַף. אין י. 1516 איז זיך דער יידן-פּרעפעקט יעקב-מענדל משתדל ביים קעניג, מחמת דער פּרעסבורגער שטאָט-ראַט האָט אַרויסגעגעבן יידן-פייַנטלעכע פאַר-אָרדענונגען, וואָס זענען קעגן די באַשטימונגען פון די קעניגלעכע יידן-פּריווילעגיעס.

אין י. 1521 הויבן זיך אָן נייַע העצעס קעגן יידן אין פּרעס-בורג און שאָפּראָן-עדינבורג. מען האָט אָבער באַוויזן צו באַהערשן די סיטואַציע: די יידן זענען געווען אַ הכנסה-קוואַל, אויף וועלכן דער קעניג און די מאַגנאַטן זענען לגמרי נישט מסוגל געווען צו פאַרציכטן. האָבן זיי געשיצט „זייערע" יידן און געהאַלטן אין צוים די יידן-פייַנטלעכע באַוועגונג אין די שטעט.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז דעם יאָר 1526. אין דעמדאָזיקן יאָר ווערט די אונגאַרישע אַרמעע אין דער באַרימטער שלאַכט ביי מ אָ ה אַ ט ש אויף אַ מוראדיקן אופן צעקלאַפּט דורך די מחנות פונם טערקישן סולטאַן ס ו ל יי מ אַ ן און דער אויטאָריטעט פון דעם קע-ניגלעכן הויף און פון די מאַגנאַטן פאַלט איינגאַנצן אַראָפּ. די שטעט נוצן אויס די געלעגנהייט און פאַרשטאַרקן זייער אַקציע קעגן די יידן. עס ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידן האָבן געשטיצט די טערקן און עס קומט נאָך אין דעמזעלבן יאָר 1526 צו יידן-גירושים פון די גרויסע צוויי קהילות, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פּרעסבורג און שאָפּראָן-עדינבורג.

די מער פאַרמעגלעכע יידן זענען אַנטלאָפן קיין א יי ז נ-ש ט אַ ד ט.

אין דערזעלבער צייט האָבן די טערקן דעראָבערט די שטאָט אָפען און נאָך אַ ריי קלענערע שטעט און זאָלן האָבן איבער 2000 אונגאַרישע יידן אַוועקגעפירט מיט זיך קיין טערקייַ.

נאָך דער שלאַכט ביי מ אָ ה אַ ט ש איז פון די קרוב 4.500 יידן, וואָס האָבן דאָ געלעבט, געבליבן קוים איין פערטל אָדער נאָך

וויינ̈יקער. דאָס רעשטל האָט זיך נאָך אַ צייט אויפגעהאַלטן אין די שטעט פ ע ז י נ ג און ט י ר נ אַ ו און אין זייער סביבה.

זייער גורל איז שוין אָבער אויך געווען אַן אָנגעחתמעטער. אין די יאָרן 1528—1529 ווערט אין פעזינג אינסצעניזירט אַן עלילת-דם-פּראָצעס. 30 „שולדיקע" יידן ווערן פאַרברענט אויפן שייטערהויפן, דער רעשט ווערט פאַרטריבן פון דער שטאָט.

אין 10 יאָר אַרום פּאַסירט דאָסזעלבע אויך מיט די יידן אין ט י ר נ אַ ו: אַן עלילת-דם-פּראָצעס און אַ גירוש! דאָס קריסטלעכע אונגאַרן איז געבליבן אויף אַ לאַנגער צייט כמעט גאַר אָן יידן.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

די אַנטוויקלונג פונם ייִדישן עלעמענט
אין בעמען, מערן און שלעזיע.
(1500 — 1350)

§ 108 די פאַרשפּרייטונג פונם ייִדישן עלעמענט.

אויפן סמך פון דער געאָגראַפישער לאַגע פון בעמען, מערן און שלעזיע לאָזט זיך משער זיין, אַז די ייִדן-וואַנדערונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דידאָזיקע לענדער, איז אין דער באַהאַנדלטער תקופה געגאַנגען פון צוויי ריכטונגען: פון אַ מערבדיקער און אַ דרומ-דיקער.

די מערבדיקע כוואַליע האָט פאַרכאַפּט די ייִדישע עלעמענטן פון צפון- און מיטל-דייטשלאַנד, דערהויפּט פון די שכנותדיקע גע-ביטן: בראַנדענבורג, זאַקסן, טירינגען און פראַנ-קען. זי האָט געשטראָמט ענטוועדער דירעקט מיט דעם שליאַך איבער די גרענעץ-שטעט עגער און בריקס, אָדער אומדירעקט פון צפון-זייט איבער דער לאַוזיץ.

איר דירעקטע פאַרצווייגונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער בעמען, איר אומדירעקטע — טיילווייז אויך איבער שלעזיע.

די דרומדיקע כוואַליע איז באַשטאַנען ס׳רוב פון עסטרייכישע און בייערישע ייִדן און זי האָט געשפּייזט דערעיקרשט די ישובים פון מערן און שלעזיע. אַרום דער העלפט פון 14-טן י״ה איז זי שוין געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז די עסטרייכישע הערצאָגן האָבן אין י. 1360 געהאַלטן פאַר נויטיק צו שליסן מיטן בעמישן קעניג

אַן אָפּמאַך, אַז ער זאָל נישט אַרײַנלאָזן קײן בעמען און מערן די ייִדן פון עסטרײַך.

עס װײַזט אויס, אַז די אויסײַאַנדערונג פון די עסטרײַכישע ייִדן האָט זיך דעמאָלט געמוזט שטאַרק אָפּרופן אויף די הכנסות פון די הערצאָגן...

לאָמיר איצט זען, װי אַזוי די אײַנװאַנדערונג האָט געװירקט אויף דער אַנטװיקלונג פון די ייִדישע ישובים אין די באַהאַנדלטע געביטן. אַ װענדפּונקט בילדעט אינם דאָזיקן פּרט דאָס יאָר 1453, װען דאָס שלעזישע און מערישע ייִדנטום איז צעשטערט געװאָרן דורך דער פּאָגראָם-אַקציע פונם טרויעריק באַרימטן מאָנאַך ק אַ פּ י ס ט ר אַ נ אָ. ביז דעם י. 1453 שפּיגלט די אײַנװאַנדערונג דערעיקרשט די ישובים אין שלעזיע און מערן. זינט אָבער דער קאַטאַסטראָפע פון י. 1453 לאָזט זיך מערקן אַ באַדײַטנדיקער אויפֿשװוּנג אויפן בעמישן שטח. די פאָלגנדיקע צװײ טאַבעלן אילוסטרירן אונז גענױ בולט דעם איבערברוך.

װי ס׳װײַזן אונז די טאַבעלן *), װערן אין דער תקופה ביז דעם יאָר 1453 דערמאָנט סך-הכּל 50 ייִדישע ישובים אויפן בעמיש-מעריש-שלעזישן שטח. דערפון פאַלן אויס: פאַר שלעזיע און מערן 37, דאַקעגן פאַר בעמען — קוים 13.

אַנדערש זעט אויס דאָס בילד נאָך דער קאַטאַסטראָפע פונם שלעזיש-מערישן ייִדנטום אין י. 1453. אין דער תקופה 1454—1500 בליען אויף אין בעמען נײַע 15 ייִדישע ישובים, אַזױ, אַז צוזאַמען מיט די פריערדיקע דערגרײכט דאָ די צאָל ישובים ביז 28. דאַקעגן װערן אין דערזעלבער צײַט אויפן שלעזיש-מערישן שטח דערמאָנט סך-הכּל 10 ישובים, דערפון קוים 6 פון די פריערדיקע 37 און 4 נײַע (ע ל ס און די דרײַ מערישע קהילות: א ײַ ב ע ש י ץ, פּ אָ ה אָ ר ע ל י ץ און ס ט ר אַ ז נ י ץ).

אַזױ זעען אויס די פאַרהעלטענישן אין דער באַלײַכטונג פון די קװעלן, װאָס דערמאָנען אויסדריקלעך די אָדער יענע ייִדישע ישובים אויפן באַהאַנדלטן שטח. עס פאַרשטײט זיך, אַז די ציפערן, װעלכע מיר האָבן געבראַכט, האָבן נישט קײן אַ ב ס אָ ל ו ט ן

*) מיר האָבן זײ צונויפגעשטעלט לויט דער קװעלן-אויסגאַבע פון באָנדי-דװאָרסקי, װי אויך לויט די רשימות פון מ. בראַנם װערק װעגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין שלעזיע.

יידישע ישובים אין בעמען, מערן און שלעזיע (1350 — 1453) *)

ב ע מ ע ן	מ ע ר ן	ש ל ע ז י ע		
1. Bilin (1417)	1. Brünn (1380)	1. Breslau (1351)	13. Jauer 1372	25. Peiskretscham 1373
2. Brüx (1393)	2. Hradisch U. (ante 1454)	2. Brieg (1358)	14. Lähn ante 1362	26. Petschkau 1373
3. Budweis (1364)	3. Olmutz (1380)	3 Bunzlau (1370)	15. Landeshut 1370	27. Ratibor 1367
4. Eger (ante 1360) (1435)	4. Znaim (1380)	4. Cosel (1373)	16. Liegnitz 1383	28. Reichenbach 1370
5. Humpoletz 1385		5. Frankenstein (1441)	17. Lowenberg 1370	29. Schweidnitz 1357
6. Iglau (ante 1362)		6. Glatz (1351)	18. Munsterberg ante 1360	30. Śtriegau 1367
7. Klattau 1385		7. Glogau (1401	19. Namslau ante 1360	31. Teschen ante 1362
8. Kolin (1376)		8. Görlitz 1387	20. Neisse 1350	32. Trebnitz ante 1453
9. Melnik (1419)		9. Guhrau ante 1359	21. Neumarkt ante 1360	33. Troppau 1372.
10. Pilsen (1422)		10. Haynau 1370	22. Nimptsch 1367	
11. Prag (1357)		11. Hirschenberg (1370)	23. Ohlau 1358	
12. Rozenberg (1356)		12. Jagerndorf 1386	24. Oppeln 1396	
13. Śaaz (1418)				

*) די דאַטע אין קלאַמערן באַציט זיך אויפן דאָקומענט פון דער באַהאַנדלטער הקופה, וואָס דערמאָנט צום פריסטן דעם באַטרעפנדיקן ישוב.

טאַבעלע ב)

יידישע ישובים אין בעהמען, מעהרען און שלעזיען (1454 — 1500):

שלעזיע	מערן	בעמען	
זינט 1454 זענען דאָ יידן נאָכוויזבאַר בלויז אין פאָלגנדע ערטער:	אויסער אָרט פון די ישובים לויט טאַבעלע א) ווערן דערמאָנט פאָלגנדע נייע ישובים:	א חוץ די 13 ישובים לויט טאַבעלע א) ווערן אין די קוועלן דערמאָנט פאָלגנדע נייע ישובים:	
1. Frankenstejn (בין 1514)	1. Eibeschitz (1490)	14. Chlumce (1495)	22. Pardubice (1494)
2. Glogau	2. Pohorelice (1490)	15. Elbogen (1475)	23. Pisek (1497)
3. Glatz (בין 1484)	3. Straźnice (1490)	16. Falkenau a. Eger (1466)	24. Plan (1475)
4. Neisse (בין 1468)		17. Horovitz (1498)	25, Rochlitz (1453)
5. Oels		18. Janovice (1466)	26. Sezemice (1494)
6. Ratibor (בין 1510)		19. Jaromere (1497)	27. Strakonice (1497)
7. Troppau (בין 1500)		20. Kozle (1500)	28. Valvari (1497)
		21. Leitmeritz (1453)	

ווערט, נייערט אַ רעלאַטיוון, וואָרים עס קאָן געמאָלט זיין, אַז נישט אַלע ישובים ווערן דערמאָנט אין דעם דערהאַלטענעם קוועלן-מאַטעריאַל.

עס קאָן אָבער אויך געמאָלט זיין, אַז איין קהילה האָט לויט איר פּאַקטישער צאָל יידן טיילמאָל איבערגעשטיגן די צאָל יידן אין אַ צענדליק אַנדערע קהילות. נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, מוזן מיר פּאַר אונזער אַלגעמיינעם אויספיר וועגן די צוויי פּאַזעס אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון יידישע ישובים אויפן בעמיש-מעריש-שלעזישן שטח אויסגעפינען נאָך אַנדערע באַגרינדונגען, ווי די געבראַכטע צאָל יידן-ישובים, וואָס ווערן דערמאָנט אין די קוועלן. מיר ברענגען דאָ ווייטער דידאַזיקע דערגאַנצנדיקע ראיות.

וואָס שייך דער ערשטער פּאַזע (ביזן י. 1453), ברענגט אונז אַ פּאָר אינטערעסאַנטע ציפערן וועגן בעמישע און שלעזישע יידן די עפּטערס שוין ציטירטע איינשאַצונגס-רשימה, וואָס איז אינם י. 1453 צונויפגעשטעלט געוואָרן דורכן ווינער הויף-ייד נחום. מיר באַגעגענען דאָ אַזעלכע איינשאַצונגס-סכומים אין באַצוג צו יידן אין בעמען און שלעזיע:

בעמען און עגער-לאַנד	3.000+800	גילדן
ברעסלער און שווידניצער קרייז	3.000+2.000	"

דער פּאַרמעגנס-מצב און די צאָל בעמישע יידן זענען, אַלזוי, לויט נחומס איינשאַצונג געווען פּונקט אַזוי גרויס, ווי אין איין איינציקן שלעזישן קרייז, דהיינו, אינם ברעסלער!

אַ חוץ די צוויי שלעזישע קרייזן, וואָס ווערן אויסגערעכנט אין נחומס רשימה, האָבן אין י. 1438 עקזיסטירט יידישע ישובים אויך אין אַזעלכע שלעזישע קרייזן, ווי דער ל י ע ג נ י צ ע ר, ג ל אָ ג אַ ו ע ר, ר אַ ט י ב אָ ר ע ר, ט ע ש ע נ ע ר וכדומה.

מען קאָן, אַלזוי, משער זיין, אַז די צאָל יידן אין שלעזיע האָט דעמאָלט איבערגעשטיגן די צאָל בעמישע יידן ביז ד ר יי מאָל (רעכענענדיק, אַז נחומס איינשאַצונגס-ציפער 5000 באַלאַנגט צו אַ העלפט שלעזישע יידן). יעדנפאַלס, נחומס ציפערן באַווייזן, אַז דאָס בעמישע יידנטום איז אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י״ה גע-ווען שטאַרק הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיטן שלעזישן, און דאָס איז אויך דער עיקר-אויספיר, צו וועלכן מיר זענען פריער דער-

גאַנגעז אויפן סמך פון דער צאָל ישובים, וואָס ווערן דערמאָנט אין די קוועלן ביז דעם קאַטאַסטראָפאַלן יאָר 1453.

אין אַלגעמיין קאָן מען לויט נחומס ציפערן משער זיין, אַז דאָס יידנטום אויפן בעמיש-מעריש-שלעזישן שטח האָט צו יענער צייט געציילט עטלעכע טויזנט נפשות. פאַר אַ שאַצונג קאָן אונז דינען אַלס שטיצפּונקט דער סכום 5000 ג., וואָס פיגורירט אין נחומס רשימה פאַרן אונגארישן יידנטום. דאָס לעצטע האָבן מיר איינגעשאַצט לערך אין 4350 נפשות ביים אָנהויב פון 16-טן י. ה. אין נחומס צייטן האָט עס, ווארשיינלעך, געציילט נישט מער, ווי אַ 3000 נפשות.

אָנגעווענדנדיק די „אונגאַרישע" פּראָפּאָרציע (5000 גילדן אַנט-שפּרעכן לערך 3000 נפשות) צו נחומס ציפערן פאַרן בעמיש-שלע-זישן שטח, קאָנען מיר שאַצן די יידישע באַפעלקערונג אין ב ע-מ ע ן אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה לערך אין 2300 נפשות. אין ש ל ע ז י ע—פון 5000 ביז 6000 נפשות.

וואָס שייך די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די איינצלנע קהילות אויפן באַהאַנדלטן שטח, באַזיצן מיר אַ ביסל פּרטים בלויז אין די קהילות פון פּראָג, ברעסלע און ליעגניץ, וואָס זענען, אגב, געווען די גרעסטע פון אַלע יידישע ישובים אין בעמען-שלעזיע.

אין פּראָג זאָלן האָבן געלעבט אין די 80-קער יאָרן פון 14-טן י"ה איבער 3000 יידן.

אין אַ באַשרייבונג פונם מוראדיקן פּאָגראָם, וואָס איז אויס-געבראָכן אין פּראָג אין י. 1389, ווערט געזאָגט, אַז ביי אַ 3000 יידן זאָלן דעמאָלט האָבן פאַרלוירן זייער לעבן. די ציפער איז זי-כער אַן איבערגעטריבענע.

אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה האָבן אין פּראָג עקזיס-טירט 3 קהילות (לאַנדסמאַנשאַפטן?). אַ ראיה, אַז די צאָל פּראָגער יידן איז דעמאָלט צוריק געוואָרן אַ באַדייטנדיקע.

צוליב אַ מגפה, וואָס האָט געבושעוועט אין פּראָג אין י. 1473, איז די יידישע באַפעלקערונג אַזוי געזונקען, אַז די דערמאָנטע 3 קהילות האָבן זיך געמוזט פאַרייניקן אין איין קהילה.

ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה האָבן זיך לויט כראָניק-ידיעות

באַטייליקט אין אַ פייערלעכקייט לכבוד דעם בעמישן קעניג פון 600 ביז 1000 פראַגער יידן.

אַ סך גענויער ווערן מיר אינפאָרמירט וועגן דער קהילה אין ב ר ע ס ל ע. אין דעם יאָרצענדליק 1350—1360 האָבן אין אין ברעסלע — לויט אַ באַרעכענונג פון וו. ב ר אַ ן — געלעבט לערך פון 130 ביז 140 יידישע משפחות, דהיינו, פון 600 ביז 700 נפשות. אין די פאַרבליבענע שטייער-רשימות פון די יאָרן 1351 — 1356 ווערן דערמאָנט אין ברעסלע 65 יידישע שטייער-משפחות. ווי מיר האָבן דאָס שוין ביי אַנדערע געלעגנהייטן דערוויזן, האָט איין שטייער-משפחה געציילט לערך ביז 10 נפשות.

אַזוי-אַרום קומען מיר—לויט דער צאָל 65 שטייער-משפחות—צו דערזעלבער צאָל 650 נפשות, צו וועלכער עס איז דערגאַנגען וו. בראַן לויט דעם שליסל פון משפחות.

אין די יאָרן 1357 — 1358 האָט זיך די יידישע באַפעלקע-רונג אין ברעסלע פאַרקלענערט ביז לערך 40 שטייער-משפחות, דהיינו, ביז 400 נפשות. דער פּאָגראָם פון י. 1360 האָט אַ סוף גע-מאַכט צו דער ברעסלער קהילה און עס זענען אַריבער אַ סך יאָרן, ביז די יידן האָבן צוריק גענומען וואוינען אין ברעסלע.

לויט אַ ידיעה פונם קאַטאַסטראָפע-יאָר 1453, האָט דעמאָלט די צאָל יידישע הייזער אין ברעסלע באַטראָפן 16. מען קאָן, אַלזוי, משער זיין, אַז די קהילה האָט קורץ פאַר איר צעשטערונג גע-ציילט לערך 16 × 25, דהיינו, 400 נפשות.

אַזאַ צאָל יידן האָט אַרום דער העלפט פון 15-טן י״ה אויך געציילט די קהילה אין ל י ע ג נ י ץ. פונם אומגליקס-יאָר 1453 גע-פינען מיר ידיעות, אַז 318 יידן האָבן צוליב דער „שריפה״, וואָס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אין ליעגניץ, אויסגעוואַנדערט פון דער שטאָט און אַז אַ געוויסע צאָל יידן איז אומגעקומען אין די ברע-נענדיקע הייזער.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

דער יידישער רעגאַל אין בעמען, מערן און שלעזיע און זיין עקספּלאָאַטאַציע מצד די שוצהאַרן

(1500 — 1350)

§ 109 דאָס שוץ-פאַרהעלטעניש.

אין אַלגעמיין האָט עס זיך אין בעמען, מערן און שלעזיע געשטיצט אויף דעמזעלבן יסוד, וואָס אין דייטשלאַנד, דהיינו, אויפן יסוד פון קאַמער-קנעכטשאַפט. די קעניגן פון בעמען, צו וועלכע עס האָט אין אונזער תקופה באַלאַנגט דאָס מאַרק-גראַפטום מערן און דער גרעסטער טייל פון שלעזיע, האָבן באַוויזן אַ סך שטרענגער אַפּצוהיטן זייער רעכט אויף יידן אין בעמען און מערן, איידער אין שלעזיע, וואָס איז געווען צעשפּליטערט אויף אַ ריי הערצאָגטימער.

לויט דער באַרימטער Maiestas Carolina פון י. 1355, אין וועלכער דער קעניג האָט געגעבן דעם אַדל אַ ריי קאָנצעסיעס, האָט דער לעצטער אין אַלגעמיין אויך באַקומען דאָס רעכט צו „האַלטן יידן" אין זיינע פּריוואַטע גיטער, אָבער דער קעניג האָט גלייכצייטיק געמאַכט אַ באַוואָרעניש, אַז די הכנסות זיינע פונם יידן-רעגאַל טאָרן צוליב דער פּריווילעגיע פונם אַדל נישט ליידן קיין שאָדן, און די „פּריוואַטע" יידן זענען מחויב ווייטער צו צאָלן דעם נאָרמאַלן יידן-שטייער לטובת דעם קעניגלעכן אוצר.

די פּריווילעגיע פון י. 1355 איז געבליבן אויפן פּאַפּיר און יעדער שררה אָדער שטאָט, וואָס האָט געוואָלט „האַלטן יידן", האָט פּאַקטיש געמוזט אויספּועלן פאַר זיך אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונם קעניג.

לויט די ידיעות, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן, ווייזט אויס, אַז די קעניגן פֿלעגן אויפֿן בעמיש־מערישן שטח בלויז אין זעלטענע פֿאַלן אַרויסגעבן אַזעלכע באַוויליקונגען.

סך־הכּל זענען אונדז פֿון דער באַהאַנדלטער תּקופֿה באַוואוסט 4 פֿאַלן, ווען שררות האָבן באַוויזן אויסצופֿועלן ביים קעניג אַ דערלויבעניש אויף צו באַזעצן יידן אין זייערע מאַיאָנטקעס: אין י. 1356 דערלאַנגט דער קעניג אַזאַ רעכט די שררות פֿון ר אָ ז ע נ־ב ע ר ג; אין י. 1435 — די שררות פֿון פּ אַ ל ק ע נ ש ט ײ ן ביים עגער־טייך; אין י. 1466 — דעם שררה פֿונעם שטעטל י אַ נ אָ ו י ץ; אין י. 1475 — דעם שררה פֿון די שטעטלעך ע ל ב אָ ג ע ן און פּ ל אַ ן.

ווען עס האָבן זיך ביים סוף פֿון 15־טן י״ה אָנגעהויבן באַזעצן מערערע יידן אין פּריוואַטע גיטער, האָט דער קעניג װ ל אַ ד י ס ל אַ װ אין י. 1499 אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פֿאַראָרדענונג, אַז די יידן איז פֿאַרווערט אויפֿצוזוכן שררות אַלס שוץ־האַרן, „מחמת זיי שטייען אויסשליסלעך אין רשות פֿונעם קעניג און זיינע באַאַמטע״.

די שררות האָבן, לויט אַן אויסדריקלעכע פֿאַראָרדענונג פֿון י. 1393, נישט געטאָרט אויסאיבן קיין שום געריכטלעכע מאַכט איבער די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין זייערע מאַיאָנטקעס. אַן אויסנאַם פֿלעגט דער קעניג מאַכן פֿאַר מאַנכע שטעט, ווי, אַ שטייגער, פֿאַר דער שטאָט ע ג ע ר, וועלכער ער האָט אין י. 1379 באַוויליקט צו משפּטן יידן פֿון דער אָרטיקער קהילה.

אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע אין שלעזיע: ווען שלעזיע איז אַרום דער העלפֿט פֿון 14־טן י״ה אַריבער צו בעמען, האָבן דאָ די בעמישע קעניגן אָנגעטראָפֿן דעם יידן־רעגאַל אין אַ צעשפּליטערטן צושטאַנד, אַלס אייגנטום פֿון אַ גרויסער צאָל הערצאָגן, שררות און שטעט.

נישט וועלנדיק אָפּפֿערן קיין געלטער אויף אויסצוקויפֿן דעם רעגאַל, האָבן די קעניגן איבערגעלאָזט דעם status quo און זיי האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס די שררות און שטעט האָבן אָנערקענט זייערע רעכט אַלס איבערשטע שוץ־האַרן און גענומען אויף זיך דעם חוב, איבערצוגעבן אין זייער רשות אַ טייל פֿון די נאָרמאַלע יידן־שטייערן.

לויט ־ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס פון די אויפגעהיטע שטייער־רשימות, פלעגן שלעזישע שררות אָדער שטעט גלייך ביים אויפנעמען אַ יידן, באַשטימען אין דעם שוץ־אָפּמאַך אָדער „שוץ־בריוו״, וויפל דער ייד דאַרף אַריינטראָגן יאָרלעך לטובת דעם איבער־שוצהאַר — דעם קעניג און וויפל לטובת דער אָרטיקער שוץ־מאַכט.

דורכשניטלעך פלעגט דאָס שוץ־געלט פאַר דער אָרטיקער מאַכט באַטרעפן פון 3 ביז 6 מאָל אַזוי פיל, ווי פאַרן קעניג.

אַלס אַ כאַראַקטעריסט־שער שטריך דאַרף אויך אָנגעמערקט ווערן דער פאַקט, אַז מען פלעגט אין שלעזיע די שוץ־אָפּמאַכן שליסן אינדיווידועל מיט יעדער „שטייער־משפחה״ באַזונדער און אַז מען פלעגט דעם טערמין פונם שוץ־פאַרהעלטעניש באַשטימען אויף אַ באַגרענעצטער צייט, אום צו קאָנען העכערן דאָס שוץ־געלט ביים באַנייען דעם אָפּמאַך.

אין דער צווייטער העלפט פונם 14־טן י״ה פלעגן די מאַכט־פאַקטאָרן אויסשטעלן יידישע שוץ־בריוו אויף 2, 4, 5, 6 און העכסטנס 10 יאָר, אין 15־טן יאָרהונדערט—אויף 4, 6 און העכסטנס 12 יאָר.

§ 110 נאָרמאַלע שטייערן.

פאַרן שוץ האָבן די יידן אויפן באַהאַנדלטן שטח געצאָלט פאָלגנדיקע נאָרמאַלע שטייערן:

א) לטובת דעם בעמישן קעניג האָבן זיי געצאָלט:

1. אַ יאָרלעכן שטייער, גערופן „census annuus״ („צענז״): זיין הויך פלעגט אינדיווידועל באַשטימט ווערן פון יעדער יידישער „שוץ־משפחה״ באַזונדער.

אין שלעזיע פלעגן זיך מיטן אויסמעסטן און איינטרייבן דעם שטייער פאַרנעמען אָרטיקע מאַכט־פאַקטאָרן, דהיינו, שררות און שטאָט־ראַטן.

אין דעם יאָרצענדליק 1350—1360 האָט דער קעניגלעכער „צענז״ באַטראָפן אין ברעסלע ביז 8 מאַרק פון אַ „יידישער שטייער־משפחה״. אָרעמע יידן האָט מען אינגאַנצן באַפרייט פונם „צענז״.

אין בעמען און מערן האָבן זיך מיטן איינציען דעם „צענז״ פאַרנומען באַאַמטע פונם בעמישן שאַצמייסטער.

נישט זעלטן פלעגט דער שאַצמייסטער אָנשטעלן יידן אַלס שטייער-איינמאָנער אָדער ער פלעגט אַ יידישן פינאַנצמאַן בכלל אָנגעטרויען דאָס גאַנצע יידישע פינאַנץ-וועזן. װעגן איינעם אַזאַ יידישן פינאַנצמאַן, וואָס האָט איינגעמאָנט יידן-שטייערן פון גאַנץ בעמען, זענען אונז פאַרבליבן ידיעות פון י. 1388.

אין מעהרען האָט דער „צענז" אַרום דער העלפט פון 15-טן י"ה באַטראָפן סך-הכל 160 שאָק גראָשן, צו 40 שאָק פון יעדן פון די דריי מערישע קרייז-קהילות: ברין, אָלמיץ און זנאַים.

אין י. 1490 באַגעגענען מיר אַ מין יידן-פּרעפעקט, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן יידישן שטייער-וועזן אין בעמען און מערן. ער הייסט ר' מאיר און ווערט אין די אַקטן באַצייכנט אַלס „יידן-מייסטער". ס'ווייזט אויס, אַז מיר האָבן דאָ דיזעלבע דערשיינונג, וואָס אין דייטשלאַנד ביים אָנהויב פון 15-טן י"ה, ווען עס איז צוליב פיסקאַלישע צוועקן איינגעפירט געוואָרן דער אַמט פון די באַוואוסטע „יידן-הויכמייסטער".

2. דעם לייב-צאָל: אין יאָר 1383 האָט מען אים אין פראָג באַרעכנט לויט דער צאָל פערד, מיט וועלכע עס זענען געפאָרן אָדער געריטן יידן און מען האָט גענומען פון יעדן פערד צו 6 העלער. אויב מען האָט געפירט אַ נפטר, האָט מען געצאָלט פון יעדן פערד צו 1 גראָשן.

אַ חוץ די אָפּצאָלונגען 1 און 2 האָבן די יידן נאָך געמוזט דינען מיט:

3. ספּעציעלע לייסטונגען פאַרן קעניגלעכן הויף: אין דער צייט פון קעניג געאָרג פּאָדיעבראַד (1468) האָבן די פּראָגער יידן געמוזט אויסהאַלטן אַ לייבן-פּאָר פון דער קעניגלעכער מענאַזשעריע.

ב) לייסטונגען לטובת קעניגלעכע באַאַמטע:

פון י. 1461 איז אונז פאַרבליבן אַ ידיעה, אַז די יידן אין פּילזען זענען מחויב דעם אָרטיקן קעניגלעכן ריכטער צו געבן אַזעלכע „מתנות": אויף ווייַנאַכטן—איין פונט פעפער, אויף פּאַסכאַ—איין פונט פעפער און איין גילדן, אין טאָג פון „הייליקן מאַרטין"—צו איין פעטער גאַנז פון יעדער יידישער פלייש-באַנק.

ם שררות און שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַ רעכט צו „האַלטן יידן":

1. זיי האָבן גענומען פון יידן אַ יאָרלעכן „צענז“, וואָס האָט אין שלעזיע אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה באַטראָפן פון 3 ביז 6 מאָל אַזוי פיל, ווי דער קעניגלעכער צענז.

2. פּאַנשטשינע: אין פּריוואַטע מאַיאָנטקעס פון בעמיש-מערישע שררות האָבן יידן — פּונקט ווי פּויערים — געמוזט בחינם אויספירן אייניקע טעג אין יאָר פאַרשיידענע אַרבעטן אין פעלד אָדער אין די הויפישע מילן. אויסדריקלעך ווערט וועגן דעם דערמאָנט אין אַ לאַנד-בוך („אורבאר-בוך“) פון דעם גוט פּאַרדוביץ, וואָס איז פאַרבליבן פון יאָר 1494.

דער שווערפּונקט פונם יידישן שטייער-וועזן איז אָבער אין אונזער תקופה גיכער געלעגן אויף דער פלאַך פון אויסערגעוויינלעכע אָפּצאָלונגען און אויספּרעסונגען, איידער אויף דער פלאַך פון נאָרמאַלע שטייערן און לייסטונגען.

אָט איז דאָס בילד, וויאַזוי די שוץ-האַרן האָבן אין בעמען, מערן און שלעזיע עקספּלאָאַטירט דעם יידן-רעגאַל מיט דער הילף פון פלערליי געוואַלט-מיטלען.

§ 111 אויסערגעוויינלעכע אויספּרעסונגען און „שאַצונגען“.

א) „יידן-שולד-טילגונגען“:

צום טרויעריקסטן האָט זיך מיטן דאָזיקן מעטאָד פון עקספּלאָאַטאַציע פאַרשריבן קעניג ווענצל.

אין דעמזעלבן יאָר 1385, ווען ער האָט זיך אַלס דייטשער קיסר פון דייטשע שטעט געלאָזט באַצאָלן 40.000 ריינישע גילדן פאַרן איבערלאָזן אין זייער רשות קאָנפיסקירטע יידישע תביעות, האָט ער אויך פאַראָרדנט אַן אַלגעמיינעם אַרעסט פון אַלע בעמישע יידן און אַ קאָנפיסקאַטע פון אַלע זייערע שולד-בריוו.

ווי גרויס עס זענען געווען די געלט-סכומים, מיט וועלכע די יידן האָבן זיך אויסגעלייזט פון דערדאָזיקער גזירה, איז נישט באַוואוסט. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן ביזן י. 1389. אַ ראַיה, אַז די יידן פון עגער האָבן זיך ערשט אינם דאָזיקן יאָר מתחייב געווען צו באַצאָלן ווענצלען 1000 שאָק גראָשן אויסקויף-געלט פון דער גזירה.

אין די יאָרן 1394—1396 ווערט דורך ווענצלען דורכגעפירט אַ נייע יידן־שאַצונג אין גאַנץ בעמען און מערן.

עס חזרט זיך איבער דאָס שפּיל פון י. 1385, ווי מען קאָן דאָס משער זיין פון פּאָלגנדיקע ידיעות: אין י. 1394 לאָזט דער מערישער מאַרק־גראַף — אַפּנים, לויט אַ פאַראָרדענונג פון ווענצלען — אַלע רייכע יידן אַריינזעצן אין תּפיסה און „שאַצן" זייערע פאַרמעגנס.

אין י. 1395 דערלאַנגען די יידן פון עגער 3000 שאָק גראָשן „שאַצונג"; אין דעמזעלבן יאָר ווערן דורכן קעניג אַנולירט אַלע געלט־תּביעות, וועלכע יידן האָבן געהאַט צו דער שטאָט קעניגגרעץ.

דער לעצטער אויספּרעסונג־אויפטו פונם געלט־גיריקן ווענצל ווערט אויפן בעמיש־מערישן באָדן פאַרצייכנט אין י. 1411: דער קעניג האָט דעמאָלט אַנולירט אַלע געלט־תּביעות, וועלכע יידן האָבן געהאַט צום בישאָף פון אָלמיץ און צו אַנדערע מערישע שררות. באַזונדערס שטאַרק האָבן צוליב דעם געליטן די פאַרמעגנס פון די יידן אין איגלאַו (Iglau).

אונטערן קיסר זיגמונט איז די ריי געקומען אויף די יידן אין שלעזיע: אין י. 1420 נוצט אויס דער קיסר דעם תּירוץ, אַז שלעזישע יידן האַלטן כּלומרשט מיט די הוסיטן און ער פאַראָרדנט, אַז מען זאָל זיי אַלע אינאיינעם אַרעסטירן און קאָנפיסקירן זייערע געלט־תּביעות.

פון שפּעטערע צייטן זענען אונז נאָך באַוואוסט צוויי „יידן־שולד־טילגונגען", וואָס זענען פאַראָרדנט געוואָרן אויפן בעמיש־מערישן באָדן: אין י. 1436 אַנולירט דער קעניג אַלע פּראָצענטן, וואָס די יידן האָבן געהאַט צו מאָנען פון שררות און שטעט; אין י. 1455 באַפרייט ער די מערישע שטאָט ברין פון אַלע יידישע געלט־תּביעות, כּלומרשט צוליב דעם, וואָס „די שטאָט איז אַריינגעפאַלן אין נויט און דערצו האָבן גורם געווען די יידן..."

ב) „אומגעצוואונגענע מתּנות" און „שטראָפן":

מיטן דאָזיקן מעטאָד פון עקספּלאָאַטירן דעם יידן־רעגאַל פלעגן זיך באַנוצן באַזונדערס די שוץ־האַרן אין שלעזיע.

אין י. 1418 לאָזט דער ברעסלער בישאָף קאָנראַד אַריינזעצן אין תּפיסה דעם רייכן יידישן באַנקיר מיכאל פון רייכענבאַך און ער באַפרייט אים ערשט דאַן, ווען דער ייד האָט

זיך מתחייב געווען צו באַצאָלן „אָן וועלכן ס'איז צוואַנג" אַ סכום פון 1000 מאַרק.

וועגן דעמזעלבן יידישן באַנקיר ווערט נאָך איבערגעגעבן, אַז ער האָט געמוזט דורכמאַכן צוויי מאָל אַן ארעסט אין ברעסלע (אין די יאָרן 1418 און 1433), ביז ער האָט „אומגעצוואונגענערהייט" גע-שאָנקען דער שטאָט איינמאָל 128 מאַרק און דאָס צווייטע מאָל 778 מאַרק.

נאָכן טויט פונם גביר האָט זיך ברעסלע אַ נעם געטאָן צו זיין קרוב און יורש, דעם רייכן ייד י ק ו ת י א ל און זי האָט פון אים אויסגעפרעסט אַ סכום פון 800 מאַרק.

יקותיאל האָט געהאַט אַ שוץ-פּריווילעגיע פונם פּוילישן קעניג און ער האָט זיך געווענדט קיין פּוילן נאָך הילף. דערפאַר האָט ברעסלע דעם יידן אַריינגעזעצט אין תפיסה.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג, האָט יקותיאל געמוזט אונטערשרייבן אַ התחייבות (גערופן „אורפעהדע"), אין וועלכער ער דערקלערט „א ו נ אַ נ ט ס י ג ן (אומגעצוואונגען) ביי מיינם יודישן רעכט אונ' איידא (שבועה) מיט אויפגירקטן בינגרן (מיט אויפגעהויבע-נע פינגער)", אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון צו מאַכן וועלכע עס איז שריט קעגן דער שטאָט.

עטלעכע אויספּרעסונגען ווערן אונז מיטגעטיילט פון בעמען: אין י. 1453 לאָזט דער שוצהאַר אַרעסטירן אַלע יידן פון ב ר י ק ס און ר אָ כ ל י ץ און ער נעמט ביי זיי אויסלייז-געלטער אין דער הויך פון 650 ריינישע גאָלד-גילדן.

אַ באַזונדערן חשבון מאַכט ער דערביי מיטן בריקסער גביר, ר' יצחק: דער גביר ווערט באַשולדיקט אין עפּעס אַ פאַרברעכן (von etlicher Schuld wegn) און ער ווערט אין דער תפיסה פאַר-פייניקט צום טויט. דערויף קאָנפעסקירט דער שוץ-האַר זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס האָט בלויז אין שולד-בריוו באַטראָפן 3014 גילדן, 100 מאַרק זילבער און 1476 שאָק מיט 49 גראָשן.

דער זון פונם נפטר, י ה ו ד ה - ל י י ב פ ו ן ל י י ט מ ע-ר י ץ, האָט נאָך אין דעמזעלבן יאָר 1453 געמוזט חתמענען אַ דעקלעראַציע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער ירושה נאָכן פאָטער.

ג) „ד ר י ט ע ר י י ד ן - פ ע נ י ג": פון די יאָרן 1438 און 1452 זענען אונז פאַרבליבן דאָקומענטאַלע באַווייזן, אַז די יידן פון בעמען, מערן און שלעזיע האָבן געמוזט אינאיינעם מיט די דייטשע יידן צאָלן דעם „דריטן פעניג" (דהיינו, אַ דריטל פון די פאַרמעגנס) לטובת דעם דייטשן קיסר. אין אַן אַנדערן צוזאַמענהאַנג האָבן מיר שוין דערמאָנט, אַז דער „דריטער יידן-פעניג" האָט לויט נחומס שאַצונגען פון י. 1438 געצאָלט צרייַנטראָגן: פון בעמען און עגער — 3800 גילדן, פון ברעסלע — 3000 ג. פון שווייִדניץ — 2000 ג.

פון י. 1452 ווערט אונז איבערגעגעבן, אַז דער הערצאָג פון ג ל אָ ג אַ ו איז דעמאָלט באַרעכטיקט געוואָרן דורכן קיסר פ ר י ד ר י ך איינצוטרייבן פאַר זיך דעם „דריטן פעניג", וואָס איז געקומען פון די יידן אין שלעזיע, אַ חוץ די יידן פון יאַוער Jauer און שווייִדניץ.

ד) י י ד ן פ אַ ר ט ר ײַ ב ו נ ג ע ן א ו ן „י י ד ן - ש ר י פ ו ת אַ ל ס ה כ נ ס ה - ק וו אַ ל ן".

נאָך דער „יידן-שלאַכט", וואָס איז פאָרגעקומען אין פ ר אָ ג אין י. 1389, האָט זיך קעניג ווענצל אַלס יורש פון די געפאַלענע יידן באַרייכערט מיט 5 טאָן זילבער.

אין דעמזעלבן יאָר האָט ער קאָנפיסקירט אַלע יידישע פאַרמעגנס, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך אַן ענלעכער „יידן-שלאַכט" אין ג ע ר ל י ץ.

אַ רייכן „שניט" האָבן אויך געבראַכט די „יידן-שריפות, וואָס האָבן זיך אין י. 1453 צעפלאַקערט אין אַ ריי שלעזישע שטעט. 6/17 1453 זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אַלע יידן פון ש וו ײַ ד נ י ץ, י אַ ו ע ר, ש ט ר י ג אַ ו, ל ע וו ע נ ב ע ר ג, ר ײַ כ ע נ ב אַ ך א ו ן ל י ע ג נ י ץ.

דעם 7/4 זענען פאַרברענט געוואָרן 41 יידן אין ברעסלע, איין טאָג שפעטער האָבן געפלאַקערט די יידן אין ליעגניץ.

דעם 13/8 האָבן באַשטיגן דעם שייטערהויפן 17 יידן פון שווייִדניץ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דידאָזיקע פאַסירונגען האָט דער בעמישער קעניג וו ל אַ ד י ס ל אַ וו (דעמאָלט קוים 16 יאָר אַלט), צרויסגעגעבן אַ באַפעל צו קאָנפיסקירן פאַרן מלוכהשן אוצר די

רדיפות אויף יידן אין בעמען, מערן און שלעזיע, פון יאָר 1350 ביזן יאָר 1500.

בעמען און מערן		שלעזיע			
יאָר	רדיפות אין:	יאָר	רדיפות אין:	יאָר	רדיפות אין:
1389	יידן-שלאַכט אין **פּראָג**	1360	פאַרטרייבונג פון **ברעסלע**	1447	פאַרטרייבונג פון **ליעגניץ**
1420	אַלגעמיינע רדיפות אין צוזאַ-מענהאַנג מיטן הוסיטן-קריג	1362	יידן-שרפות אין **בריג, לען, לעווענבערג, גיהראַו** און **נייסע**	1448	" " **בריג**
1430	פאַרטרייבונג פון **עגער**	1389	יידן-שלאַכט אין **גערליץ**	1452	" " **רייסע**
1448	יידן-פּלינדערונג אין **פּראָג**	1401	פאַרטרייבונג פון **בריג**	1453	יידן-שרפות און פאַרטרייבונגען פון: **ברעסלע, יאַוער, ליג-ניץ, לעווענבערג, שווידניץ, שטריגאַו, רייבענבאַך** (קאַפּיסטראַנאָ)
1454	פאַרטרייבונג פון **ברין, אַל-מיץ** און **זנאַים** (קאַפּיסטראַנאָ)	"	יידן-שלאַכט אין **שטריגאַו**	1468	פאַרטרייבונג פון **נייסע**
1483	פּאָגראָם אין **פּראָג**	"	האָסטיען-פּראָצעס אין **גלאָגאַו**	1484	" " **גלאַץ**
1485	מאַסן-פּראָצעס אין **עגער**	1418	עקסצעסן אין **לעווענבערג**	1500	" " **טראָפּאַו**
1494	פּאָגראָם אין **בודוויס**	1420	אַלגעמיינע רדיפות אין צוזאַ-מענהאַנג מיטן הוסיטן-קריג		
		1438	פאַרטרייבונג פון **יאַוער**		
		1439	" " **שטרעלן**		
		1442	עקסצעסן אין **גלאָגאַו**		

פאַרמעגנס פון אַלע שלעזישע יידן, דהיינו „געלט, תביעות, ירושה׳ גיטער, משכנות, געלט-בריוו״ וכדומה.

אין ברעסלע אַליין האָט מען דעמאָלט קאָנפיסקירט יידישע געלט-תביעות אויף אַ סכום פון 9.568 מאַרק גראָשן, 567 מאַרק העלער און 8.586 גילדן. מינימאַל איז דאַקעגן געווען דער „שניט״ אין מזומנים-געלט און אין הכנסות פון פאַרקויפטע זאַכן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די יידן: אין ברעסלע, שווײדניץ, יאַוער, שטריגאַו און לעווענבערג האָט מען אין יידישע הייזער געפונען סך הכל 722 ½ גילדן מזומנים-געלט.

וואָס שייך, ווידער, באַוועגלעכע זאַכן, וועלכע מען האָט צוגענומען פון יידן, האָט מען זיי פאַרקויפט צו אַזעלכע שליידער-פרייזן, אַז זיי האָבן אַריינגעבראַכט קוים 500 גילדן.

דאָ ווייטער שטעלן מיר צונויף אַ טאַבעלע פון אַלע ידיעות, וואָס זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פון דער באַהאַנדלטער תקופה וועגן יידן-שלאַכטן, יידן-שריפות, מאַסן-פּראָצעסן און פאַרטרייבונגען אין בעמען, מערן און שלעזיע. מיר מיינען דערמיט צו אילוסטרירן דעם גאָלד-שטראָם, וואָס האָט זיך געטראָגן פאַראַלעל מיטן יידישן בלוט- און וואַנדער-שטראָם.

די טאַבעלע ווייזט אונז, אַז אין שלעזיע, וואו דער יידן-רעגאַל איז געווען שטאַרק צעשפּליטערט, פלעגן בלוט- און גוט-צאַפּונגען פאָרקומען אַ סך עפטער, איידער אין בעמען און מערן, וואו די קעניגן האָבן באַוויזן צו קאָנצענטרירן דעם רעגאַל אין זייערע אייגענע הענט.

פאַראַן נאָך אַ צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז אין שלעזיע זאָל זיך האָבן אָנגעזאַמלט מער עקספּלאָדיר-שטאָף קעגן יידן, איידער אין בעמען און מערן.

מען קאָן דעמדאָזיקן פאַקטאָר לייכט אויסגעפינען אין דעם ווירטשאַפטס-לעבן פון די יידן אויף די באַהאַנדלטע שטחים. וועגן דעם וועלן מיר זיך אָפּשטעלן מער באריכות אינם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל ביין און דרייסיק

דאָס ווירטשאַפטס-בילד פון די יידן אין בעמען,
מערן און שלעזיע.
(1500 — 1350)

§ 112 דאָס ווירטשאַפטס-בילד אין בעמען און מערן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס בעמען און מערן ליגן האַרט ביי דער גרענעץ פון דייטשלאַנד און עסטרייך און וואָס בעמישע קעניגן (די לוקסענבורגער) האָבן צומאָל אויך געהערשט איבער דייטשלאַנד, האָט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די יידן אויפן בעמיש-מערישן באָדן געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווי דאָס יידישע ווירטשאַפטס-לעבן אין דייטשלאַנד.

עס איז אַ באַוואוסטער פּרט, אַז בעמישע קעניגן פלעגן אַ סך מער זאָרגן וועגן זייערע בעמישע ירושה-לענדער, איידער וועגן די לענדער פון דער דייטשער קרוין. דאָסזעלבע איז אויך שייך די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין בעמען-מערן און אין דייטשלאַנד.

עס איז גענוג צו נעמען אין אַכט די „יידן-שולד-טילגונגען", מיט וועלכע ס'האָט זיך געמאַכט אַ טרויעריקן שם דער בעמישער קעניג און דייטשער קיסר ווענצל, אום צו קומען צום אויספיר, אַז זיי זענען אַ סך אַכזריותדיקער דורכגעפירט געוואָרן אין דייטשלאַנד, איידער אין בעמען-מערן.

בכלל פאַלט אויף, וואָס די יאָרן 1500—1350, וועלכע זענען געווען אַזוי שטורמיש און בלוטיק פאַר די יידן אין דייטשלאַנד און

שלעזיע, זענען פּאַרי בעמישן יידנטום אַריבער פאַרהעלטנישמעסיק רואיק.

אין בעמען לאָזן זיך בעת דערדאָזיקער צייט פעסטשטעלן בלויז אַ פּאָר ערנסטע דערשיטערונגען, ווי די „שולד-טילגונגען״ אין די יאָרן 1385—1394/6, די יידן-שלאַכט אין פּראָג (1389), די רדיפות בעתן הוסיטן-קריג (1420) און די עגערער פאַרטרייבונג (1430).

אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י״ה איז אין בעמען געווען כמעט אינגאַנצן רואיק. אַ טיפע דערשיטערונג האָט דעמאָלט אַרומגענומען בלויז דאָס מערישע יידנטום (די רדיפות 1454 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע פון קאַפּיסטראַנאָ).

אין קעגנזאַץ צו דידאָזיקע פאַרהעלטענישן האָבן די יידן אין די שכנותדיקע לענדער, ווי, אַ שטייגער, אין זאַקסן, בייערן, עסטרייך און שלעזיע, געלעבט אין דערזעלבער צייט, ווי אויף אַ וואולקאַן, וואָס דראָט יעדע רגע מיט פאַרטיליקונג.

נישט זייענדיק כּסדר באַדראָט און געפּלינדערט, ווי די ברידער זייערע אין די שכנותדיקע לענדער, האָבן בעמישע און מערישע יידן אַנטוויקלט אַ פילזייטיקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. מיר באַגעגענען צווישן זיי מענטשן מיט פרייע באַרופן און סוחרים, ערד-באַזיצער און באַנקירן, האַנטווערקער און קרעמער, קרעטשמער און דאָרפס-יידן—פעלד-אַרבעטער, מויערער, שיפער וכדומה.

אַ שטאַרקער קאָנטראַסט אין פאַרגלייך מיט דעם איינזייטיקן ווירטשאַפטס-בילד, וועלכעס מיר האָבן באַגעגנט אין דייטשלאַנד און וועלכעס מיר וועלן נאָך זען אין שלעזיע!

לאָמיר אָבער איבערגיין צו די פּרטים.

וועגן דעם יידישן סוחרים-קלאַס און מסחר אין בעמען און מערן זענען אונז פאַרבליבן פאָלגנדיקע ידיעות: אין י. 1401 ווערן יידן דערמאָנט צווישן סוחרים, וואָס פירן פון בעמען סחורות קיין מייסען אין וואָס באַנוצן זיך מיטן האַנדלס-שליאַך איבער פּרעסניץ, קאַאַדען, זאַאַץ.

פונם זעלבן יאָר איז נאָך פאַרבליבן אַ ידיעה, וואָס לאָזט משער זיין, אַז מערישע יידן האָבן דעמאָלט געטריבן אַ פאַרצווייגטן בהמות-האַנדל און אַז זיי האָבן שטאַרק קאָנקורירט מיט די פליישער-צעכן.

איינער אזא פליישער-צעך פון זנאים האט זיך געווענדט צו דעם שטאט-שררה וועגן א פריווילעגיע, וואס זאל די יידן פארווערן איינצוקויפן בהמות אויסערהאלב דער שטאט און אין די טעג, ווען עס קומט נישט פאר קיין יריד.

די יידן האט אויך געזאלט פארווערט ווערן צו טרייבן א קליין-האנדל מיט פלייש און צו האלטן אייגענע פלייש-בענק.

דער צעך האט סוף-כל-סוף פארלאנגט, אז די יידן, וואס באקומען פון זייערע בעלי-חובות אנשטאט געלט — רינדער און שאף, זאלן די בהמות מוזן איבערגעבן צו די צעכמייסטער, בכדי זיי זאלן זיי קאנען שאצן און לאזן דערנאך פארקויפן דורך קריסטלעכע פלייש-העקער.

אין די פראגער שטאט-פארארדענונגען פון י. 1440 ווערט דערמאנט וועגן יידישע ווײַן-סוחרים, וואס פירן ארײַן זייער סחורה פון אויסלאנד. לויט די פארארדענונגען האבן די סוחרים געדארפט אפצאלן לטובת דער שטאט א ווײַן-שטייער און זיי האבן נישט געטארט פארקויפן דעם ווײַן צו קריסטן.

ביים סוף פון 15-טן י״ה מערקט זיך אן אקציע קעגן דעם האנדל, וועלכן די מערישע יידן האבן געטריבן אין די דערפער. לויטן מערישן לאנד-רעכט פון י. 1500 האבן זיי זיך געדארפט אויף להבא אפזאגן פונם דאזיקן מסחר און פארבלײַבן אויסשליסלעך ביים האנדל אין די שטעט און שטעטלעך.

ארום דערזעלבער צייט האבן בעמישע יידן געטריבן אין די שטעט א קליין-האנדל מיט פלערליי סחורות, ווי, א שטייגער, מיט פוטערוואַרג, שטאף, זייד, באטיסט, לייוונט, סאמעט, לעדערנע טאשן, זעבל, שפיזן, העק וכדומה.

יידישע קראמען זענען ביים אנהויב פון 16-טן י״ה אנגעוואקסן אין דער פראגער אלט-שטאט אין אזא צאל, אז דער קריסטלעכער סוחרים-קלאס האט גענומען פאדערן פונם שטאט-ראט א באגרענעצונג פון דער יידישער קאנקורענץ.

דערויף האבן די ראטמענער ארויסגעגעבן אין י. 1515 פאלגנדיקע באשטימונגען: „די יידן איז פארווערט אויסצוארבעטן און צו פארקויפן טיכער, נײַע פעלצן, נײַע העק, שפיזן, זעבל, נײַע שווערדן, נײַע געלט-בײַטלען, געלט-טאשן און געלט-זעקלעך. אויב

עס וועט ווער פון זיי אויסאַרבעטן אָדער פאַרקויפן אַזעלכע זאַכן, וועט מען זיי ביי אים צונעמען.

מיט פעלצוואַרג, מלבושים, אָפּגענוצטע פוטערס און נאָך אַזעלכע באַקליידונגס-שטיק טאָרן זיך נישט די יידן אַרומטראָגן איבער די גאַסן אָדער הייזער, נייערט זיי מעגן זיי פאַרקויפן אויסשליסלעך בעת די ירידים. דערביי דאַרפן זיי די סחורה טראָגן אויף דער האַנט, אַזוי ווי דאָס פירט זיך אויף פלעצער פאַר אַלטוואַרג-הענדלער, און זיי טאָרן נישט האָבן קיין אייגענע שראַגענס. צווישן זיך מעגן זיי האַנדלען אין זייערע הייזער, ווען זיי ווילן, אויך אין אַזעלכע טעג, ווען עס קומען נישט פאַר קיין ירידים.

„... וועט מען אַ יידן דערטאַפּן ביים קליין-האַנדל מיט געווירצן, זייד, בענדער, ליייוונט, דאַמאַסט, סאַמעט, טיכער וכדומה און בכלל מיט וועלכן ס'איז מין ביי קליינהאַנדל, וואָס ברענגט שאָדן דעם (קריסטלעכן) סוחרים- און האַנטווערקער-קלאַס און איז אין סתירה צו די אַלטע באַגינסטיקונגען פונם דאָזיקן שיכט, ווי אויך צו די אַלטע שטאָט-פאַראָרדענונגען, אַזוי וועט מען אַזאַ יידן מיט זיין גאַנצער קראָם לאָזן אַרעסטירן...״

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן דידאָזיקע באַשטימונגען געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אינם לעבן. אַ ראיה: מען האָט זיי שפּעטער כסדר איבערגעחזרט.

אויסערסט אינטערעסאַנטע ידיעות זענען אונז פון דער באַהאַנדלטער תקופה פאַרבליבן אויך וועגן אַזעלכע באַשעפטיקונגען פון בעמישע און מערישע יידן, ווי מלאכה און „ש וו אַ ר צ ע״ פ י ז י ש ע אַ ר ב ע ט.

באַזונדערס ווערטפול זענען אינם דאָזיקן פּרט אייניקע מיטטיילונגען, וואָס געפינען זיך צום יאָר 1419 אין דער אַזויגערופענער „ראַמשאַקישער כראָניק״ (Ramschacksche Chronik): עס ווערט אונז דאָ דערציילט וועגן יידן, וואָס האָבן צו יענער צייט געאַרבעט אין די אייזן-גרובנס ביי אָ ד ע ר אַ מ ב ע ר ג, וועגן יידישע אַרבעטער אינם קעניגלעכן מינץ-אַמט אין פּראָג, וועגן יידישע שיפער, וואָס האָבן געפירט טראַנספּאָרטן אויף דעם טייך מ אָ ל ד אַ ו, וועגן יידן-מויערער וכדומה.

זייער וויכטיק איז אויך די באַמערקונג אין דערזעלבער כראָניק, אַז יידן איז אפילו פאַרווערט געווען אויסצופירן אַרבעטן פאַר קריסטן,

אַז זיי האָבן אָבער פאַר יידישע קונדן געמעגט אָן שום שטער „בויען, שמידן, נייען, בעקן, וועבן" וכדומה. אַ ראיה, אַז עס האָט דעמאָלט געבליט אַ יידישע מלאכה, וועלכע די צעכן האָבן צוליב קאָנקורענץ-טעמים געשטרעבט צו באַגרענעצן בלויז מיט יידישע קונדן!

וועגן יידישע בעלי-מלאכות, וואָס האָבן געאַרבעט אין בעמישע שטעט און שטעטלעך, דערוויסן מיר זיך אויך פון אונזערע קוועלן.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין אַ קאָלינער דאָקומענט פון י. 1401 דערמאָנט 2 יידן — קצבים.

אין י. 1493 דערוויסן מיר זיך פון אַ פּילזענער שטאָט-פאַראָרדענונג, אַז עס האָבן זיך אין דער שטאָט אויפגעהאַלטן יידישע וועבער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט שלייערס פאַר יידישקעס.

די ציטאַטן, וועלכע מיר האָבן פריער געבראַכט פון די פּראָגער שטאָט-פאַראָרדענונגען פון י. 1515, ווייזן אונז, אַז טייל יידן פון דער פּראָגער אַלט-שטאָט האָבן זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, קירזשנעריי, לעדער-אויסאַרבעטונגען און מיט אַזעלכע מלאכות, ווי די אויסאַרבעטונגען פון קריגס-כלי-זיין, העק וכדומה.

פון דיזעלבע פאַראָרדענונגען ווערן מיר אויך געוואָר, אַז יידישע בעלי-מלאכות פלעגן אַרבעטן נישט בלויז פאַר יידישע, נאָר אויך פאַר קריסטלעכע קונדן און אַז זיי פלעגן זיך לגמרי נישט רעכענען מיט די צעכן-פּריווילעגיעס און „אַלטע שטאָטישע פאַראָרדענונגען", לויט וועלכע עס איז פאַרווערט געווען צו אַרבעטן פאַר קריסטן.

אין דעמזעלבן צוזאַמענהאַנג איז אויך כדאי זיך אָפּצושטעלן ביי אייניקע קוועלן-ידיעות, וואָס אינפאָרמירן אונז וועגן די באַשעפטיגונגען פון בעמישע און מערישע דאָרפס-יידן.

לויט אַ קעניגלעכער פאַראָרדענונג פון י. 1390 איז די יידן אין ק אָ ל י ן פאַרווערט געווען צו האַלטן אין דער שטאָט שענקען און פלייש-בענק, דאַקעגן זענען די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין די דערפער מער ווי אַ מייל פון דער שטאָט, יאָ געווען באַרעכטיקט צו האַלטן קרעטשמעס און צו טרייבן אַ פלייש-האַנדל.

וועגן די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די דערפער און שטעטלעך אַרום פּ אַ ר ד ו ב י ץ, ווערט פון יאָר 1494 איבערגעגעבן, אַז מאַנכע פון זיי האָבן אַלס אָפּצאָל פאַרן שוץ געמוזט אייניקע טעג

אין יאָר אַרבעטן אין די מילן אָדער אויף די פעלדער פונם שררה. דאָס זענען, אַפּנים, געווען יידן, באַהאַוונטע אין אַזעלכע אַרבעטן.

אַזוי האָט אויסגעזען דאָסווירטשאַפטס-לעבן פון דעם רוב יידן אין בעמען און מערן!

אַ פאַרביקע מאַסע פון הענדלער, האַנטווערקער, קרעטשמער, מילנער און פשוטע אַרבעטער, עס בלייבט אונז נאָך זיך אָפּצושטעלן ביי דעם יידישן אויבערשיכט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ הייפע- לע רבנים, כלי-קודש, מעדיצין-דאָקטוירים, באַנקירן און ערד-באַ- זיצער.

אין אונזער צוזאַמענהאַנג אינטערעסירן אונז באַזונדערס די דאָקטוירים, באַנקירן און ערד-באַזיצער, בכלל מענטשן מיט וועלט- לעכע באַשעפטיקונגען. וועגן יידישע דאָקטוירים אין בעמען און מערען זענען אונז פון דער באַהאַנדלטער תקופה פאַרבליבן פאָלגנ- דיקע קוועלן-ידיעות: אין י. 1362 ווערט אין אַ דאָקומענט דער- מאָנט אַ יידישער דאָקטאָר (medicus iudeus), וואָס האָט פראַקטיצירט אין איגלאַו. זיין נאָמען איז נישט באַוואוסט. אין י. 1417 באַ- געגענען מיר אין פּראָג אַ ירושלימער יידן מיטן נאָמען פייטל, וואָס איז געווען אַ כירורג אין קעניגלעכן הויף. ער ווערט באַצייכט אַלס „געטרייער דינער” פונם קעניג ווענצל II.

אין די יאָרן 1489 — 1497 פּראַקטיצירט אין פּראָג דער ייד אַנגעליקוס (מלאך), וואָס איז געווען אַ הויף-דאָקטאָר פונם קעניג וולאַדיסלאַוו. אין י. 1499 ווערט אין אַ פּראָגער דקומענט דערמאָנט אַ יידישער דאָקטאָר מיטן נאָמען מאַי (May)

אויב עס איז שוין די רייד וועגן יידן, וואָס האָבן זיך פאַר- נומען מיט פרייע באַרופן, איז כדאי צו פאַרצייכענען אַן אינטע- רעסאַנטע ידיעה וועגן אַ באַרימטן יידישן סקולפּטאָר, וואָס האָט געלעבט אין בעמען אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה. ער האָט געהייסן שמואל יום-טוב וויגאַלעס און די פריער שוין ציטירטע ראַמשאַקישע כראָניק דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ מייסטער אין זיין פאַך און אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן שם ביים בעמישן אַדל.

מיר גייען איבער צו דעם רייכן שיכט באַנקירן און ערד-באַזיצער.

ווי עס ווייזט אויס איז דער יידישער באַנקיר-שיכט אין בע-מען און מערן נישט געווען קיין איבעריק גרויסער. אַ געוויסן באַ-גריף וועגן זיין פאַרנעם גיבן אונז אויפגעהיטע „יידן-ביכער״ פון פראָג, אין וועלכע מען האָט ביים סוף פון מיטלאַלטער פאַררעגיס-טרירט יידישע הלוואה-געשעפטן.

עס זענען אויפגעהיט געוואָרן אַזעלכע רעגיסטראַציעס פון די יאָרן 1497 — 1500, און פון די פאַרשרייבונגען דרינגט אַרויס, אַז עס האָבן זיך דעמאָלט אין פראַג פאַרנומען מיט וואוכער-געשעפטן לערך 40 יידישע משפחות-פאַרשטייער.

היות, ווי אין פראָג האָבן צו יענער צייט געלעבט אייניקע הונדערט יידישע משפחות, איז די צאָל 40 באַנקיר-משפחות לגמרי נישט קיין גרויסע. אין די פּראָווינצער שטעט און שטעטלעך איז דאָס פאַרהעלטעניש זיכער געווען נאָך קלענער.

פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך אין די געשעפטן פון די יידישע באַנקירן, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ בילד, וואָס דערמאָנט אַ סך מער אין דער קרעדיט-סיטואַציע פון די יידן אין דייטשלאַנד בעת דער עלטערער תקופה (לערך ביזן י. 1250), איידער אין דעם בילד פון דער שפּעטערדיקער תקופה, בפרט נאָך דעם יאָר 1350.

אין דייטשלאַנד האָט דאָס יידישע קרעדיט-געשעפט אין משך פון 14-טן און 15-טן י״ה אַלץ מער אָנגענומען די פאָרם פון אַ לאָמבאַרד-געשעפט, פון אַ קרעדיט אויף באַוועגלעכע משכנות. דער היפּאָטעק-קרעדיט איז געוואָרן אַלץ זעלטענער און אינאייניוועגס איז אויך דאָס געלט-פאַרלייען אויף שולד-בריוו געוואָרן אַלץ מער באַשווערט (צוואַנגס-רעגיסטראַציעס אין „יידן-ביכער״, פאַרבאָט פונם האַנדל מיט שולד-בריוו און אַז. וו.)

די פאָלגן דערפון זענען געווען אַזעלכע, אַז די יידן האָבן ס׳רוב געמוזט טרייבן קליינע הלוואה-געשעפטן און אויפזוכן זייער קליענטעלע צווישן די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן, צווישן האַנטווער-קער און פויערים.

אַזוי איז געווען אין דייטשלאַנד.

אַנדערש זעט אויס אין דערזעלבער צייט די קרעדיט-סיטואַציע אין בעמען און מערן. די יידן האָבן דאָ ביזן סוף פון מיטלאַלטער געטריבן כלערליי קרעדיט-געשעפטן סיי אויף באַוועגלעכע, סיי אויף

אומבאַוועגלעכע משכנות. קיין שום שטער האָבן זיי אויך נישט געהאַט אינם פּערסאָנאַל-קרעדיט אויף שולד-בריוו.

דאָסזעלבע איז אויך שייך זייער קליענטעלע: מיר באַגעגע-נען צווישן זייערע בעלי-חובות נישט בלויז „קליינע מענטשן" פונם האַנטווערקער- און פויערים-קלאַס, נאָר אויך קעניגן, רייכע פּריצים, קירכע-פאָרשטייער וכדומה. ערשט ביים סאַמע סוף פון 15-טן י"ה לאָזן זיך מערקן די ערשטע פּרוּוון צו באַגרענעצן דאָס קרעדיט-געשעפט פון די יידן: אין י. 1494 באַשליסט דער בעמישער סיים, אַז די יידן זאָל פאַרוועט ווערן יעדער אַנדערער מין פון קרעדיט-געשעפטן, אַ חוץ דעם געלט-פאַרלייען אויף באַוועגלעכע משכנות.

מיט 6 יאָר שפּעטער ווערט אַריינגענומען אינם מערישן לאַנד-רעכט אַ באַשטימונג, אַז יידן זאָלן מעגן נעמען נישט מער ווי 20 % און אַז הלוואה-אָפּמאַכן זאָלן נישט אָנערקענט ווערן דורך די גע-ריכטן, אויב זיי וועלן נישט פאַררעגיסטרירט זיין אין די שטעט דורך די לאַוניקעס און אין די דערפער — דורך די וואָיטעס.

דער אַנטשיידענער פאַקטאָר איז אָבער אין באַצוג צו יידן געווען נישט דער סיים, נייערט דער קעניג — דער אויבערשטער שוצהאַר פון די „קאַמער-קנעכט", און פונם דאָזיקן צד האָבן די יידן כסדר געהאַט אַן אונטערשטיצונג אין זייערע באַנקיר-געשעפטן.

אַזוי, אַ שטייגער, זעענען אונז פון די יאָרן 1384 — 1389 פאַרבליבן אַ ריי קעניגלעכע באַפעלן צו די באַאַמטע אין די געריכטן, אַז זיי זאָלן ענערגיש מיטהעלפן די יידן ביים איינטרייבן זייערע געלט-תביעות.

ענלעכע באַפעלן גיט אַרויס אין י. 1433 דער מערישער מאַרק-גראַף, באַמערקנדיק דערביי, אַז די יידן האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז מען איז זיי שולדיק אַ סך געלט און „אַז די גע-ריכטן גיבן זיי נישט קיין געהעריקע שטיצע".

פאַר דעם אויבערשטן שוצהאַר איז וויכטיק געווען קודם-כל דער פיסקאַלישער מאָטיוו, אַז יידן זאָלן האָבן גענוג געלט אויף צו שפּייזן זיין אוצר מיט שטייערן און כלערליי „מתנות", און דעריבער האָט ער געלאָזט פרייער אָטעמען די יידישע באַנקירן, וואָס זענען געווען די גרעסטע שטייער-צאָלער צווישן די קאַמער-קנעכט.

ווען עס האָבן ביים סוף פון 15-טן י"ה סיי די אדל-לייט און סיי די שטאָט-לייט גענומען ווירקן אויפן קעניג, אַז ער זאָל בי-

ליקער מאַכן דעם יידישן קרעדיט, האָט ער דערויף געענטפערט מיט אַ פאַראָרדענונג (פון י. 1497), אַז יידן מעגן נעמען... צוויי־מאָל אַזוי פיל פראָצענטן, ווי קריסטלעכע וואוכערער און ער האָט דאָס מאָטיווירט מיט דידאַזיקע כאַראַקטעריסטישע אַרגומענטן: ראשית, צאָלן די יידן כלערליי שטייערן, פון וועלכע די קריסטן זענען באַפרייט און, והשנית, „באַרגט דער קריסט דעם יידן נאָר אין אַזאַ גויט־פאַל, ווען ער קאָן אַנדערשוואו נישט באַקומען קיין הלוואה; דערמיט פאַרשאַפט דער קריסט אָפט אַ גרעסערן שאָדן, ווי דער ייד מיט זיין וואוכער...”

די רירעוודיקסטע יידישע באַנקירן באַגעגענען מיר בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין די בעמישע גרענעץ־שטעט ב ר י ק ס און ע ג ע ר, ווי אויך אין דער רעזידענץ־שטאָט פ ר אָ ג.

לויט די צופעליקע ידיעות, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן פון פאַרשיידענע יאָרן, פלעגן זיי נעמען פונם פאַרליענעם קאַפיטאַל פון 21% ביז 86 2/3%.

פון י. 1453 איז אונז פאַרבליבן אַ רשימה פון תביעות, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן ביי אַ יידישן באַנקיר פון בריקס (מיר וועלן די רשימה דאָ ווייטער אָנרופן די „בריקסער רשימה”).

ביי אַ ריי תביעות ווערט אָנגעוויזן דער קערן און די ציינזן, און אָט ווערן מיר געוואויר, אַז דער באַנקיר פלעגט באַרגן פאַרשיידן: אַמאָל אויף 46%, אַן אַנדערש מאָל אויף 23% און אַפילו אויף 21%.

אין פראָג האָבן די יידן אין י. 1439 אַנטליען געלטער פון 43 1/3% ביז 86 2/3%; אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י”ה האָט דאָ דער יידישער ציינז־פוס באַטראָפן אי 24 1/4% אי 37 1/7%.

אין י. 1497 איז ער דורך אַ קעניגלעכער פאַראָרדענונג רעגולירט געוואָרן אויף 20%, בעת די קריסטלעכע וואוכערניקעס איז אין איינוועגס פאַרווערט געוואָרן צו נעמען מער, ווי 10%.

אַן אינטערעסאַנט בילד פון דער קליענטעלע, וואָס פלעגט אָנקומען צו יידישע באַנקירן, אַנטפלעקט אונז די שוין דערמאָנטע „בריקסער רשימה”. עס ווערן דאָ אויסגערעכנט מיט די נעמען לערך 150 בעלי־חובות און מיר באַגעגענען צווישן זיי דעם קעניג און די קעניגין, ווי אויך אַ ריי אַדל־לייט און שטאָט־לייט.

קרוב צוויי דריטל פון די קליענטן בילדן שטאָט־מענטשן,

צווישן זיי אַ סך האַנטווערקער, ווי, אַ שטייגער, שניידער, שוסטער, שטריקער, פליישער וכדומה.

די תּביעות, וועלכע דער בריקסער באַנקיר האָט געהאַט צו מאָנען ביי 92 אַזעלכע שטאָטישע בעלי־חובות, האָבן באַטראָפן צוזאַמען 960 שאָק גראָשן מיט 49 גראָשן און 7 ריינישע גילדן. די הלוואות זענען געווען פון מינימום 1 שאָק גראָשן ביז העכסטנס 80 שאָק. די גרעסטע צאָל הלוואות האָט באַטראָפן פון 3 ביז 10 שאָק.

אַנדערש זעט אויס דאָס בילד פון די הלוואות, וועלכע דער ייד האָט געהאַט צו מאָנען ביי די פּריצים. סך־הכּל איז אים געקומען ביי גאַנצע 50 שררות אַ סכום פון 3007 גילדן, 516 שאָק גראָשן און 100 מאַרק זילבער. דערויף האָט ער געהאַט 64 שולד־בריוו.

פון די 50 שררות זענען 39 געווען שולדיק די קליינע סכומים ביז העכסטנס 50 שאָק אָדער 100 גילדן, דאַקעגן 11 זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַנטליען פון 120 ביז 500 און 600 גילדן.

די העכסטע הלוואה, וואָס ווערט באַצייכנט אין דער רשימה, האָט באַטראָפן 636 גילדן.

ווי מיר זען איז דער „באַטריב" פונם בריקסער באַנקיר געווען אַ גאַנץ באַדייטנדער. ס'איז נאָך כּדאַי צו באַמערקן, אַז צווישן די שולד־בריוו האָבן זיך געפונען לערך 20 „פּוילע", וואָס זענען געלעגן ביים באַנקיר איבער 30 און 40 יאָר. ביי 3 פּריצישע שולד־בריוו ווערן פאַרצייכנט צינזן פאַר 11 יאָר.

אינטערעסאַנט איז סוף־כּל־סוף אַ שולד־בריוו, אין וועלכן אַ שררה—אַ בעל־חוב איז זיך מתחייב צו באַצאָלן דעם יידן 250 גילדן און צו ליפערן אים (ווייזט אויס, אָנשטאָט צינזן) 200 מעסטלעך קאָרן, וואָס זענען ווערט 50 גילדן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באריכות ביי דער „בריקסער רשימה", ווייל זי גיט אונז אַ בולט בילד פונם פאַרנעם, וועלכן עס האָט געהאַט אַ יידיש באַנק־הויז אין בעמען בעתן 5־טן י"ה.

אַ וויכטיקע דערגאַנצונג פון דעם בילד גיבן אונז אייניקע דערהאַלטענע ידיעות וועגן דעם אופן, אויף וועלכן עס פלעגן זיכער געשטעלט ווערן יידישע תּביעות: ביי קליינע הלוואות, בפרט אין קרעדיט־באַציונגען מיט שטאָט־לייט, פלעגן יידן נעמען אַלס גאַראַנטיע אַ באַוועגלעכן משכּון.

לויט אַ קעניגלעכער פּריווילעגיע פון י. 1393 איז זיי געווען דערלויבט צו פאַרקויפן דעם משכון, אָדער ווייטער צו פאַרמשכונען, אויב מען האָט דעם חוב נישט איינגעצאָלט צו דער צייט.

ביי אַ פּערסאָנאַל-קרעדיט (דהיינו, אַזאַ, וואָס האָט זיך גע-שטיצט אויף שולד-בריוו מ״ט חתימות און זיגלען פונם בעל-חוב אָדער אויף התחייבותן מצד ערובים) פלעגן די יידן באַנוצן אַלס עקזעקוציע-פאָרם דעם אַזויגערופענעם „איינלאַגער״: מען פלעגט דעם בעל-חוב אָדער דעם ערוב האַלטן אַזוי לאַנג אין תּפיסה, ביז מען האָט גע-דעקט דעם חוב.

אין קרעדיט-באַציונגען מיט שררות-ערדבאַזיצער האָט אָפט גע-דינט אַלס גאַראַנטיע דער ערד-באַזיץ. לויט דער באַרימטער „מאַיעסטאַס קאַראָלינאַ״ פון י. 1355 האָט דער ייד אָן דער דערלוי-בעניש פונם קעניג נישט געטאָרט פאַרקויפן קיין אומבאַוועגלעך ירושה-גוט, וועלכעס מען האָט אים צוגעפּסקנט פאַר זיינע געלט-תּביעות.

מיר פאַרענדיקן אונזער איבערזיכט מיט די דערהאַלטענע ידיעות וועגן דעם יידישן ערד-באַזיץ אין בעמען און מערן: בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה האָבן דאָ סיי די בעמישע, סיי די מע-רישע געריכטן באַטראַכט פאַר אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, וואָס יידן קומען אין באַזיץ פון אומבאַוועגלעכע גיטער.

אין י. 1379 באַגעגענען מיר אַ מערישן ייד לאַזאַרוס (אליעזר), וועלכער האָט געהאַט אין זיין רשות אַ נחלה אין לידע-ראָוויץ.

אין י. 1382 קויפן צוויי ברינער יידן, פּאַטער און מערק-לין, דאָס דאָרף סטריזאָוו, וואָס האָט פריער באַלאַנגט צו צוויי אַדל-לייט.

אין י. 1392 איז דעם יידן אהרן פון הראַדיש צוגעפּסקנט געוואָרן דאָס דאָרף Zlamany Ujezd (אין מערן), מחמת די באַלעבאַטים פונם דאָרף זענען אים געבליבן שולדיק געלט.

די ערשטע פּרוואָון צו באַגרענעצן דעם אומבאַוועגלעכן באַ-זיץ פון יידן, לאָזן זיך מערקן ערשט אין דער צווייטער העלפט פונם 15-טן י״ה.

לויט אַ קעניגלעכער פּריווילעגיע פון י. 1462 זענען די יידן געווען מחויב צו פאַררעגיסטרירן ביים געריכט אַלע זייערע טראַנ-

זאַקציעס מיט אומבאַוועגלעכע גיטער, אָנישט האָט זיי געדראָט, אַז זיי וועלן פאַרלירן ענטוועדער די ערד, וועלכע זיי האָבן געקויפט, אָדער דאָס געלט, פאַר וועלכן זיי האָבן פאַרקויפט זייער ערד־באַזיץ.

§ 113 דאָס יידישע ווירטשאַפטס־לעבן אין שלעזיע.

דער ווירטשאַפטלעכער אויפבוי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שלעזיע איז געווען אין דער באַהאַנדלטער תקופה אומנאָרמאַל ביז גאָר. מיר זעען נישט די פאַרביקייט פונם יידיש־בעמישן אָדער יידיש־מערישן ווירטשאַפטס־בילד.

איינטאָניק און גרוי איז געווען דאָס יידיש־שלעזישע ווירטשאַפטס־לעבן: קיין איין ידיעה נישטאָ וועגן האַנדל אָדער מלאכה, וועגן ערד־באַזיץ אָדער באַדייטנדיקע פאַרטרעטער פון וועלטלעכע פרייע באַרופן! די פאַרדרענגונג פון דידאָזיקע געביטן איז דאָ, אַפנים, שוין אַרום דער העלפט פון 14־טן י״ה געווען אַ פולשטענדיקע.

אַ דאַנק די אויפגעהיטע שטייער־רשימות פון די יאָרן 1351—1356 קאָנען מיר זיך פאַרשאַפן אַ געוויסן באַגריף וועגן דער סטרוקטור פון דעם גרעסטן ישוב אין שלעזיע, וועלכן עס האָט דעמאָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך די קהילה אין ברעסלע.

און אָט איז דער טרויעריקער סך־הכל, וועלכן מען קאָן אַרויסלייענען פון די רשימות: פון 65 נאָמענטלעך אויסגערעכנטע יידישע באַלעבאַטישקייטן, וועלכע מיר באַגעגענען אין די רשימות, זענען געווען בלויז צוויי גביריש־נגידישע, וואָס האָבן געצאָלט דעם קעניג דעם העכסטן „צענז״ פון 20 און 28 מאַרק. וואָס שייך די איבעריקע 63 באַלעבאַטישקייטן זענען פון זיי 4 געווען פאַרמעגלעכע (זייער „צענז״ באַטרעפט פון 10 ביז 12 מאַרק), 10 מינדער־באַמיטלטע (זייער „צענז״ באַטרעפט פון 1 ביז 4 מאַרק), 29 האָבן געצאָלט צוליב זייער קנאַפער פאַרמעגלעכקייט אַ מינימאַלן „צענז״ (אונטער איין מאַרק), 19 זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב זייער אָרעמקייט בכלל נישט געצאָלט קיין „צענז״, איין באַלעבאַטישקייט האָט גענאָסן פון שטייער־פרייהייט (געווען איז דאָס די משפחה פונם קהילה־שמש).

ביי 14 פאַרשטייער פון די דערמאָנטע 65 באַלעבאַטישקייטן

ווערן אָנגעצייכנט פאָלגנדיקע באַרופן: איינער — אַ רב (Ysaac episcopus), איינער—אַן אויגן־דאָקטאָר (Abraham augenarczt), 4 מלמדים (magister, schulmeyster), 3 סופרים (scriptor, perminter), 2 שמשים (leufer, cursor episcopi), 2 קצבים (carnifex), איינער—אַ שול־קלאַפּער (campanator), פון די 14 באַלעבאַטישקייטן האָבן באַלאַנגט אַ טייל צו דער קאַטעגאָריע קלענסטע שטייער־צאָלער אונטער איין מאַרק, אַ טייל צו יענעם מין אָרעמעלייט, „וואָס האַלטן זיך דאָ אויף און גיבן נישט קיין שטייערן — נישט פאַרן קעניג און נישט פאַר דער שטאָט".

אונז שיינט, אַז דידאָזיקע דערמאָנטע 14 באַרופס־פאַרצייכענונגען זענען נישט קיין צופאַל: אַ ראיה, אַז זיי באַלאַנגען כמעט אויס־שליסלעך צו די כלי־קודש! (אַן אויסנאַם איז דאָ נאָר דער אויגן־דאָקטאָר און די 2 קצבים) ביי די איבריקע 51 יידן, וואָס פיגורירן אין די רשימות, האָט דער שרייבער — ווייזט אויס — דערפאַר נישט פאַרצייכנט די באַרופן זייערע, ווייל מען האָט לייכט געקאָנט משער זיין, אַז יידן, וואָס זענען נישט קיין כלי־קודש, זענען דען עפּעס אַנדערש, אויב נישט קיין פּראַצענטניקעס...

דאָס וואוכער־געשעפט — דאָס איז באמת געווען דער עיקר־קוואַל, פון וועלכן דער רוב שלעזישע יידן האָט געצויגן זיין יניקה. ווער מיט גרעסערע קאַפּיטאַלן, האָט געוואוכערט צווישן גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות אָדער צווישן דעם רייכן פּאַטריציאַט, ווער מיט קליינע קאַפּיטאַלן, האָט געטריבן וואוכער־געשעפטן צווישן בעלי־מלאכות און פּויערים.

אַנאַליזירנדיק דעם געוואַלדיקן קוועלן־מאַטעריאַל וועגן די וואוכער־געשעפטן פון שלעזישע יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה, קומט מען צום אויספיר, אַז די צאָל „פריצישע" באַנקירן מיט גרויסע קאַפּיטאַלן איז אין אַלגעמיין געווען אַ קליינע און אַז דער רוב יידישע „געלט־מענטשן" איז באַשטאַנען פון וואוכערניקעס, וואָס האָבן אָפּערירט מיט קליינע סכומים און וואָס האָבן זיך דעריבער געמוזט פאַרלייגן אויף אַ קורצטערמיניקן קליין־קרעדיט.

אין דעם יאָרצענדליק 1350—1360 באַגעגענען מיר אין דער גרויסער ברעסלער קהילה סך־הכל 3 יידישע באַנק־הייזער פון אַ גרויסן פאַרנעם.

זיי באַלאַנגען צו איין איינציקער משפחה: מיט איין באַנק־

געשעפט האָט אָנגעפירט יעקב פון בראונאַו, מיטן צווייטן — דער ברודער זיינער אַברוש פון בראונאַו, מיטן דריטן — זיין ברודער-זון יעקב בן אַברוש, גערופן אין די אַקטן צוליב זיין גרויסן פאַרמעגן „יאַקאָב דער רייכע" (Jakob der Ryche).

פאַר די יאָרן 1360—1400 זענען באַוואוסט פון צווישן אַלע יידישע „באַנקירן" אין שלעזיע סך-הכל ביז 10—15 אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרמעסטן אויף גרויסע הלוואה-געשעפטן.

די רייכסטע פון זיי האָבן געלעבט אין שווידניץ. אין יאָר 1381 האָט אַ קאָנסאָרציום שווידניצער יידן געהאַט ביים בעמישן קעניג און ביי דער שווידניצער הערצאָגין צו מאָנען אַ ריזיקע סומע פון 5.763 מאַרק (לערך 30.000 היינטיקע דאָלאַר).

אין י. 1384 איז דער הערצאָג פון עלס שולדיק געווען איינעם אַ שווידניצער יידן 1.450 מאַרק. אין י. 1385 ווערט פאַרצייכנט אַ הלוואה פון 600 מאַרק, וועלכע אַ שווידניצער ייד האָט דערלאַנגט דעם הערצאָג פון ליעגניץ.

צווישן די שווידניצער באַנקירן האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אויבנאָן די משפחה פון דעם באַרימטן רב ר' דוד פאַלק. סיי ר' דוד פאַלק אַליין, סיי דער זון זיינער ר' ישראל האָבן אָנגע-פירט מיט אַ גרויס באַנק-הויז און זייערע געשעפטס-פאַרבינדונגען האָבן געגרייכט אויך אויסערהאַלב שלעזיע.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין קראָקעווער אַקטן פאַרשריבן אַ ריי געלט-עסקים, וועלכע די פאַלקס האָבן געהאַט מיטן פוילישן „ראָטשילד" — דעם הויף-באַנקיר לעווקאָ.

אַ חוץ אין שווידניץ באַגעגענען מיר נאָך אייניקע רייכע באַנק-הייזער אין ברעסלע, ליעגניץ, נייסע בריג און ראַטיבאָר. אין ברעסלע האָט דער גביר בייניש און דער ברו-דער זיינער אליה געהאַט אין י. 1395 צו מאָנען ביים בריגער הערצאָג 780 מאַרק.

אַרום דערזעלבער צייט ווערט פאַרצייכנט אַן אימפּאָזאַנטע סומע פון 8000 שאָק גראָשן, וועלכע אַ ליעגניצער קאַפּיטאַליסט ר' אליה האָט געהאַט אַנטליען דעם שטאָט-ראָט פון ברעסלע.

אין נייסע האָט געפירט גרויסע קרעדיט-אָפּעראַציעס דער ייד כנען (Chanan): איינע אַ הלוואה, וועלכע ער האָט געגעבן דעם הערצאָג פון טראָפּאַו, האָט באַטראָפן 2000 מאַרק.

אַ באַדייטנדיקע ראָלע האָט אויך געשפּילט די באַנק־פירמע פונם בריגער גביר ר׳ משה בן אליעזר, וואָס האָט געהאַט צו מאָנען ביי פאַרשיידענע שלעזישע הערצאָגן אַזעלכע גרויסע געלטער, ווי 430 מאַרק, 740 מאַרק וכדומה.

„פּריצישע" באַנקירן, וואָס האָבן געהאַט געלט־עסקים מיט הערצאָגן און בישאָפן, זענען סוף־כל־סוף געווען די ראַטיבאָרער יידן ביינש און שלמה; בלויז ביים טראָפּאַוער הערצאָג האָבן זיי געהאַט צו מאָנען חובות אויף אַ סומע פון 717 מאַרק.

ענלעך איז אויך דאָס בילד אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פון 1400 ביז דער קאַטאַסטראָפע אין י. 1453. אויך פון דערדאָזיקער צייט זענען באַוואוסט נישט מער, ווי 10—15 שלעזישע „גרויס־יידן".

די באַדייטנדסטע באַנק־פירמעס באַגעגענען מיר נישט מער, ווי פריער, אין שווידניץ און ליעגניץ, נייערט אין די שטעטלעך מינסטערבערג און בריג, ווי אויך אין דער גרויסער האַנדלסשטאָט ברעסלוי.

אין מינסטערבערג איז געווען דער זיץ פון דעם רייכן באַנקיר אברהם מינסטערבערג. וועגן דעם גרויסן פאַרנעם פון זיינע געשעפטן זאָגט עדות אַ ידיעה, אַז עס זענען צו אים פאַרמשכונט געווען צוויי שטעטלעך: פּאַטשקאַו און ווידענאַו (Weydenaw).

אברהם האָט פינאַנסירט נישט בלויז שררות און קירכע־פירשטן, נייערט אויך די אונטערנעמונגען פון שטעט. ביי ברעסלוי האָט ער געהאַט צו מאָנען ריזיקע סכומים, און ווען עס איז געקומען צום צאָלן די חובות, האָט ער בלויז אין איין יאָר (1433) געמוזט אונטער אַ טעראָר אָראָפּרעכענען פון זיינע תביעות איין מאָל 734 מאַרק, אַ צווייט מאָל 779 מאַרק.

נאָך זיין טויט (אַרום י. 1434) איז די פירמע אַריבער צו זיין פרוי אסתר (וואָס האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיטן רייכן אברהם פון אָפּעלן) און צו דעם זון זיינעם שמואל (Smoyl).

נישט געקוקט אויף די געלט־אויספּרעסונגען, וועלכע די פירמע איז אויסגעשטאַנען אין י. 1433, איז זי ווייטער געבליבן איינע פון די באַדייטנדסטע אין שלעזיע. אַ ראַיה, אַז זי האָט נאָך איינם צוועלבן יאָר דורכגעפירט אַזאַ גרויסע טראַנזאַקציע, ווי אַ הלוואה פון

1000 אונגאַרישע גילדן, וועלכע עס האָט ביי איר גענומען די שטאָט נייסע.

לעבן דעם מינסטערבערגער באַנק-הויז האָט זיך פאַרשאַפט אַ שם דאָס עלסער באַנק-הויז, וואָס האָט באַלאַנגט צו מ י כ א ל פון ר ײ כ ע נ ב א ך: וועגן די געלט-אויספּרעסונגען, וועלכע מיכאל האָט געהאַט אויסצושטיין אין די יאָרן 1418—1423 האָבן מיר שוין דער-מאָנט אויף אַן אַנדער אָרט.

דאָ שטרייכן מיר בלויז אונטער, אַז די „שטראָפן" זיינע האָבן איינמאָל באַטראָפן 1.128 מאַרק, דאָס צווייטע מאָל 778 מאַרק — און דאָס באַווייזט נאָר, אַז דער באַנקיר האָט געהאַט אין זיין רשות זייער באַדייטנדיקע קאַפּיטאַלן.

אין י. 1417 איז אים דער ברעסלער שטאָט-ראַט געווען שולדיק 754 מאַרק, אין י. 1414 — 860 אונג. גילדן.

נאָכן טויט פון מיכאל רייכענבאַך איז זיין באַנק-געשעפט אַרי-בער צו אַ געוויסן י ק ו ת י א ל, וואָס האָט געוואוינט אין ברעסלע. אין י. 1434 האָט יקותיאל געהאַט צו מאָנען ביים ברעסלער שטאָט-ראַט אַ סכום פון 1240 מאַרק. ער האָט אָבער ביי דעמדאָזיקן גע-שעפט פאַרלאָרן גאַנצע 800 מאַרק, וואָרים אַזויפיל האָט באַטראָפן די „שטראָף", וועלכע ער האָט געמוזט „אומגעצוואונגענערהייט" איינצאָלן לטובת דער שטאָט.

אין די ברעסלער אַקטן ווערט לעבן יקותיאלן אויך דערמאָנט דער ברודער זיינער מ ע ר ק ל, וואָס איז אויך געווען אַ באַנקיר. אין י. 1425 האָט זיך מערקל באַטייליקט אין אַ באַנקירן-קאָנסאָרציום, וואָס האָט פינאַנסירט אַ הלוואה פון 490 מאַרק פאַר דער שטאָט ליעגניץ.

צו די פירנדיקע באַנק-הייזער האָט צולעצט באַלאַנגט די בריגער באַנק-פירמע פון דעם ייד ש ל מ ה. וועגן דעם פאַרנעם פון שלמהס באַנק-געשעפטן זאָגן עדות אַ פּאָר ידיעות פון די יאָרן 1416—1417, וועלכע דערציילן אונז וועגן זיינע געלט-עסקים מיט דער שטאָט ברעסלע.

אין י. 1416 האָט ער מיט נאָך אַ פּאָר שותפים זיינע אַנטליען דער שטאָט אויף 3 שולד-בריוו אַ סכום פון 1.188 1/2 מאַרק. וויפל ס'האָט דעמאָלט באַטראָפן זיין חלק, איז נישט באַוואוסט. זיכער איז אָבער, אַז ער האָט געהאַט צו ברעסלע נאָך פון פריער פאַרשיידענע

געלט-תביעות, וואָרים ביי אַן אָפּרעכענונג, וועלכע די שטאָט האָט מיט אים געמאַכט אין י. 1417, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס קומט אים אַ ריזיקער סכום פון 2.389 מאַרק.

שלמהס אַ זון, מיטן נאָמען משה, באַגעגענען מיר אין די 20-קער יאָרן אין ברעסלוי. ער איז געווען, ווייזט אויס, דער יורש פון דער פירמע און ער האָט זי, אַפּנים, אַריבערגעטראָגן פון ליעגניץ אין זיין ברעסלער וואוינאָרט.

אין די קוועלן ווערן אויך דערמאָנט פאַרשיידענע געלט-געשעפטן זיינע מיט דעם בישאָף פון ברעסלוי, מיט די הערצאָגן פון מינסטער-בערג, הייגאַו, אָפּעלן און אַנדערע.

דעם פאַרנעם פון זייערע געשעפטן אילוסטרירט אונז אַ הלוואה פון 1000 מאַרק, וועלכע עס האָט ביי אים גענומען דער ברעסלער בישאָף (1427).

נאָכדעם, ווי משה האָט פאַרלאָזט ליעגניץ, זענען אין דער שטאָט געבליבן אייניקע קלענערע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אין י. 1432 באַוויזן צו געבן דעם שטאָט-ראָט אַ הלוואה פון 1000 גילדן (500 מאַרק) אויף צו פאַרבעסערן די שטאָט-מויערן.

פון צופעליקע אָפּרעכענונגען, וואָס זענען אונז פאַרבליבן פון די יאָרן 1414, 1417 און 1433, דערוויסן מיר זיך, אַז די גרויס-יידן פלעגן נעמען ביי די שטעט זייער קליינע צינזן, דהיינו, 9, 10, 11 1/2 ביז העכסטנס 12%.

די קאַטאַסטראָפע פון י. 1453 האָט אַ סוף געמאַכט צו די גע-ציילטע גרויסע באַנק-הייזער פון די יידן: די פאַרמעגנס זענען צום טייל קאָנפיסקירט אָדער סתם צעשלעפּט געוואָרן; צום טייל האָבן זיי אינאיינעם מיט די גירושים אויסגעוואַנדערט פון שלעזיע.

אין די ווייניקע שלעזישע קליינע שטעט, וואו די יידן זענען נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער בייטש פון די גירושים, זענען פאַרבליבן בלויז ווייניק פאַרמעגלעכע פּראָ-צענטניקעס, וואָס האָבן געוואוכערט צווישן האַנטווערקער און פויערים. קיין גרעסערע טראַנזאַקציעס ווערן אונז פאַר דער צייט נאָך דעם יאָר 1453 נישט פאַרצייכנט. די גרעסטע געלט-הלוואה פון אָט דער צייט שטייגט נישט איבער קיין 100 גילדן.

די שלעזישע הערצאָגן און שטעט, וואָס האָבן זיך געניוויטיקט אין גרעסערע געלטער, פלעגן זיך, אין דער צווייטער העלפט פון

15-טן אוןביים אָנהייב פון 16-טן י״ה, ווענדן צו יידישע באַנק-פירמעס אין פויזן אָדער פראַג. אַ ראַיה, אַז דאָס ביסל יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד, זענען פאַרן גרויס-קרעדיט נישט געקומען מער אין באַטראַכט.

§ 114 דער ווירטשאַפטלעכער פאָן פון די רדיפות אויף יידן אין בעמען, מערן און שלעזיע.

פון די רדיפות, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט אין דער טאַבעלע צום סוף פונם פאַריקן קאַפיטל, ווערט נאָר אַ טייל אויף אַזוי ווייט באַלויכטן דורך די אויפגעהיטע קוועלן-מאַטעריאַלן, אַז מען קאָן זיך שאַפן אַן אָריענטאַציע וועגן די סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען צו זייער אויפקום און פאַרשפרייטונג.

מיר וועלן ברענגען די פאַקטן, וואָס לאָזן זיך פאַר אונזער צוועק אויסטיילן פון די קוועלן-ידיעות. גלייכצייטיק באַנוצן מיר זיך אויך מיטן כראָנאָלאָגישן סדר און מיר שטעלן זיך אָפּ קודם-כל ביי די רדיפות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה.

וואָס שייך די שלעזישע „יידן-שריפות״ פון די יאָרן 1360—1362, לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז זיי האָבן זיך צעפלאָקערט אין צו-זאַמענהאַנג מיטן „שוואַרצן טויט״, וואָס האָט ערשט אין דידאָזיקע יאָרן דערגרייכט דאָס שלעזישע געביט.

אַ סך וויכטיקער איז נאָך אַ צווייטע פעסטשטעלונג, און דאָס איז דער פאַקט, וואָס ווערט אונז איבערגעגעבן וועגן די „יידן-שריפות״ אין די שטעטלעך גוהראַו און בריג, אַז די רעדל-פירער פון די פאָגראָמען זענען דאָ געווען מענטשן פונם האַנט-ווערקער-קלאַס, בעת די הערצאָגן האָבן געפרוואווט צו שיצן די יידן.

פון גוהראַו איז פאַרבליבן אַ ליסטע פון די אָרטיקע האַנט-ווערקער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן פאָגראָם.

אין בריג האָט דער הערצאָג פאַרפירט אַ שטרענגע אונטער-זוכונג קעגן די „יידן-ברענער״, אָבער זיי זענען סוף-כל-סוף צוליב אַ השתדלות פונם קיסר באַפרייט געוואָרן פון תפיסה.

פון די כראָניק-באַריכטן וועגן דעם מוראדיקן פראָגער פאָגראָם

אין י. 1389 דרינגט אַרויס, אַז דער „יידן-מאָרד" איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן המון אונטער דער פירונג פון גלחים, וואָס האָבן פאַנאַטיזירט די מאַסע מיט דער הילף פון אַ ביבל וועגן האָסטיען-שענדונג.

די כראָניסטן באַמערקן דערביי, אַז דער פּאָגראָם האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער אָפּוועזנהייט פונם יידישן שוצהאַר — דעם קעניג ווענצל, אָבער קעגן דעם ווילן פונם מאַגיסטראַט, וואָס האָט געפּרואווט דורך באַרואיקנדיקע מוסר-ווערטער איינצוהאַלטן דעם המון פון די געוואַלדטאַטן.

אין אַ באַריכט וועגן דעם פּאָגראָם, וועלכן דער פּראָגער שטאָטראַט האָט צוגעשיקט דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט *), דריקן אויס די פּראָגער ראַטמענער זייער באַדויערן צוליב די טרויעריקע פּאַסירונגען און באַטאָנען, אַז זיי האָבן געלעבט אין גוטע באַציונגען מיט די יידן און אַז דער כבוד זייערער איז צוליב דעם לגמרי נישט פאַרשוועכט געוואָרן, וואָרים די יידן פלעגן זיי קומען צו הילף מיט זייערע פאַרמעגנס, ווען זיי האָבן זיך אַמאָל געפונען אין אַן עת-צרה.

בכן זעען מיר, אַז צו דעם פּאָגראָם האָט גורם געווען, פּונקט ווי בעת די שלעזישע פּאַסירונגען אין די יאָרן 1360—1362, אַ באַוועגונג פון האַנטווערקער און סתם „מענטשן פון דער מאַסע", וואָס האָבן אויסגענוצט די אָפּוועזנהייט פונם יידן-שוצהאַר און די שוואַכקייט פונם מאַגיסטראַט, בכדי אויסצופּלינדערן יידיש האָב און גוטס און פּטור צו ווערן פון דריקנדיקע חובות.

מיר גייען איבער צום קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס באַלאַנגט צו די רדיפות אין משך פון 15-טן י"ה: וועגן די סיבות, וואָס האָבן אין יאָר 1401 גורם געווען צו די גירושים און „יידן-שריפות" אין אייניקע שלעזישע שטעט (בריג, שטריגאַו און גלאָגאַו) איז שווער גענוי צו רעדן, ווייל עס פעלן די געהעריקע באַריכטן.

צו די רדיפות אין די יאָרן 1418—1420 האָט, ווייזט אויס, גיכער גורם געווען דער רעליגיעזער פאַקטאָר (דער קאַמף קעגן דער

*) אַ פראַגמענט פונם דאָזיקן באַריכט האָבן מיר פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין אונזער יידיש-פּוילישער ווירטשאַפטס-געשיכטע (Studja nad stosunkami gospod. Żydów w Polsce, 1911, ז. 143.

הוסיטן-באַוועגונג און דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס איז צוליב די קאַמפן פאַרשטאַרקט געוואָרן ביי די מאַסן, איידער דער ווירטשאַפטלעכער.

אַ זיכערן באָדן פון געהעריקע קוועלן-ידיעות באַטרעטן מיר ערשט אין באַצוג צו דעם עגערער גירוש פון י. 1430 און צו דער שלעזיש-מערישער קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1453—1454.

דער עגערער גירוש איז פאַראָרדנט געוואָרן דורכן קעניג צוליב אַ השתדלות פונם שטאָטראַט.

אין דעם גירוש-דעקרעט רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער שטאָטראַט „וואָלט גערן געשיצט די יידן", אָבער ער קאָן דאָס נישט טון, וואָרים דאָס וואָלט „די געמיינע מאַסע אַזוי צעררייצט קעגן די יידן, אַז עס וואָלט געקאָנט קומען צו אָנפאַלן. עס איז צו קלערן, אַז די שטאָט קאָן דערפון האָבן גרויסע צרות און שווערע שעדיקונגען". דעריבער וויל די שטאָט — אַזוי לייענען מיר ווייטער — באַצייטנס אויסמיידן די סכנה און זי בעט דעם קעניג, אַז ער זאָל פון איר דערווייטערן זיינע קאַמערקנעכט *).

עס איז קלאָר, אַז דער פּאַטריציאַט האָט זיך נישט געפילט גענוג שטאַרק, אום צו קאָנען באַהערשן אַ באַוועגונג מצד דער „געמיינער מאַסע" האַנטווערקער און סתם אָרעמעלייט, וואָס האָבן געקאָנט צעשטערן זיינע מאַכט-פּאָזיציעס אינם שטאָטראַט און מאַגיסטראַט. ער האָט דעריבער געאָפּפערט די יידן, וועלכע ער וואָלט גערן ווייטער געהאַלטן. די יידן האָבן עוקר געווען פון דער שטאָט.

עס זענען אַוועק 5 יאָר און דער פּאַטריציאַט האָט זיך צוריק דערפילט פעסט אויפן פערד. ער האָט די יידן צוריק פאַרבעטן אין

*) דידאָזיקע אויסערסט כאַראַקטעריסטישע שטעלע פונם גירוש-דעקרעט קלינגט אין אָריגינאַל אַזוי:

„ . . . und besorgen die Eltesten und der Rat, dieweil sy die Judischeit biszher also bey irem alten herkomen g e r n behalden und beschutzet haben, daz dann die gemein in solichen unwillen sy verdenken und uberfallen mochte, als zu besorgen ist, dorusz der egenanten unser Stat grosser unrat, verderben und vnauerwintlicher Schaden entsteen mochte". (Bondy—Dworsky: Rrgesten I, Nr. 220).

דער שטאָט און ער האָט נישט געהאַט מער קיין מורא, אַז דאָס קאָן, חלילה, צוריידן דעם געמיינעם מענטשן...

סיי די עגערער פּאַסירונגען פון די יאָרן 1430—1435, סיי די פריערדיקע פּראָגער געשעענישן פון י. 1389 האָבן אונז געוויזן, אַז די רדיפות אויף יידן זענען אין די בעמישע גרויס-שטעט נישט געווען קיין פּועל-יוצא פון קאָנפליקטן צווישן דעם רעגירנדיקן פּאַטריציאַט און די יידן, נייערט אַן אויסדרוק פונם האַס, וואָס האָט זיך אין דער מאַסע קליינע בעלי-חובות אָנגעזאַמלט קעגן דעם יידישן וואוכער.

מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דערזעלבער דערשיינונג, וואָס אין אַ ריי דייטשע שטעט, וואו די שטאָטראָטן פלעגן זיך באַנוצן מיטן יידישן וואוכער, ווי מיט אַ כלי-זיין פון אונטערדריקונג אין באַצוג צו האַנטווערקער-עלעמענטן, אום צו האַלטן אין צוים זייערע מאַכט-אַספּיראַציעס.

אַ חוץ דעמדאָזיקן פּאָליטישן מאָמענט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס דער פּאַטריציאַט פלעגט אין אַלגעמיין האָבן אַ גוטע באַציונג צו יידן, אויך מיט ריין מאַטעריעלע אינטערעסן.

פון די קוועלן ווערן מיר, נעמלעך, געוואויר, אַז דער פּאַטריציאַט פלעגט שטעקן מיט זיינע פּריוואַטע געלטער אין ... יידישע וואוכער-געשעפטן.

אום נישט צו ציען אויף זיך דעם פאָרוואורף, אַז ער האַנדלט אָפן קעגן די קירכלעכע צינז-פאַרבאָטן, פלעגט דער פּאַטריציאַט צושטיין צו די יידישע וואוכערניקעס אַלס שטילער שותף און געניסן אינאיינעם מיט די וואוכערניקעס פון די וואוכער-טראַנזאַקציעס.

לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד און עס איז וועגן דעם געקומען צו רייד אויף די סיימען פונם בעמישן אַדל.

איינער אַזאַ סיים, וואָס איז פאָרגעקומען אין י. 1487 האָט אפילו אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יעדער קריסט, וואָס גיט יידן געלט אויף צו טרייבן געמיינזאַם וואוכער-געשעפטן, דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין קעניגלעכן געריכט און באַקומען דעם געהעריקן פּסק.

דאָס האָט אָבער לגמרי נישט געשטערט, אַז די רייכע קריסטן

פונם פּאַטריציער-שיכט זאָלן ווייטער טרייבן זייערע געלט-עסקים מיט יידישע וואוכערניקער.

אַנדערש האָט אויסגעזען די סיטואַציע אין שלעזיע, ווען עס איז געקומען צו דעם מוראדיקן אויפרייס אין די יאָרן 1453—1454.

די שוצהאַרן, וואָס האָבן אוממיטלבאַר גענאָסן פונם יידישן רעגאַל, האָבן ביז די אויערן געשטעקט אין חובות ביי יידן. ביי אַזאַ לאַגע האָבן די יידן פאַרלאָרן יענע שוץ-באַזע, אויף וועלכער זיי האָבן זיך געקאָנט האַלטן לגבי דער באַוועגונג פון דער „געמיינער מאַסע״ קליינע בעלי-חובות: האַנטווערקער און פויערים.

סיי אויבן — אינם שררות- און פּאַטריציער-שיכט, סיי אונטן — אין די מאַסן האָט געהערשט איין און דערזעלבער געדאַנק: פּטור צו ווערן פון דער חובות-לאַסט, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די משא!

דער איינציקער שטער איז געווען דער אויבער-שוצהאַר פון די יידן — דער בעמישער קעניג!

פון דעם קעניג איז נישט לייכט געווען אַרויסצובאַקומען גירוש-דעקרעטן, אויב מען האָט אים נישט פאַרגעלייגט קיין אַנטשפּרעכנ-דיקע רעקאָמפּענסאַטעס. מיט די לעצטע האָט מען זיך אָבער נישט געוואָלט איילן און מען האָט ליבער געטראַכט וועגן... געוואַלד-טאַטן.

ווי מיר זעען עס פון דער טאַבעלעביים סוף פונם פאָריקן קאַפּיטל, איז דער שלעזישער באָדן זינט 15 יאָר פאַר דער קאַטאַ-סטראָפע געווען אַ וואולקאַניזירטער.

אין משך פון די 15 יאָר (1438—1453) לאָזן זיך אָנציילן נישט ווייניקער, ווי 6 גזירות, דהיינו: 5 גירושים פון די שטעט יאַוער, שטרעלען, ליעגניץ, בריג און נייסע, ווי אויך די יידן-אויספלינדערונג אין גלאָגאָו (1442).

ווען דער מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ האָט זיך אין י. 1453 באַ-וויזן אין שלעזיע, האָט ער דאָ שוין אָנגעטראָפן אַ בלאָטער, וואָס איז רייף געווען צום פּלאַצן... ער איז איצט געווען זייער געוואונטשן סיי ביי די פאַרשוילדיקטע הערצאָגן און ראַטמענער, סיי ביים אויס-געוואוכערטן המון!

קאַפּיסטראַנאָ האָט מיטגעפירט מיט זיך פולמאַכטן פונם פויפּסט ... צו פירן אַן אַקציע קעגן דער יידישער וואוכעריי. מען האָט

וועגן דעם געוואוסט און מען האָט דערמיט פאַרוועבט די אייגענע האָפענונגען...

ווען דער מאָנאַך האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ברעסלע, האָט אים אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער גאַסט־פריינטשאַפט די פאַט־ריציער־משפּחה גלאַץ, וואָס איז געווען – לויט די אויפגעהיטע קוועלן־פאַרצייכענונגען – שטאַרק פאַרשולדיקט ביי יידן. אין דער וואוינונג פונם גאַסט־געבער איז צוגעטראַכט געוואָרן דער טייוולאָנישער מאָרד־פּלאַן.

מען האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַקציע קאָן נישט געפירט ווערן אונטערן אָפענעם לאָזונג: „יידן־שולדטויטונג"! עס וואָלט זיך דאַן געשטעלט די פראַגע, צי דער אויבער־שוצהאַר – דער בעמישער קע־ניג וואָלט דערויף מסכּים געווען, וואָרים נאָר דער קעניג אַליין האָט געהאַט אַ רעכט, צו פאַראָרדענען אַזאַ „שולד־טויטונג".

ס'איז דעריבער געבליבן, אַז מען דאַרף אינסצעניזירן אַ „מאַסן־פאַרברעך" פון יידן, און אַזוי איז אויך טאַקע געשען.

אין ברעסלע ווערט קעגן די יידן פאַרפירט אַ פּראָצעס וועגן אַ כלומרשטער האָסטיען־שענדונג. 11 יידן די „הויפּט־באַשולדיקטע" ווערן גלייך אַריינגעזעצט אין תּפיסה, צווישן זיי דער רייכער ייד אברהם פון אָפּעלן, דער צווייטער מאַן פון דער אונז שוין באַוואוס־טער אסתּר, צו וועלכער ס'איז בירושה אַריבער דאָס גרויסע באַנק־הויז פון אברהם מינסטערבערג.

דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון די געשעענישן ווערט געוויזן אין דער דערמאָנטער טאַבעלע. דאָס פייער האָט אַרומגענומען אַ ריי שלעזישע שטעט און עס האָט זיך אויך אַריבערגעכאַפּט קיין מערן.

בלויז פאַר ברעסלע זענען באַוואוסט ציפערן, וואָס אילוסטרירן די גרויס פון דעם פינאַנציעלן דערפאָלג, וועלכן ס'האָט געבראַכט די „יידן־שריפה".

מיר האָבן זיך ביי דידאָזיקע ציפערן אָפּגעשטעלט שוין אין פאָריקן קאַפּיטל.

ווי אַ פאַרענדיקונג פון דער אויסראָטונגס־אַרבעט, וואָס איז מיט אַזאַ מוראדיקן אימפּעט געפירט געוואָרן אין די יאָרן 1453–1454, קומען אויף די יידן־פאַרטרייבונגען פון נייסע (1468), גלאָגאַו (1484), גלאַץ (1492) און טראָפּאַו (1500).

פון נייסע זענען די יידן פארטריבן געוואָרן, נאָכדעם, ווי דער בישאָף — דער שוצהאר האָט פון זיי אויסגעפּרעסט לערך 2000 גילדן.

די יידן-וואַנדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט די רדיפות און גירושים, זענען אוועק מיט די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין ב ע מ ע ן, א ו נ ג א ר ן און פ ו י ל ן. די שטאַרקסטע וואנדערונגס-כוואליע איז אָבער געגאנגען קיין פוילן.

דאָרט אַהין וועלן מיר אויך ווענדן אונזער בליק אין די ווייטערדיקע קאפּיטלען.

קאַפּיטל פערציק

דער וואוקס פון די יידישע ישובים אין פוילן
(1500—1350)

§ 115 די פאַרשפּרייטונג פון די ישובים.

בעת אין מערב-אייראָפּע האָט דער יידישער אָרגאַניזם געגוסט, אַ געפּייניקטער פון כלערליי גזירות, האָט אַ טייל פון זיינע לעבנס-זאַפטן געזוכט אַ באָדן פאַר אַ נייער אַנטוויקלונג אין פוילן. אויף דער פוילישער און רוסישער ערד האָט אין דער באַהאַנדלטער תקופה אָנגעהויבן צוווימלען פון יידן—נע-ונדניקעס, וואָס זענען דאָ אַהער-געשליידערט געוואָרן פונם גיהנומדיקן מערב.

אויפן סמך פון קוועלן לאָזט זיך פאַר אונזער צייט דערווייזן אַן איינוואַנדערונג פון יידן פון דייטשלאַנד, בעמען, שלעזיע, אונגאַרן, ווי אויך פונם וויטן מערב, ווי, אַ שטייגער, פון איטאַליע און שפּאַניע.

גלייכצייטיק האָט זיך געטראָגן קיין פוילן אַ וואַנדער-שטראָם פון מזרח און דרום, ווי פון קאַפאַ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ירושלים.

די פוילישע קעניגן האָבן באַגינסטיקט די נייע יידישע תושבים. דאָס באַזעצן זיך פון די איינוואַנדערער פלעגט פאָרקומען אויפן יסוד פון קעניגלעכע „גלייט-בריוו". די שטאָט-ראַטן האָבן נישט געהאַט קיין שום דעה אין דער פראַגע פון צוגעקומענע יידן.

ס'ווייזט אויס, אַז אַפילו אין פּריוואַטע שטעט און דערפער האָבן זיך די איינוואַנדערער געמעגט באַזעצן אָן אַ ספּעציעלער דער-

ליבעניש פון די שררות, צו וועלכע ס'האָבן באַלאַנגט דידאָזיקע גיטער. אַ ראַיה, אַז די יידן אין פּריוואַטע מאַיאָנטקעס זענען ביזן סוף פון מיטלאַלטער געווען אונטערגעוואָרפן דירעקט דעם קעניג אָדער דעם וואָיעוואָדע—דעם פאַרטרעטער זיינעם אין יידישע ענינים.

וועגן דעם פאַרנעם פון דער יידישער אימיגראַציע זאָגט באַרעדעוודיק עדות די גרויסע צאָל שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע מיר באַגעגענען אין משך פון 15-טן י"ה יידישע ישובים.

ביז דעם סוף פון 14-טן י"ה לאָזן זיך אויפן פוילישן שטח דאָקומענטאַליש דערווייזן סך-הכל 10 קהילות. אין משך פון דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה קומען צו נייע 18 קהילות, אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה – שוין גאַנצע 33, אַזוי, אַז ביים סוף פון מיטלאַלטער לאָזן זיך פאַר פוילן פעסטשטעלן 61 קהילות.

די פאַרשפּרייטונג פון די יידישע ישובים אילוסטרירט אונז די דאָ געבראַכטע טאַבעלע (ז. 189).

דידאָזיקע טאַבעלע גיט אונז אַן אינטערעסאַנט בילד פון די ישובים-ענדערונגען אין משך פון 15-טן י"ה: ביזן סוף פון 14-טן י"ה ליגט דער שווערפּונקט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין גרויס-פוילן און צום טייל אויך אין קליין-פוילן, דאַקעגן אין משך פון 15-טן י"ה באַקומען אַ וואָס גרעסערע באַדייטונג, פון איין זייט, די צפונדיקע שטחים פון קויאַווי און מאַזאָווש, פון דער אַנדערער זייט – די מזרחדיקע שטחים פון רויט-רייסן, וואָלין און פּאָדאָל.

§ 116 סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען.

ווי גרויס האָט געקאָנט זיין די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן בעת דער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ? פון גרויסע קהילות, לויט די היינטיקע באַגריפן, קאָן בכלל נישט זיין קיין רייד, וואָרים קיין גרויסע שטעט מיט אַ צאָלרייכער באַפעלקערונג זענען ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער בכלל נישט געווען אין פוילן.

די נייסטע פוילישע פאָרשונג שאַצט, למשל, אַזאַ שטאָט, ווי לעמבערג אויף קוים 4000 נפשות ביים אָנהויב פון 15-טן י"ה, און וועגן קראָקע און פּויזן ווערט אָנגענומען, אַז זיי האָבן סוף מיטלאַלטער געציילט נישט מער, ווי ביז 10.000 נפשות איעדע. דערביי

יידישע ישובים, וואָס ווערן דערמאָנט אין פּוילישע קוועלן פון יאָר 1350 ביזן יאָר 1500

ביזן יאָר 1400 ווערן דערמאָנט ישובים אין:	צווישן די יאָרן 1400 — 1450 ווערן דערמאָנט נייע ישובים אין:	צווישן די יאָרן 1450 — 1500 ווערן דערמאָנט נייע ישובים אין:
גרויס-פּוילן: 1. Poznań 2. Kalisz 3. Kościany 4. Kopaszew 5. Pyzdry **מאַזאָוושע:** 6. Warszawa 7. Płock **קליין-פּולן:** 8. Kraków 9, Sandomierz **רייסן:** 10. Lwów	**גרויס-פּוילן:** 11. Szamołuły 12. Konin **מאַזאָוושע:** 13. Czersk **פּאָמערן:** 14. Gdańsk—Danzig **קליין-פּוילן:** 15. Bochnia 16. Krosno 17. Tarnów 18. Żator **וואָלין:** 19. Łuck 20. Ostróg 21. Włodzimierz **רייסן:** 22. Bełz 23. Drohobycz 24. Gródek 25. Halicz 26. Hrubieszów 27. Przemyśl 28. Wojsławice	**גרויס-פּוילן:** 29. Gniezno 30. Łęczyca 31. Sieradz **קויאַווי (Kujawy):** 32. Brześć-Kujawski 33. Inowrocław 34. Kłodawa 35. Nieszawa 36. Włocławek **מאַזאָוושע:** 37. Błonie 38. Gostynin 39. Łomża 40. Nowa-Warszawa 41. Płońsk 42. Pułtusk 43. Rawa 44. Wyszogród **קליין-פּוילן:** 45. Jasło 46. Lublin 47. Proszowice 48. Sącz **פּאָמערן:** 49. Cerekwica **רייסן:** 50. Busk 51. Chełm 52. Dolina 53. Gliniany 54. Gołogóry 55. Jarosław 56. Kamionka 57. Lubaczów 58. Żydaczów **פּאָדאָליע:** 59, Buczacz 60. Kamieniec-Podol. 61. Międzyboż

דאַרף געגומען ווערן אין אַכט, אַז די אויסגערעכנטע 3 שטעט זענען דעמאָלט געווען בכלל די גרעסטע אין פוילן. איז שוין לייכט משער צו זיין, אַז אין קלענערע שטעט דאַרף די באַפעלקערונג געשאַצט ווערן בדרך-כלל אין הונדערטער און טיילמאָל אַפילו אין צענדליקער נפשות.

אַלס שליסל אויף צו באַרעכענען די צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה, קאָנען אונז דינען רשימות פון דעם אַזויגערופענעם „יערלעכן צענזוס" (census annuus), וועלכן די קהילות האָבן געצאָלט לטובת דעם קעניגלעכן אוצר. דער אָפּצאָל האָט באַטראָפן צו 4 גילדן פון גרויסע (דהיינו, געמויערטע) הייזער און צו 2 גילדן פון הילצערנע, קליינע הייזלעך.

נעמענדיק אין באַטראַכט די גרויס פון די אָפּצאָלן, וואָס ווערט אונז איבערגעגעבן דורך די קוועלן פונם סוף מיטלאַלטער, קומען מיר צו פאָלגנדיקע אויספירן:

א) די גרעסטע דריי קהילות אין פוילן, דהיינו פויזן, קראָקע און לעמבערג האָבן געצאָלט, איעדע צו 200 גילדן. אַ ראַיה, אַז זיי האָבן געהאַט מער אָדער ווייניקער אַ גלייכע צאָל יידן.

לויט דעם „צענזוס" קומט אויס, אַז אין יעדער פון די קהילות זענען געווען ביז 200/4 = 50 געמויערטע הייזער, וואָס זענען באַוואוינט געוואָרן פון יידן. דערמיט שטימט אַ קוועלן-ידיעה פון אָנהויב 16-טן י"ה, אַז אין פויזן האָבן דעמאָלט יידן באַוואוינט 49 הייזער (אויף דער אַלגעמיינער צאָל 392 קריסטלעכע הייזער).

היות, ווי אין אַ געמויערטן הויז האָבן געלעבט—ווי ס'באַווייזן דאָס סטאַטיסטישע ידיעות וועגן פוילן פונם 16-טן י"ה און אויך די שפּעטערע צוויי יאָרהונדערטער — דורכשניטלעך פון 28 ביז 30 נפשות (צוויי מאָל אַזויפיל, וויפל אין אַ הילצערן הויז), קאָן מען אָננעמען, אַז יעדע פון די דערמאָנטע 3 „גרויס-שטעט" האָט געציילט ביז 1.400 יידן.

על-כן קומט אויס, אַז אין דידאָזיקע דריי קהילות האָבן ביים סוף מיטלאַלטער געלעבט צוזאַמען אַן ערך 4.200 נפשות.

ב) וואָס שייך די איבעריקע 58 קהילות (פון די 61, וועלכע מיר האָבן צונויפגעשטעלט אין דער טאַבעלע), באַווייזן אונז אויפגעהיטע קוועלן-ידיעות וועגן דעם „צענזוס", וועלכן אייניקע פון זיי

האָבן געצאָלט דעם קעניג, אַז עס האָבן אין זיי עקזיסטירט דורכ־שניטלעך צו 12 הייזער מיט אַ צענזוס פון 2 גילדן פון יעדן הויז.

אין דערדאָזיקער טאַבעלע געפינען מיר די צענזוס־סכומים, וועלכע עס האָבן געצאָלט–לויט אויפגעהיטע מאַטעריאַלן – פאָלגנדיקע 7 קהילות:

קהילות	שטייער־יאָר	די גרויס פונם צענזוס
Brześć Kujawski	ante 1470	30 גילדן
Busk	ante 1517	25 „
Gniezno	1479	40 „
Kłodawa	1479	15 „
Łęczyca	1479	15 „
Międzyrzecze	ante 1520	16 „
Sandomierz	1501	19 „
	סך־הכל	160 ג.

די טאַבעלע ווייזט אונז, אַז 7 קהילות האָבן געצאָלט צוזאַמען 160 גילדן צענזוס, דהיינו צו 160/7 אָדער 23 גילדן איעדע קהילה. נעמענדיק דאָס אין אַכט, ווי אויך די פּראָפּאָרציע צווישן צענזוס און די הייזער אָדער נפשות, קאָנען מיר באַרעכענען, אַז אין די 58 דערמאָנטע קהילות האָבן געלעבט אַרום און אַרום ביי אַ 10.500 יידן (12 × 15 × 58).

די יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג האָט, אַלזוי, געציילט סך־הכל 14.700 נפשות (4.200 + 10.500).

דידאָזיקע צאָל דאַרף נאָך דערגאַנצט ווערן מיט דער

ג) צאָל דאָרפישע יידן, וואָרים מיר פאַרמאָגן פון דער באַהאַנדלטער תקופה מאַטעריאַלן, וועלכע באַווייזן, אַז אַ טייל יידן האָבן שוין בעתן 15־טן י״ה געוואוינט אין די דערפער.

אום צו באַרעכענען די צאָל דאָרפס־יידן, האָבן מיר בלויז איין שטיצפונקט און דאָס איז די פּראָפּאָרציע צווישן דער יידישער שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג, וואָס איז אונז באַוואוסט פון די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער.

אין 17־טן און 18־טן י״ה, וועגן וועלכע מיר פאַרמאָגן גענוי־ריקע מאַטעריאַלן, האָט דידאָזיקע פּראָפּאָרציע באַטראָפן 1 : 4, דאָס הייסט, אַז אויף איין דאָרפס־ייד זענען אויסגעפאַלן 4 שטאָטישע יידן.

פאַר דער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, איז כדאַי אָנצונעמען אַ ווייניקער גינסטיקע פאַרהעלטעניש, מחמת די יידן זענען דעמאָלט ווייניקער געווען פאַרשפּרייט איבער די דערפער, ווי אַ שטייגער, אין 18־טן י״ה. עס וועט מער אָדער ווייניקער שטימען מיט דערווירקלעכער לאַגע פונם 15־טן י״ה, ווען מיר וועלן אָננעמען אַ פּראָפּאָרציע 1 : 5. על־כן איז דער אויספיר, אַז די צאָל דאָרפישע יידן האָט געקאָנט ביים סוף מיטלאַלטער באַטרעפן 14700/5, דהיינו, 2.940 אָדער טאַקע די גלייכע צאָל פון 3.000 נפשות.

רעזומירנדיק, קאָנען מיר פאַר גאַנץ פּוילן ביים סוף פון מיטלאַלטער אָננעמען אַ יידישע באַפעלקערונג פון 3.000 + 14.700 אָדער די גלייכע צאָל פון 18.000 נפשות.